UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 64-65 - Fall 1971 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/61q507g3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 64-65(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1971

Copyright Information
Copyright 1971 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תּכּתבו ותחתמו




פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
**און געזעלשאַפטלעכע ענינים**

אָפּשלום פון 45-טן זמן
פון דעם לאָס אַנגעלעסער
יידישן קולטור-קלוב

# 65-64

## ערב ראש השנה תשל״ב

1971

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

# אינהאַלט


העניך בערמאַן: לכבוד ראש השנה תשל"ב — 3


## צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון הלל צייטלין זצ"ל


ריטמישע שורות פון הלל צייטלינס כתבים — יידיש פון אהרן צייטלין — 5

אהרן צייטלין: מיין פאָטער ז"ל — 9

משה שטאַרקמאַן: ר' הלל צייטלין — 12

רחל ה. קאָרן: ליד — 16

יצחק קאָלער: תנ"ך תרגום יהואש — 17

משה שקליאַר: לי־ער — 24

פעסיע פ. האַניגבוים: ליד — 25

אריה פאַזי: ד"ר מרדכי קאַפּלאַן — 27

פּינטשע בערמאַן: לידער — 34

אברהם גאָלאָמב: אונדזער פאַלק היינט — 35

ד"ר מנחם נאור: תנכישע צייט־באַשטימונגען — 38

רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: אַנטיסעמיטיזם אין אויפשטייג — 41

יוסף לעפטוויטש: יידן אין פּוילן — 44

סימע קאָזלאָווסקי־קאַרפּ: ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה — 51


## ביכער און שרייבערס


ישראל עמיאָט: אהרן צייטלינס נייַ בוך לידער — 52

א. גאָלאָמב: אַ רעדע פאַר יידישע אַקאַדעמיקערס — 55

שמואל סיגל: לילי בערגערס נייער באַנד דערציילונגען — 57

ברכה קודליס נייַ בוך לידער — 59


## אונדזערע אבידות


אליהו טענענהאָלץ — פון זלמן זילבערצווייג — 61

בערל סאָט (ס"ת) — 63

טרערן איבער קברים פון נאָענטע פריינד — פון ז. בונין — 64


## תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה


יהודה וואָלפסאָן: ראש השנה אין דער יידישער טראַדיציע — 67


## ל. א. יידישער קולטור־קלוב


שלמה צוקערמאַן: 45 יאָר ל. א. יידישער קולטור־קלוב — 80

נתן אַזאָלין אַ בן־תשעים — 82

י. טיללעס: תנחום ברייס — אַ בעל־יובל — 83

י. טיללעס: רשימה פון קולטור־קלוב אַוונטן — 85

סעם לעווין: דער מצב פון קולטור־קלוב — 87

אַ פאַרדיגטער דאַנק — 88

פינאַנציעלער באַריכט פאַרן 45טן זמן — פון ס. לעווין — 89

"PanAm has the only 747
Jets non-stop to Europe
via the time saving
polar route."

747 PanAm
The Europe Expert

**HESHBON**
*QUARTERLY LITERARY REVIEW*
A. POSY, *Editor*
S. BUNYAN, Secretary
7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel 776-1956
H. BERMAN, Administrator-Treasurer
1942 Pelhom Ave. — Los Angeles, Calif. 90025 — Tel. 270-3058
SIMA KARP, Financial Secretary
1753 N. Van Ness Ave., Los Angeles, Calif. 90028 • 467-7021 or 465-9941

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס,
מיטרעדאַקטאָר
ז. בוניק, סעקרעטאַר

# חשבון
פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
סימאַ קאַרפּ,פ'נ. סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, משה קאַפּלאַן
קאָנסולטאַנטן

26טער יאָרגאַנג, נומער 64־65 * ערב ראש השנה תשל״ב * לאָס אַנגעלעס, קאַליפ

העניך בערמאַן

## ראש השנה תשל״ב

### אַ. אַ דין־תורה מיטן רבש״ע

דאָס יאָר תשל״ב שליסט אָפּ דעם 27טן יאָר זינט דער באַפרייונג פון דעם ברעקל שארית הפליטה פון די קרעמאַטאָריעס פון די דייטשן און זייערע אַרויסהעלפערס, ימח שמם וזכרם.

יעדן יאָר, אין דער צייט פון די ימים נוראים, כאַפּט אַרום אַן אומרואיקייט און אַ ציטער, ווען מיר דערמאָנען זיך אין די פאַר אונדז צוגעגרייטע תפילות און ווידויים. מען פאָדערט מיר זאָלן זיך דערקלערן שולדיק, נישט נאָר פאַר די עבירות וואָס מיר געדענקען, נאָר אויך יענע עבירות, וועגן וועלכע מיר האָבן אפילו קיין באַגריף נישט. באַזונדערס זעץ איך אויס קעגן די פייטנים, וואָס פאָדערן מיר זאָלן פּראָקלאַמירן: מי יצדק לפניך בדין, כי לא יצדק לפניך כל חי וכ׳ (ר׳ לוי יצחק זצ״ל מבארדיטשעוו האָט יאָ גערופן דעם רבש״ע צו משפט). דער מאמר: חוצפה כלפי שמיא מהני — אַפּעלירט צום שכל הישר...

אמת, איך נעם זיך נישט אונטער צו זיין דער מליץ־יושר פאַרן כלל ישראל. ווי אַ יחיד ווענד איך זיך צום אל עליון. יאָ, איך ווייס, לא יוכל לדין עם שתקיף ממנו, בפרט ווען דו ביסט הדן יחידי. דו ביסט אָבער אויך אַן אל אמת, לא אל איש ויכזב. די שבועה מער קיין מבול נישט צו ברענגען — האָסטו פּראָקלאַמירט נישט געצוואונגענערהייט. אל אמת: דו האָסט אַליין איינגעזען די עוולה... בלתי ספק, אויך מיין משפט וועט זיין אמת וצדק. אל כל חי! ידבר עבדך דבר והטה אזנך ואל יחר אפּך. אין דבר נעלם ממך. אין וירא כ״ג איז פאַרשריבן: ויגש אברהם ויאמר: האף תספה צדיק עם רשע? חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע והיה כצדיק כרשע! חלילה לך! השופט כל הארץ לא יעשה משפט? ויאמר (ה׳) לא אשחית בעבור עשרה. מלך אלהי עולם! דיין „ויאמר“ איז אַ חוק ויסוד עולם, נישט נאָר פאַר יענע דורות... נישט שוין זשע זיינען צווישן די זעקס מיליאָן אומגעקומענע צוזאַמען מיט אַ מיליאָן קינדער, הי״ד, (ביי אונדז זיינען אַלע קדושים) נישט געווען צען צדיקים, לויט דיין „ויאמר“?

דער חזון פון נביא ישעיה, קאַפּיטל מ׳: נחמו, נחמו עמי, כי לקחה מיד ה׳ כפליים. אפילו אַ חזון קען נישט נעמען מער ווי כפל. אדון כל יצור: אוממעגלעך און נוצלאָז אויסצורעכענען די נגישות און צרות וואָס מיר האָבן געליטן און ליידן נאָך.

אַזאַ ציפער איז נאָך נישט געבוירן.
אב הרחמים, אין דבר נעלם ממך!

בשעת רותחתא (כעס) האָסטו באַנוצט דאָס זלזול־וואָרט: עם קשה עורף. אָבער גראָד איבער אונדזער קשה עורף האָבן מיר אויסגעהאַלטן 2000 יאָר גלות, געקלאַמערט זיך אין דיין הבטחה: כל הארץ הזאת אשר אמרתי אתן לזרעכם. דער קשה עורף האָט געהאַלטן מקיים זיין דעם גרעסטן טייל פונעם עשרת הדברות. אפילו אונדזערע קטגרים האָבן נישט די חוצפה צו באַשולדיקן אונדז אין יחלף אל אא״ו. דער קשה עורף האָט געהאָלפן דעם ישוב בכלל וחלוצים בפרט, לכתך אחרי במדבר

בארץ לא זרועה. דיין זילזול איז געוואָרן אַ נויטוועדיקייט.

דיין הבטחה איז סוף כל סוף מקוים געוואָרן. אַ ביסל צו שפּעט פאַר אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

אדון העולם, הבט משמים וראה, וויפל קרבנות פאַרלירן מיר, נאָכן קיום פון דיין הבטחה!

דער נביא ישעיה (נ"ו) רעדט אין דיין נאָמען:

כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף.
מי שאמר למבול די יאמר לצרתנו די!
אב הרחמן, זכור רחמך וכבוש כעסך,
עשה למען כבודך...

## ב. גדלות בתוך עניוות

ראש השנה ברענגט אַרויס אַמבולטסטן צום אויסדרוק די יידישע אייגנאַרטיקייט, און דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן אונדזער ניי־יאָר און דער ניי־יאָר פון אַנדערע פעלקער.

בעת ביי אַנדערע פעלקער איז דער ניי־יאָר אַ דאַטום פון בלויז פרייד, פון ששת ימי הילולא, איז ביי אונדז ראש השנה אַ יום־טוב פון חשבון הנפש, פון עשרת ימי תשובה, גייסטיקער באַנייונג, נאָכדענקען, חרטה אויף באַגאַנגענע פעלערן און נעמען אויף זיך די התחייבות פון פאַרבעסערן זיך.

דער צווייטער נשיא פון מדינת ישראל, יצחק בן צבי ז"ל, גיט זיין דעפיניציע וועגן ראש השנה:

„דער יום־טוב רופט זיך יום הזכרון און אויך ראש השנה. יום הזכרון הייסט: אַ טאָג פון דערמאָנונג, וואָס דערמאָנט אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט; בעת ראש השנה וויל זאָגן: דער אָנהייב פון ניי־יאָר, וואָס פילט אונדז אָן מיט האָפענונג אויף דער צוקונפט. אַזוי אַרום איז ראש השנה דער סינטעז פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט, אַ טאָג פון חרטה, אַ טאָג פון תשובה און האָפענונג פאַר דער צוקונפט, וואָס פאַנגט זיך אָן. ווי שיין איז דער העברעישער אויסדרוק: החיים נתונים בין הזכרונות והתקוה — דאָס לעבן געפינט זיך צווישן די זכרונות און האָפענונג."

ר' אברהם אבן עזרא פאָרמולירט דאָס: „העבר אַין, העתיד עדיין וההוה כהרף עין"—

די פאַרגאַנגענהייט איז שוין נישטאָ
די צוקונפט איז נאָך נישטאָ,
און די קעגנוואַרט איז אַ כהרף עין (אַן אויגנבליק).

די יידישע תפילות זיינען כמעט אַזוי אַלט ווי דער יידישער גלות, באַזונדערס דער אתה בחרתנו. דאָך חזרן מיר זיי איבער גאַנץ אָפט. אויך די מאָטיוון פון די תפילות זיינען נישט ניי, דאָך איז ווערט מיר זאָלן זיך אין זיי פאַרטראַכטן.

אַ סך קריטיקירן אונדזערע תפילות, איבערהויפּט איז דער כעס אויפן אתה בחרתנו. אויבערפלאַכלעך, ווען מען פאַר־טייטשט דעם אתה בחרתנו בוכשטעבלעך, קוקט דאָס אויס, ווי אַ פּראָקלאַמאַציע פון דער העכסטער גאווה, גרויסהאַלטעריי. (אגב איז גאווה איינע פון די קאַרדינאַל־סטע חטאים). אָבער— און דאָ קומט דער „אָבער":

אַ פאָלק וואָס טייטשט דעם אתה בחר־תנו ווי גאווה וואָלט קיין מאָל נישט פּראָ־קלאַמירט דעם:

אָשמנו מכל עם, בושנו מכל דור, אא"וו.

ווו איז נאָך פאַראַנען אַ פאָלק וואָס קלאָפּט זיך אין האַרצן נישט נאָר פאַר אייגענע חטאים, נאָר נעמט אויף זיך דעם קאָלעקטיוון שולד פאַר די חטאים וואָס אַנדערע זיינען באַגאַנגען. (אַנדערש האָט דאָך קיין זיבען נישט צו שלאָגן זיך על חטא פאַר די זינד וואָס זיינען קיין מאָל נישט באַגאַנגען געוואָרן).

אַ פאָלק וואָס אין זיינע תפילות בעט זיך: „ויעשו כולם אגודה אחת", ווילן זיך פאַרבינדן מיט אַלע פעלקער גלייך אויף גלייך. די יידן פאַרלאַנגען אפילו נישט, אַז די אַנדערע פעלקער זאָלן אָננעמען זייער רעליגיע.

אַ פאָלק וואָס טוט תפילה נישט נאָר פאַר זיך, נאָר זיינען מתפלל פאַר אַלע פעלקער: „והופיע בהדר גאון עוזך על כל יושבי תבל ארצך"; אַ פאָלק וואָס בעט: „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה" — נישט די שלעכטע נאָר דאָס שלעכטס זאָל פאַר־שווינדן, די רשעות פונעם רשע מוז אַוועק.

אַ פאָלק וואָס הייבט אַרויס עניוות ווי די העכסטע מדרגה פון מאָראַלישע ווערטן.

אַ פאָלק וואָס שרייבט אין זיין תורה (פ' בהעלותך): „והאיש משה עניו מאד מכל אדם אשר על פני האדמה" — דאָס יידישע פאָלק האָט באַשאָנקען משהן מיטן גרעסטן כבוד — עניוות. דאָס הייסט, גדלות מתוך עניוות, במילא איז אַן אַבסורד חושד צו זיין דעם עם הספר מיט גרויסהאַלטעריי!

דאָס יידישע פאָלק איז אַן אתה בחרתנו פאָלק צוליב זיין עניוותדיקייט און אַנ־דערע ווערטן. פאַרלירן זיי די עניוות, פאַרלירן זיי זייער גדלות. דאָס הייסט אויך: גדלות מתוך עניוות...

דאָס יידישע פאָלק דערמאָנט אַ סך מאָל דעם אתה בחרתנו, כדי אונטערצושטרייכן און זיך דערמאָנען: אתה בחרתנו אָן פּרי־ווילעגיעס מיט מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מער אחריות, מער קדושה, מער זאָרג. ווייל דער אתה בחרתנו פאָדערט פון אונדז אַן אור לגויים, מוז אונדזער מאָראַלישקייט זיין אָן שום פלעקן.

דאָס וואָס אַנדערע פעלקער קענען זיך דערלויבן איז פאַר אונדז טאַבו! אויב מיר וועלן אַזוי טראַכטן ווען מיר זאָגן דעם אתה בחרתנו, וועט אונדזער עניוות נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן...

זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען שלום ושלווה צו דער וועלט בכלל און צו ישראל בפרט שנת שלום וברכה.



# 100 יאָר זינט דער געבורט פון ר' הלל צייטלין זצ"ל

## ריטמישע שורות פון הלל צייטלינס כתבים

יידיש: אהרן צייטלין

### א. דאָס געפינען

(פון: תפילות)

טיפענישן פון דער נאַכט.
שטיל און שלאָף. מיין האַרץ איז וואַך.
כ'בין וואַך. דו אויך. ביינאַנד לאָמיר הויזן.
כ'גיס אויס פאַר דיר מיין מורמל; גיסט דיין מורמל אויס פאַר מיר. העערסט די שטים מיינע, איך— דיינע. לאָמיר איינס ווערן אויף אייביק.

כ'שריי נישט מער פאַר דיר. גאָרנישט בעט איך. איך מיט דיר און דו מיט מיר.

זאָל איך זינגען מיין געזאַנג דיר?
שאַלן דיר מיין שאַלונג? טרערנגאָס פאַרגיסן?
געזאַנג און שאַלונג ווילסטו נישט.
טרער און קרעכץ באַדאַרפסטו נישט.
וואָס דאַרפסטו מיינע טרערן, וואָס דאַרפסטו מיינע זיפצן?
דיין בין איך אין גאַנצן.
וואָס דאַרפסטו מיין בענקען, מיין גלוסטן וואָס דאַרפסטו?
דיין בין איך אין גאַנצן.
וואָס דאַרפסטו רייד? וואָס טויגן ווערטער?
קום, טרעט אַריין אין מיר—וואָרטלאָז.

### ב. דאָס זוכן

(פון דער פילאָסאָפישער פּאָעמע: הצמאון — 1908)

איינזאַם האָב איך געבלאָנדזשעט, גע־זוכט מיין גאָט. כ'האָב פאַרבייגייערס געפרעגט:

„האָט איר מיין גאָט געזען? ווו איז ער?"

„די רו פון זיין כבוד איז צווישן אָפּ־געשיידטע געטער. דאָרט ווו בעל, יופּי־טער, בראַמאַ, געטער גרויסע און קליינע, דאָרט איז אויך ער. ער האָט געקריגט מיט דעם אָלימפּוס, מיט די געטער אַלע, נאָר דער סוף פון יעדן גאָט איז געקומען אויך אויף אים."

אַזוי האָט מיר געענטפערט איינער, אַ בחור, אַ שוואַרץ־אויגיקער, אַ גאָלדן־

לאָקיקער, העלע בלומען אַרום אים און שיינע יונגפרויען.

„צווישן די שאָטנס אונטערן בערגל — זיין קבר. אַ פרישער קבר איז עס. אונטערן לאַנצעט פון די וויסנשאַפטמענער איז ער געשטאָרבן. ס׳האָבן אים באַגראָבן די פילאָסאָפן, ס׳האָבן אים מספיד געווען די דיכטערס. גיי נאָר רעכטס, פון דאָרט פאַרנעם זיך צו אַ שמאָלן שטעג, וועסטו קברים אויף קברים דערבליקן: דער קבר פון דער אַלכעמיע, פון דער אַסטראָלאָגיע, פון ׳דאָס דינג אַן זיך׳, פון דעם אומבאַוווסטן, פון דעם וועלטווילן — דער קבר פון דער מעטאַפיזיקס הייליקטימער. און דו וועסט גיין ווייטער און איינזאַמע קברים וועסטו דערזען, און אין זיי — די רו פון דער מעטאַפיזיקס רעשטלעך: דער קבר פון דער נשמה, פון דער וויטאַלער קראַפט — — פון דעם אַ ל ץ, פון דער ערשטער סיבה, פון דעם אין־סוף. און דו וועסט זיך פאַרנעמען אַ ביסל אָן אַ זייט און דו וועסט דערזען אַ קבר־היגל און טויטבלומען וועסטו זען דאָרט, און צווישן די ביימער בלאָנדזשען פּאָעטן און פליקן די בלומען, און מיסטיקער שמועסן מיט שאָטנס. דאָרט, אונטער יענעם היגל — דיין אָפּגעשיידטער גאָט.״

אַזוי האָט מיר געענטפערט אַ צווייטער: אַ פליכיקער זקן, וואָס זיצט אויף אַ קאַטעדרע און אַרום אים סקעלעטן, ביינער, אָדערן.

„נישטאָ חוץ מיר קיין גאָט! איך בין אַלץ — און אַלץ אין מיר. געטער שאַף איך און צעשטער. פון מיין גייסט אַרויס טו איך זיי שאַפן. און אַ ווינט גייט איבער זיי אַריבער און זיי ווערן ווי נישט געווען. וואָס מאַטערסטו זיך? וואָס זוכסטו, אַן איינזאַמער, צווישן די קברים? האַק דיר אויס אַ גאָט פון אייגענעם געמיט, און צאָרנסטו אויף אים, צעברעך אים. אויב שווער איז דיר און ביטער, האַק דיר אויס פון דיין געמיט אַ גאָט אַן אַנדערן, אַ זיבן מאָל שענערן.״

אַזוי האָט מיר געענטפערט דער דריטער, און דער דריטער איז געווען אַ פּאָעט.

„פאַר וואָס זאָלסטו זוכן גאָט, ווען ער איז אין דיר, אין לויף פון דיין בלוט, אין קלאַפּ פון דיין האַרץ, אין יעדן באַוועג, אין יעדער פילונג, אין יעדן צאַפּל, אין מחשבה גרויסער און קליינער, אין יעטוועדער פאַרשטעלונג און זעונג, אין איטלעכער בלום, אין שטורעם און רו, אין שטילקייט און קול, אין ריזנבאַרג און אין קערנדל זאַמד, אין גיגאַנט און וואָרעם, אין גרעבסטער ממשות און אַלעריינסטן גייסט. אומעטום זעסטו אים — ער איז אַלץ.״

אַזוי האָט געענטפערט דער פערטער.

„קער זיך אום, פאַרבלאָנדזשעטער, קער זיך אום צו דיין גאָט דעם שוין אַנטפלעקטן. וואָס נישטערסטו, וואָס זוכסטו דעם געפונענעם? צום גאָט פון דיין פאָטער קער זיך אום, צום גאָט, וואָס האָט זיך אין סיני געוויזן.״

אַזוי האָט מיר געענטפערט דער פינפטער, אַ זקן אין טלית געהילט, מיט תפילין באַקרוינט, און אַרום אים אומציילִיקע ספרים.

## פון דער שרעקלעכער בענקשאַפט פון די אייביקייטן

(פון: הצמאון)

נישטאָ אויך אין די בערג קיין מנוחה. גייסט אַרויף אויף אַ מאַכטיקן באַרג, קלייבסט דיר אַ רואיק ווינקל אויס. אַ מענטש אַ טוריסט וואַנדלט דאָרט נישט, אַן אינדיין פון די בערג בלאָנדזשעט דאָרט נישט, פאַרשטומט יעדע חיה־שטים אונטן. דאָס באַרג־באַווינערשאַפט שלאָפט. עס שלאָפט דער גאַנצער באַרג זיין שלאָף דעם פאַרהוילענעם. אין דיין ווינקל זיצסטו, אין אייביקער שטילקייט פאַרזינקסטו. דער קלער פון דער גרויסער שטילקייט קלערסטו, צו דער נקודה פון ג אָ ר נ י ש ט דערקלעטערטסטו.

פלוצונג דערגרייכט צו דיין אויער דעם וואַסערפאַלס ווידערקלאַנג. נידערן וואַסערן פון העכסטער הויך, שטראָמען, ברומען, צאָרענען, שפּרינגען איבער באַרגזייטן, צוואָגן די פּראַכטיקע פעלדזן, נעמען מיט אַלץ וואָס זיי טרעפן, שטרעבן צום טאָל צו, נידערן, נידערן, לעקן ערדישע זאַמדן. אויף טויזנט־טויזנטער קולות ריידן זיי, טויזנט־טויזנטער לידער זינ־



גען זיי אויס. און דו, בן־אדם, הערסט דאָס אַלץ — ביזט טויב ווערן. פאַרנעמסט נאָר פון דעם אַלעמען: ברום און שטרעבונג, ליבע פון הויך צו נידער, דעם ווילן פאַרזונקען צו ווערן, זיך אַרונטערצולאָזן, צו געבן, צו זעטיקן, משפּיע צו זיין; דאָרשט פון דעם גייסט, קלאָג פון ריזן, שוואַכקייט פון אַלערגרעסטער גבורה, שרעקלעכע בענקשאַפט פון די אייביקייטן.

ברומען, ברומען די עלעמענטן: זיי זיינען אַלץ — און ס׳פעלט זיי אַלץ.

## ד. וואַלד, אָדער וועלט־געפיל

(פון: שירה ותפילה — 1904)

אונטער דיין גרין־באַפליגלטער דעק וואַנדל איך, אוראַלטער וואַלד. כ׳פאָרש דיין פאַרצייטיקן סוד, פאַרנעם דיין זינג און דיין זאָגן.

כ׳הער דיין מורמל ביי טאָג און ביי נאַכט, באַגינען און טאָגמיט, ווען זון לייכט אפער, ווען זון זינקט אַרונטער.

כ׳זע דיך אין שיין פון דער זון, אין בלייכן פלאַם פון די שטערן.

טוען זינגען דיינע פייגל, טוען שאָרכן דיינע צווייגן, טוען ריידן דיינע סודות.

דערציילסט פון ווילן שטאַרקן און רייכן, ווילן טיפן און גרויסן.

פון לעבן דערציילסטו און שפע, פון גבורה און ווידערשטאַנד.

— — — — — — — — — —

אויגן דערמאָנסטו מיר, וואָס פאַרלירן זיך אין דער גרויסאַרטיקער שיינקייט פון די הימלען —

הענט צום באַשעפער געשפּרייטע — אַלץ וואָס פּראַכטיק איז און הייליק.

אָבער אויך דיין ווי בלייבט נישט פרעמד מיין געהער.

ווי טרויעריק איז דאָס פויגללּיד אין דיין אַלטער טונקעלער טיפקייט.

## ה. ישראל אין דער אייביקייט

(פון: דבר לעמים — 1928)

אומדאַנקבאַרע איר! ס׳ליכט פון דער וועלט לעשט איר אויס — און אין ליכטיקייט ווילט איר אומגיין?

גאָטס כלי צעברעכט איר — און איר ווייין ווילט איר טרינקען?

מיט זאַמד און שטיין פאַרשטאָפּט איר דעם ברונעם פון הילף און גנאָד — און געהאָלפן ווילט איר ווערן?

ישראל איז דער ברונעם, וואָס אין־סוף האָט געגראָבן. חוץ אים — נישטאָ קיין ברונעם וואָס זאָל מיט שפע פון געטלעכקייט שטראָמען.

ווען דער הייליקער, געבענטשט איז ער, קלייבט עמיצן אויס — קלייבט ער אים אויף אייביקע אייביקייטן אויס.

און האָט ער אויסדערווילט ישראל — נישט אויף אַ צייט האָט ער אים אויסדערווילט, נייערט אַז שטיין זאָל ער פאַר אים און דינען אייביק.

ווער ס׳האָט צו פלאַנעטן געזאָגט: טוט קרייזן; ווער ס׳האָט צום ים געזאָגט: זאָלסט שטראָמען; ווער ס׳האָט געזאָגט צום בוים: זאָלסט וואַקסן; ווער ס׳האָט לעבן אַלעמען געשאָנקען און זיי גערופן: קינדער מיינע, — דער האָט אויך ישראל גערופן און צו אים געזאָגט: מיין זון ביסטו דער ערשטגעבוירענער. שטיי פאַר מיר — מיין כוהן זיי, מיין נביא, מיין משיח. מיין מלכות זיי אויף דער ערד. נצח און הוד זאָלסטו זיין. הייב זיך, דערהייב זיך, מיט תפארת באַקרוין זיך! ס׳האַרץ פון דער וועלט זאָלסטו זיין — חכמה, בינה, דעת. הויבונג איבער הויבונג דערהייב זיך, ביז צו כתר אַליין דערגיי, ביז צום וואָרצל פון ווילן, ביז רעווא־דרעווין.

## ו. ישראל אין גלות

(פון: מן הצד — נאָטיצן נאָך דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל)

כ׳האָב פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג - - -

שפּעט־נאַכטיקע שעה. אויף באַזעלס גאַסן בלאָנדזשע איך איינזאַם. ס׳איז אַלץ אַזוי פרעמד.

און ווידער גיי איך אויף דער בריק. אַרום אַ טויטשטילקייט. הימלען פינצטערע אויבן, וואַסער־פינצטערניש אונטן. כ׳קוק צו די הימלען אַרויף, קוק אַרונטער אין וואַסער. אַ חושכדיקע אימה באַפאַלט.

מיין וועג איז פינצטער— און פינצטער די וועגן פון מיין פאָלק.

ווער פאַרטרייבט די וויסטעניש? ווער יועט ליכטיק מאַכן?

אַטאָמען זיינען מיר, צעוואָרפענע אין תוהו.

פאַר זיך, פאַר זיך בלאָנדזשעט יעדער איינער, איטלעכער מיט זיין אומגליק.

איינער קען נישט, דערקענט נישט, פאַרשטייט נישט דעם אַנדערן.

בלאָנדזשענדיקע זיינען מיר, פאַרשטויסענע, פרעמדע.

דאָרט אָבער, דאָרט אין די הויכקייטן— ווייט פון מיר, העט ווייט —

דאָרט איז אַזוי, ווי שטערן עטלעכע וואָלטן אַפּערגעפינקלט, און צוביסלעך, צוביסלעכווייז דאָס הימל־חשבות פונאַנדערגעריסן.

דער האָפנונגס שטראַלן גנבענען זיך אין האַרץ אַריין.

— — — אין קאַמער פון געמיט ביי יעדן איינעם פון אייך זיצט אַ געפאַנגענער גואל. זאָל יעדער איינער פון אייך באַפרייען דעם גואל, וואָס זיצט אין אים געפאַנגען, און זיך לאָזן מיט אים איבער דער וועלט. — — —

זעט ! די קייטן פון גלות זיינען נישט א ו י ף אייך, נאָר א י ן אייך. ווילט איר — צערייסט איר דעם גלות...

## ח. גאָט אין דער געשיכטע

(פון : ספרן של יחידים)

דאָרט, ווו גאָט באַווייזט זיך—<br>ווערן תוהו־שטעט צעשמעטערט.<br>פאַלן טויערן פון בבל.<br>זינקען שטעט פון חטא.<br>שווינדן בערג פון חושך.<br>ווערן שלעכער אָפּגעהאַקט.<br>ווערן תפיסות אָפן.

## ז. ווי זיך פון גלות אַרויסצובאַקומען

(פון : דבר לעמים)

— — דער היכל פון אייער האַרצן שטייט און וווּנדערט זיך: ווו ביסטו, האַר? און דער האַר?

אָט שטייט דער האַר ביים היכלס שוועל: אויך ער שטייט וואַרטנדיק...

## ט. אליהו — היינט

(פון : דבר לעמים)

אַ מאָל איז אליהו אין שטורעם אַרויף צו די הימלען. היינט טראָגט ער זיך אין שטורעם איבער אַל די עקן פון דער ערד.

אין שטורעם טראָגט ער זיך— און זוך־געהילטער משיח מיט אים.



אהרן צייטלין / ניו־יאָרק

# מיין פאָטער

## ר' הלל גייט

דעם לעצטן חודש סיון איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט מיין פאָטער, הלל בר' אהרן אליעזר צייטלין זצ"ל, הי"ד, איז געבוירן געוואָרן, און אין חודש אלול איז געוואָרן ניין־און־צוואַנציק יאָר זינט זיין קידוש השם.

הלל צייטלין איז געוועזן דער איינציקער שרייבער ביי יידן, וואָס דאָס פאָלק האָט אים גערופן ביים ע ר ש ט ן נאָמען: ר' הלל. אַז אַ פוילישער ייד האָט געזאָגט: ר' הלל שרייבט אַזוי און אַזוי— האָבן אַלע געוווסט וועמען ער מיינט. ווען ער פלעגט זיך ווייזן אויף דער גאַס, פלעגן יידן אין מיטן דעם גאַסקאָך אַ רגע זיך אָפּשטעלן, נאָכקוקן און מורמלען:

„ר' הלל גייט..."

מיט ניין־און־צוואַנציק יאָר צוריק, בעת אַן אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן די נאַצים געפירט צום אומשלאַגפּלאַץ אַ ייד אין טלית־און־תפילין. עס איז געוועזן דער זעלבער, וואָס אַז ער פלעגט גיין אויף דער גאַס פלעגן וואַרשעווער יידן אים נאָכקוקן און זאָגן: ר' הלל גייט.

איך גלייב :

פון די הויכע וועלטן, וואָס זיין גרויס האַרץ האָט זיך אייביק געצויגן צו זיי, האָט מען אין יענער רגע אַרונטערגעקוקט אויף דעם ייד אין טלית־און־תפילין, נאָכגעקוקט אים בעת זיין לעצטן גאַנג אויף דער ערד און שטיל געזאָגט:

„ער גייט.—עס גייט צו אונדז ר' הלל."

## וואָס איז געשען אויפן אומשלאַגפּלאַץ

נאָך דער מלחמה איז קיין ניו־יאָרק געהאַט געקומען „פון יענער זייט" אַ וואַרשעווער ייד, וואָס איז געווען אויפן אומשלאַגפּלאַץ צוזאַמען מיט מיין פאָטער. זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך: ראָזענפעלד.

ער האָט דערציילט: דער צוג איז אַוועק קיין טרעבלינקע, אָבער הלל צייטלינען האָבן די נאַצים דערשאָסן באַלד אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

דער ייד האָט דאָס דערציילט מיט אַ געוויין. ער האָט געזען פאַר זיך עפּעס זייער אַ גרויליקע זאַך. וואָס איך האָב פון אים געקאָנט אַרויסבאַקומען, איז געווען, אַז פאַרן דערשיסן האָבן אים די פאַרשאָלטענע רוצחים געפייניקט.

וואָס איז געשען אויפן אומשלאַגפּלאַץ? פאַראַן אַ ווערסיע, אַז אויפן אומשלאַגפּלאַץ האָט מיין פאָטער גערופן יידן נישט אַריינצוגיין אין דעם צוג, ווּהין די טמאים האָבן זיי געשלעפּט.

## די קללה

דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, דער דיכטער, מחבר פון דעם „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ צייט אין הויז פון מיין פאָטער אויף שליסקע זעכציק. ער האָט פאַרלאָזט לאָדזש און האָט אין וואַרשעווער געטאָ געפונען פאַר זיך אָפּן מיין פאָטערס שטוב און האַרץ. ער דערציילט אין דעם פינקס, וואָס ער האָט דערנאָך געשריבן אין וויטעל (די ימח־שמם־וזכרם האָבן אים און זיין זון אַוועקגעשלעפּט פון דאָרט צוריק קיין פוילן), אַז איין מאָל, ווען מיין פאָטער איז געשטאַנען אין תפילה, האָט ער, קאַצענעלסאָן, געהערט, ווי ער פלעכט אַריין אין דאַווענען אַ קללה אויף די, וואָס ברענגען־אום גאָטס פאָלק. מיין פאָטערס אויסזען בשעת מעשה איז געווען אַזאַ אַז קאַצענעלסאָן האָט זיך אין שטומען ציטער צוגעקוקט און צוגעהערט. עס האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ רושם, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען: די קללה.

## דער קוק

אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה האָט מיר דער וואַרשעווער שרייבער, דער לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער פון

„היינט", י. מ. ניימאַן, געשריבן אַ בריוו פון ווילנע, וווּ ער — און אַנדערע וואַרשעווער — האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף זייער וואַנדערוועג (י. מ. ניימאַן האָט זיך דערנאָך צוגעשלאָגן קיין ארץ־ישראל און איז דאָרט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „דבר"). אין דעם בריוו האָט ער מיר געשריבן וועגן אַ ידיעה, וואָס איז געהאַט אָנגעקומען קיין ווילנע מכוח מיין פאָטער. אַ נאַצישער אָפיציר האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין פאָטערס וווינונג. ער האָט געזען פאַר זיך אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס זיצט פאַרטיפט אין לערנען. ער האָט געפאָדערט, אַז דער ייד זאָל זיך אויפשטעלן פאַר אים. מיין פאָטער האָט אים איגנאָרירט. ווען יענער האָט גענומען בושעווען, האָט מיין פאָטער זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך און האָט דערלאַנגט אויף דעם נאַצי אַזאַ קוק, אַז יענער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

דאָס האָט געקלונגען ווי אַ לעגענדע, אָבער שפּעטער האָב איך אַ ווערסיע פון דער זעלבער געשיכטע געפונען אין ז. סעגאַלאָוויטשעס אַ בוך (דאַכט זיך, אין זיינע „געברענטע טריט").

## אַ שמועס צווישן ביאַליקן און דרויאַנאָוון

דאָס, וואָס איך ברענג דאָ ווייטער, האָב איך געהערט פון אַן עד־ראיה און עד־שמיעה (מר. וואַקסער).

ביאַליק, דרויאַנאָוו און אַנדערע העברעישע שרייבערס האָבן זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין בערלין — אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, נאָך דעם ווי זיי זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון רוסלאַנד. בעת אַ שמועס מיט דרויאַנאָוון האָט ביאַליק געזאָגט:

„איך זיץ און קלער: ווי אַזוי האָט אויסגעזען אַ נביא ביי יידן?"

אויף דעם האָט דרויאַנאָוו געענטפערט:

„ווי הלל צייטלין."

## אַ בינטל באַמערקונגען

אין תל־אביב שטעלט מיך אָפּ איינער אַ ייד און פרעגט מיך, צי איך וואָלט געוואָלט הערן, וואָס אַזוינס מיין פאָטער האָט מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק געהאַט געזאָגט אים און אַ צווייטן וואַרשעווער יונגנמאַן וועגן דעם טייטש און אָפּשטאַם פון דעם וואָרט „תיפלה", וואָס גייט אין יידיש אויף אַ קלויסטער.

זיי — ער און זיין חבר — האָבן זיך וועגן דעם געשפּאַרט. זיינען זיי געקומען בעטן מיין פאָטער, אַז ער זאָל עס זיי דערקלערן.

האָט זיי מיין פאָטער געענטפערט, אַז „תיפלה" אויף אַ קלויסטער נעמט זיך פון דעם, וואָס עס שטייט אין ספר איוב: ולא נתן תיפלה לאלקים.

הרב שפּעטמאַן ז"ל, וואָס איז מיט אַ צאָל יאָרן צוריק נפטר געוואָרן אין לאָנדאָן, איז געווען דער רבי פון מיין ייִנגערן ברודער אלחנן (הי"ד). האָט ער מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט גענומען פאַרטייטשן אלחננען וואָס עס מיינט: וצדיק באמונתו יחיה, האָט זיך מיין פאָטער אָפּגערופן און געזאָגט:

„'וצדיק באמונתו יחיה' איז דער טייטש, אַז ביים צדיק איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן זיין גלויבן און זיין לעבן. מען דאַרף דאָ לייגן דעם טראָפּ אויף י ח י ה — אין זיין גלויבן ל ע ב ט ער."

געבוירן אין אַ שטעטל פון שאַרפע חבדניקעס, קאָרמע (מאָהילעווער גובערניע), האָט מיין פאָטער שוין צו זיבעצן יאָר געשמט ווי דער קאָרמער עילוי. זיין רבי אין חבד איז געווען דער קאָרמער רב, דוכמאַן, וואָס איז געווען אַ דירעקטער תלמיד פון דעם טיפן חבדישן דענקער ר' אייזיק האָמליער. אַחוץ דעם האָט מיין פאָטער פאַרבראַכט אַ יאָר צייט אויפן הויף פון רעטשיצער רבין.

שפּעטער האָט מיין פאָטער געלערנט די „חכמות הגויים". פון שפּראַכן האָט ער צום בעסטן באַהערשט רוסיש און דייטש. אין פילאָסאָפיע און וועלט־ליטעראַטור איז ער געווען גאָר באַזונדערס באַהאַוונט. פון שרייבערס האָט דעם שטאַרקסטן רושם געמאַכט אויף אים דאָסטאָיעווסקי. פון דעסטוועגן האָט ער מיר, ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור, געעצהט: דאָסטאָיעווסקין לייען נישט; ער וועט דיך קראַנק־מאַכן.



זייענדיק אין קיעוו האָט ער געשלאָסן פריינדשאַפט מיט דעם גרויסן פילאָסאָף און אויסגעצייכנטן רוסישן שריפטשטעלער, דעם ייד לעוו שעסטאָוו־שוואַרצמאַן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן ווי אַזוי שעסטאָוו האָט אים געהאַט רעקאָמענדירט ווי אַ תנ"ך־לערער ביי די שוואַרצמאַנס און האָט דערביי געזאָגט, אַז מען טאָר קיין שום זאַך אין דער תורה נישט טייטשן אַלעגאָריש, נאָר מען מוז אין די קינדער איינפלאַנצן דעם גלויבן אין געטלעכער אַנטפּלעקונג.

אַ מיסטיקער, און נישט נאָר אַ טיפער קענער פון קבלה, נאָר אַליין אַ מקובל, האָט מיין פאָטער אין דער זעלבער צייט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם שאַרפן און קלאָרן שכל פון אַ גמרא־ייד. פונקט ווי ער האָט שטאַרק פיינט געהאַט יענעם סאָרט ראַציאָנאַליזם, וואָס איז זיכער, אַז עס איז „נישטאָ קיין דופק", אַזוי האָט ער אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן טעמפּקייט פון תפיסה: ער איז געוווינט געווען תופס־צו־זיין גרינגלעך און שנעל.

געדאַוונט האָט ער שעהנלאַנג. עס איז געווען די אמתע עבודה. דער מיסטיקער אין אים האָט מייחד־געווען יחודים. ער פלעגט מתפלל זיין פאַרן כלל און פאַרן יחיד. ער האָט געהאַט מערקווערדיקע חלומות און זעונגען. בלויז אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרצייכנט אין זיין „על גבול שני עולמות" (אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן). אגב, אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע העברעישע כתבים, וואָס דערשיינען אין תל אָביבער פאַרלאַג „יבנה". דער ערשטער באַנד — „בפרדס החסידות והקבלה" — איז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס. אַ דריטער באַנד ווערט צוגעגרייט.*)

נאָכן דאַווענען, און נאָכן „אָפּפּטרן" דאָס שרייבן, פלעגט זיך מיין פאָטער אַוועקזעצן לערנען. ער האָט מקיים געווען דעם „והגית בו". אין „מאָמענט" האָט ער אָפט געשריבן רעצענזיעס וועגן הלכה־ספרים, און עס איז ביי אים געווען אַ יום־טוב ווען עס פלעגן אים באַזוכן רבנים און ער האָט געקאָנט מיט זיי שמועסן אין לערנען.

ער האָט ווייניק נחת געהאַט פון דעם אופן ווי אַזוי מענדעלע מוכר־ספרים שילדערט יידן. ער האָט אָבער געפונען אויף מענדעלען אַ זכות: ער, מענדעלע, איז אַ ייד אַ למדן...

געווען אַ צייט, ווען מיין פאָטער האָט אַריינגעטייטשט זיין אייגענעם יידישן געמיט אין די ווערק פון אַ ניטשע, אָבער שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן אַן עסיי: „בקורת האדם" (קריטיק פון דעם מענטש), ווו ער האָט, נאָך אַ טיפן אַנאַליז פון ניטשעס פילאָסאָפיע, באַוויזן ווי אַזוי און פאַר וואָס ניטשע האָט געבלאָנדזשעט.

ער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: מיר יידן קאָנען בכלל נישט פאַרשטיין די גוים. מיר טייטשן אַריין אין זיי אונדזערע אייגענע געפילן און מחשבות. וואָס עלטער איך ווער, מער זע איך דאָס איין.

ער האָט אויך רעווידירט זיין אַמאָליקע באַציונג צו שפינאָזאָן און האָט באַדויערט הלמאי ער האָט אין די יונגע יאָרן געהאַט אָנגעשריבן וועגן אים אַ ווערק. דער אמת איז, אַז שוין אין יענעם יוגנט־חיבור האָט ער בפירוש אָפּגעפרעגט שפינאָזאַס רייד און טעאָריעס וועגן יידן. ער איז תמיד געווען — הלל צייטלין.

און צום סוף — אַן עפּיזאָד וואָס איך מוז דערציילן.

מיט יאָרן צוריק, נאָך מיינער אַ לעקציע אין טאָראָנטאָ, גייט־צו צו מיר אַ דאָרטיקער איינוווינער, אַ ייד פון פוילן, און דערציילט:

— זיכער ווייסט איר, אַז אייער פאָטער, ר' הלל, פלעגט אָפט באַזוכן דעם אָסט־

---

*) דערצו זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז אין פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, זיינען דערשינען צוויי בענד יידישע שריפטן פון הלל צייטלין. אין דעם ערשטן באַנד — „ר' נחמן בראַצלאַווער" (דער זעער פון פּאָדאָליע) געפינט זיך, ווי אַן אַריינפיר צום בוך, אַן אָפּהאַנדלונג: „מיין פאָטער" (הלל צייטלינס לעבן און שאַפן) פון אהרן צייטלין. די אָפּהאַנדלונג איז אויסגעפירלעך און ברענגט אַרויס די הערלעכקייט און ליכטיקייט פון דעם גרויסן הוגה דעות און קדוש ר' הלל צייטלין זצ"ל.

די רעדאַקציע

ראָווצער רבין, שמועסן מיט אים, פאַרשרייבן זיינע תורות. איין מאָל האָבן מיר, אָסטראָווצער חסידים, אים אַ פרעג געטאָן:

„ר׳ הלל, וואָס וואָלט אונדזער רבי געווען ווען ער זאָל נישט זיין קיין רבי?״

„אַן איינשטיין... מיט איינשטיינס קאָפּ — און מיט דעם האַרץ פון אַ הייליקן.״

ווען ר׳ הלל איז אַוועק, האָבן מיר געפרעגט ביי אונדזער רבין דעם אָסטראָווצער:

„רבי, וואָס וואָלט געווען ר׳ הלל ווען ער וואָלט נישט קיין שרייבער?״

„שייך וואָס? ער וואָלט געווען אַ רבי ביי יידן.״

---

משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# ר׳ הלל צייטלין

(אַ דערמאָנונג צו זיין הונדערטסטן געבוירנייאָר:
תרל״א־תשל״א, 1871־1971)

ר׳ הלל צייטלין, זכר צדיק לברכה, איז געווען אַ קדוש־עליון נאָך איידער ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין וואַרשעווער געטאָ אין עלטער פון 71 יאָר. ער האָט צענדליקער יאָרן געדינט די יידישע פאָלקסמאַסן אין פוילן און אין איינעם מיט זיי איז ער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס נאָך דעם ווי זיי האָבן אַראָפּגענידערט די דייטשן און אַנדערע פעלקער צוריק צו דער חיה־מדרגה פון דעם אורמענטש. זאָל דאָס פאַרצייכענען ס׳הונדערטסטע יאָר זינט הלל צייטלין איז געבוירן געוואָרן, דינען ווי אַ שעת הכושר צוריקצופירן די לייענערס צום ספרים־אַלמער פון זיינע ווערק, און ווי אַ געלעגנהייט אַרויסצוגעבן יענע כתבים זיינע, וואָס זיינען נאָך נישט פאַראַנען צווישן טאָוולען.

אין אונדזער צוויי־שפּראַכיקער, העברעיש־יידישער ליטעראַטור זיינען פאַראַנען עטלעכע שריפטשטעלערס, וואָס ס׳איז ניט מעגלעך איטלעכן פון זיי אַוועקצושטעלן אין אַ באַשטימטער שרייבערישער קאַטעגאָריע; די יצירה פון יעדן באַזונדערן יחיד אין דער דאָזיקער גרופּע איז אַזוי פילזייטיק און פון אַזאַ פאַרנעם, אַז אַ ספּעציפישע קאַטעגאָריע פאַר אַזאַ יחיד וואָלט געמיינט פאַרשמעלערן די ראַם, פאַרקירצן די קאַנווע און שעדיקן דאָס גאַנצע בילד. דערפאַר — „גדול מרבן — שמו״, דער נאָמען זאָגט מער ווי דער טיטול. פאַרן ווייסנדיקן לייענער מיינט

דער נאָמען הלל צייטלין אַ סך מער ווי ס׳וואָלט ווען דעם דערציילט דאָס אויסרעכענען די גייסטיקע געביטן, וואָס ער האָט זיי באַרייכערט מיט זיין פּרוכפּערדיקער פען. אויב מען זאָל יאָ וועלן כאַראַקטעריזירן דאָס לעבן און שאַפן פון הלל צייטלין דורכן באַנוץ פון אַ באַשטימטן טערמין, וואָלט מען אפשר געקענט נוצן דאָס וואָרט „סימבאָל״.

וואָס הלל צייטלין האָט אויפגעטאָן אין זיין לעבנסוועג און די רוחניותדיקע עשירות, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין נאַציאָנאַלן קולטור־אוצר פון יידישן פאָלק, סימבאָליזירן דאָס שענסטע, דאָס ליכטיקסטע און דאָס איידלסטע, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן מזרח־איראָפּעישן יידנטום בכלל, דעם שאַפערישסטן טייל פון וועלט־יידנטום במשך אַ סך דורות — זינט די שכינה בגלותא האָט באַגלייט יידישע וואָגלערס צו די מרחקים פון סלאַווישע העקן, ביז די סלאַווישע האַק־טרעגערס האָבן געהאָלפן די גערמאַנישע רוצחים אומברענגען די אור־אור־אייניקלעך פון די פאַרצייטיקע וואָגלערס.

הלל צייטלינס וויגעלע איז געשטאַנען אין ווייס־רוסישן שטעטל קאָרמאַ, אַ צענטער פון חב״דער חסידות. ער אַליין איז געווען אַן אָפּצווייג פון אַ שטאַם, וואָס האָט געוואָרצלט אין צוויי מיוחסדיקע משפּחות. שפּעטער איז דער צווייג אַליין געוואָרן אַ שטאַם, און באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט נאָך צוויי שריפטשטעלערס: אלחנן צייטלין, וואָס איז פּונקט ווי דער טאַטע אומגעקומען אויף קידוש השם, און אהרן צייטלין, יבדל לחיים ארוכים, וואָס איז פּונקט ווי זיין פאָטער, צוויי־שפּראַכיק און פילזייטיק אין זיין אייגענעם שאַפן. הלל צייטלין איז סימבאָליש אויך פאַר אַ גאַנצער ריי גדולי ישראל, וואָס כאָטש געבוירענע אין עטער, וואָס זיינען געווען אָפּגערוקט פון ווייטע טראַקטן, איז זייער השפּעה דורך בייוועגן אַרויף אויפן דרך־המלך, וואָס האָט געפירט צום יידישן פאָלקסלעבן מחוץ אַלע גרענעצן.

הלל צייטלין האָט דערגרייכט די רייפקייט פון פרי־יוגנט ערב דער שקיעה פון דער השכלה, וואָס האָט געהאַט, ווי יעדע גייסטיקע באַוועגונג, אירע אייגענע חיוב און שלילה — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן. די שרייערישע טרייב־קראַפט, ווי דאָס זוכן אַן אויסוועג פון דעם שווערן יידישן מצב, האָבן אים געפירט צו זוכענישן אין ערטער מחוץ מסורהדיקער יידישקייט. יעדער זוכער בלאָנדזשעט ביז ער געפינט דעם אמתן וועג. אַזעלכע שווערע זוכענישן און לאַנגע בלאָנדזשענישן זיינען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יונגן הלל צייטלין.

אין האָמעל, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט לערעריי, האָט דער יונגער צייטלין געטראָפן איינעם, וואָס האָט געטיילט זיין גורל — אַ תועה בדרכי החיים, אויך אַ יונגן שריפטשטעלער, יוסף חיים ברענער, וואָס איז, אַ סך פריער פון צייטלינען, אויך אומגעקומען אויף קידוש השם דורך אַראַבישע מערדער־הענט אין יפו, אינעם יאָר תרפ״א (1921). די טעג פון זייער ביידנס בלאָנדזשענישן האָט צייטלין שפּעטער געשילדערט אין רירנדיקע קאַפּיטלעך זכרונות, וואָס זיינען אין 1938 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״, און זיי האָבן פאַרדינט איבערגעדרוקט צו ווערן אין 1971, אין פופציקסטן יאָר פון ברענערס אומקום און צום הונדערטסטן געבוירנייאָר פון דעם מחבר פון די זכרונות.

פון זיינע בלאָנדזשענישן איז הלל צייטלין צוריקגעקומען אַ געלייטערטער, אַ באַרייכערטער. ער האָט זיך גופא צוריקגעפונען נאָכן צוריקגעפינען די אמונה און די דבקות, וואָס האָבן אים געוואַרעמט אין דער קינדהייט און בעתן אַנהייב פון זיינע יוגנט־טעג. דורך ניטשעיאַניזם און שפּינאָזיזם זיינען זיינע חושים פאַרשאַרפט געוואָרן כדי צו קענען אונטערשיידן צווישן אמת און דעם שקר, וואָס זעט אויס ווי אמת. די געלייטערטע מחשבה און דער קינסטלעריש־שרייבערישער טאַלאַנט, די צוריקבאַקומענע אמונה און די אַנטוישונג אין פרעמדע ווערטן, האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו קומען צום העברעישן לייענער און צום יידישן לייענער מיט פרישע ווערטן, מיט נייע אידעען, מיט הויכע וויזיעס און ברייטע פאָרמולירונגען — נייע און פרישע, אָבער באַפעסטיקטע אויף די יסודות פון יידישקייט, וואָס איז דער תוך און דער תוכן פון אַלמענטשלעכקייט. מיט זיינע אינספּירירטע און אינספּירירנדיקע מחשבות און שריפטן האָט צייטלין געשאַפן דעם נייעם יידישן הומאַניזם, און דעם דאָזיקן הומאַניזם פון יהדות האָט ער געגעבן אויף אַ שטייגער, וואָס עס האָט קיינער ביז אים ניט באַוויזן זינט דעם דערשיינען פון ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן.״

דער שרייבער פון די שורות געדענקט פון די ייִנגל־יאָרן אין זיין גאַניציאַנער היימשטאָט, לעבן זשאָלקווע, וואו ר׳ נחמן קראָכמאַל איז אַ לאַנגע צייט געווען בשעתו דער ראש הקהל — ווי אַזוי באַלד נאָך דער פאַרייניקונג פון גאַליציע מיט פוילן זיינען אָנגעקומען צו יחידי סגולה די בענד „התקופה״ פון די יאָרן 1919־1920. אידעאַליסטישע יוגנטלעכע האָבן אין צוגאָב צום לייענען צייטלינס אַרטיקלען אין די וואַרשעווער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, אויך געלערנט, יאָ, געלערנט בחברותא, הלל צייטלינס שטודיעס אין די „התקופה״־זאַמל־ביכער. פאַרן שרייבן די דאָזיקע שורות, לכבוד הלל צייטלינס הונדערטסטן געבוירנייאָר, האָבן מיר אויפגעמישט יענע בענד צו זען, וואָס האָט יידישע יוגנטלעכע געגעבן גייסטיק אין די אָנהייב־טעג פון דער „דריטער עליה״ קיין ארץ ישראל.

אין אַ באַשטימטן זינען האָט צייטלין ממשיך געווען נאָך דער ערשטער וועלט־

מלחמה די זעלביקע גייסטיקע אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן נאָך די שטורעם־טעג מיט בערך אַנדערהאַלבן יאָרצענדליק פריער, ביים אָנהייב פון דער „צווייטער עליה", נאָכן קעשינעווער פּאָגראָם, נאָך דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה און נאָך דער ניט־געלונגענער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געפירט צו קריזיס־טעג ביי דער יידישער יוגנט פּונקט ווי עס האָט דאָס שפּעטער געטאָן די יאָ־געלונגענע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע.

גלייך ווי צייטלין האָט פריער געראַטעוועט יידישע יוגנטלעכע מיט זיינע „בריוו"־סעריעס צו זיי, אַזוי האָט ער דאָס שפּעטער געטאָן מיט זיינע נאָך־מלחמה־דיקע יהדות־שטודיעס און מיט זיין הויך־מחשבהדיקער פּובליציסטיק. דורך צייטלינס ליכטיקער פּען זיינען באַלויכטן געוואָרן די שטאַרק־פאַרנעפּלטע הימלען און וועגן פון דער קבלה, און דער מאור שבחסידות האָט פאַרבלענדט די אויגן.

מיר בלעטערן די „התקופה"־בענד פון 1919-1920 און מיר לייענען די זעלביקע שורות, וואָס האָבן אינספּירירט יידישע יוגנטלעכע אין אַ פאַרוואָרפן גאַליציש שטעטל אונטער דער נייער געוועלטיקונג פון מלכות פּוילן; מיר לייענען די זעלביקע און ענלעכע אָפּהאַנדלונגען אין באַזונדערע ספרים. איטלעך זייטל, יעדער פּאַראַגראַף מאָנט ציטירט צו ווערן. מיר באַהעפטן זיי אין חשבון, ווייל ס'איז אין יענע פרשיות פון צייטלינס לערערס פּאַקטיש נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר:

„די כאַמע קלענסטע באַוועגונג פאַרצייכנט די באַוועגונג פון העכערע וועלטן. נישט בלויז די געבאָטן און מנהגים, נאָר אַלץ וואָס דער מענטש טוט, זעט, הערט, באַרירט און פילט, ווייזט אויף געמיטלעכקייט. אַלץ וואָס איז פאַראַנען אומעטום איז אַן אַרויסרוף, וואָס מאָנט ביים מענטש איבערצולאָזן דאָס אויבנאויפיקע, דאָס מאַטעריאַל־ערדישע און זיך טובל זיין אין געטלעכן לעבן. - - -

„דאָרט וווּ גאָט באַווייזט זיך, ווערן צעקרישלט די ווענט פון אומזין, ס'פאַלן איין די בבלער מויערן, ס'פאַרזינקען די זינדיקע שטעט, די בערג־פינצטערנישן, די ריגלען ווערן צעהאַקט און די טורמעס עפענען זיך. - - -

„די טעג זיינען ווי שאָטנס פון מענטש. איטלעכער טאָג, וואָס מ'האָט אין אים ניט געטאָן קיין שום גוטס, קערט זיך צוריק מיט בושה צום בורא־עולם. יעדער טאָג, וואָס מען האָט אין אים געטאָן מעשים טובים, וועבט אַ באַקלייד פאַר דער מענטשלעכער נשמה, און די נשמה טוט אָן דאָס בגד, ווען זי פאַרלאָזט דעם גוף. . .

„זיי וויסן, מענטשנקינד, אַז עס איז ניט פאַראַנען קיין אַנטרינונג פון די נאַרישקייטן פון קלייניקייטן, פון דעם צער און די יסורים, וואָס דו זעסט, סיידן דורך דער הויכער, אידעאַלער ליבשאַפט. אַז איינער קוקט אויף דער ערד, זעט ער בלויז צרות און פינצטערקייט. אָבער ס'איז פאַראַנען אַן אַנדער וועג פאַר דעם מענטש — ווענדן זיין בליק צו די הייכן...

„די דאָזיקע תורה, וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן דורך משה רבינו צו די בני ישראל, איז אַן עץ חיים, אַ לעבנס־בוים. און ער קוקט אויס ווי דער בוים, וואָס דער מלך פון בבל האָט געזען אין חלום: 'זיינע בלעטער זיינען געווען שיין, און זיין פרוכט פיל און שפּייז פאַר אַלעמען איז אויף אים געווען' (דניאל ד', ט). דער דאָזיקער בוים פון לעבן איז געגעבן געוואָרן צום פאָלק ישראל, אָבער אין זיין שאָטן קענען רוען אַלע מענטשן־קינדער. זיינע צווייגן שפּרייטן זיך צו אַלע עקן וועלט און מיט זיינע פּירות קענען זיך זעטיקן אַלע פעלקער. - - -

„יעדע אינעווייניקסטע אַנטפּלעקונג, איטלעכער אַריינבליק אין זיך גופא, יעדע פאַרטיפונג אין די אייגענע טיפענישן, איטלעך אַריינקוקן אויף דער אַנדערער זייט פון דער אייגענער דערקענטעניש, און יעדע גייסטיקע דערשיינונג, וואָס מיר רופן אַן אינטואיציע — דאָס איז, בעצם, דער פאַרבאָרגענער חוש, וואָס איז פאַראַנען פּאַראַלעל צום דרויסנדיקן חוש פון זען זאַכן. - - -

„וואָס איז דער ז ו ה ר ? גאָט, ברוך הוא, האָט גענומען אַן אבן־טוב, אַן איידלשטיין פון זיין כתר און אים אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד. דער איידלשטיין האָט זיך צעפּיצלט און צעשפּרייט אין מיליאָנען בריליאַנטענע פינקלשטיינער. - - -"

אַזעלכע פינקלשטיינער זיינען די בריליאַנטן, וואָס הלל צייטלין האָט מיט זיי באַ־



זעצט זיין ליכטיק ספר „בפרדס החסידות והקבלה", אַ ווערק, וואָס וואָלט באַדאַרפט ווערן דאָס טישבוך פון איטלעכן פאַרבענקטן נאָך געטלעכער אינספּיראַציע. דאָס איז די זעלביקע אינספּיראַציע, וואָס איז געווען די השראת השכינה פאַר די תפילות, פאַר די פּרקים פון הלל צייטלינס אייגענע תהילים־געזאַנגען.

הלל צייטלין האָט אַ סך געשריבן וועגן חסידות. אַלע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען פאַראַנען אין צייטלינס באַזונדערע יצירות וועגן חסידות און וועגן גדולי החסידות, זיינען געקומען אין ברכהדיקן סינטעז אין זיין חיבור וועגן ר' נחמן בראַצלאַווער, אור־אייניקל פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, דעם באַגרינדער פון חסידות. דאָס ווערק, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1952, דורכן פאַרלאַג „מתנות", איז אַרויסבאַגלייט פון אהרן צייטלינס אַ הקדמה וועגן זיין פאָטערס לעבן און שאַפן. די דאָזיקע הקדמה גיט־צו דעם ווערק אַ באַזונדערע אייגנאַרט — אַ גרויס ווערק פון אַ גרויסן שריפטשטעלער, געעפנט פאַרן לייענער דורכן מחברס זון, וואָס איז אַליין פון די היינטצייטיקע גרויסע שאַפערס ביי יידן.

כדי דער לייענער זאָל האָבן אַ רמז פון אַ רמז אויף דעם אינהאַלט און אויף דעם סטיל פון הלל צייטלינס ספר וועגן דעם מוהר"ן, ברענגען מיר דאָ ווייטער די ערשטע פּאַראַגראַפן, די הקדמה־סעיפים צום גאַנצן ווערק:

„אַזוי ווי די פאַרדאַרטע, אויסגעשרפּעטע ערד, לעכצט נאָך רעגן, אַזוי האָט דאָס האַרץ פונעם קליינעם נחמן געלעכצט נאָך השם יתברך. אויסערלעך — אַ קינד ווי אַלע קינדער: געטאַנצט, געשטיפט, געקוילערט זיך אין זאַמד, געשפּילט אין יאַגעלעך, אין באַהעלטעניש. אינערלעך — אַ פלאַם־פייער, אַ נאָגעניש, אַ באַגערונג נאָכן קוואַל פון אַלע לעבנס, אַ בענקעניש, וואָס האָט דעם קליינעם קיין רו נישט געגעבן, אים אַרויסגעיאָגט פון דער קינדער־מחנה אין רעכטן מיטן פון דער קינדערשער זאָרגלאָזיקייט.

„געהאָדעוועט אין אַ סביבה פון לויטער גוט־יידישקייט, פ ו ן קאָנצענטרירטער, פאַרשאַרפטער יראת שמים, פון עליות, מדרגות און אייביקער שטרעבונג ווערט צו זיין די גרויסע זיידעס — רבי ישראל בעל־שם־טוב און רבי נחמן האָראָדענקער, האָט דער קליינער נחמן, איינזאַפּנדיק אין זיך דעם צער השכינה און די באַהאַלטנסטע כסופין (האַרץ־גלוסטונגען) פון די אַרומיקע, געוואָלט זיי איבערשטייגן אין זעם אַלעמען, געזוכט אַן אייגענעם וועג צום אויבערשטן, געוואַלט דורך אייגענער האַרעוואַניע צוקומען צו אַ נקודה, וואָס אַפילו זיינע עלטערן און זיינע הייליקע פּעטערס זיינען צו איר נישט צוגעקומען.

„ער איז געבוירן געוואָרן שבת הגדול פון יאָר תקל"ב אין מעזשיבוזש."

אין איינעם פון זיינע חיבורים האָט ר' הלל צייטלין באַטאָנט, אַז דורך שמחה ווערן צונישט אַלע מחיצות. דעמאָלט דערזעט מען, אַז אַלץ איז גאָרנישט און אַז ס'איז פאַראַנען בלויז גאָט אַליין. אַזאַ גייסטיקע שמחה האָט אויך דער לייענער, וואָס פאַרטיפט זיך אין דער גרויסער רוח־ביותדיקער ירושה, וואָס דער קדוש־עליון, צייטלין, האָט איבערגעלאָזט פאַר יידן פון אַלע דורות און תקופות. דאָס הונדערטסטע יאָר זינט זיין געבוירן ווערן, דאַרף אויך זיין די געלעגנהייט איבערצודרוקן זיינע פריערדיקע ווערק; צו פאַרעפנטלעכן אין דער פאָרם פון ספרים זיינע שריפטן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין איצט־פאַרשטויבטע צייטונגען און זשורנאַלן, און צו פאַרעפנטלעכן אָפּקלייבן פון זיינע שריפטן איבערגעזעצט אויף ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש. דאָס זיינען די לשונות וואָס עס נוצן די מערסטע יידישע יוגנטלעכע אין די גלות־לענדער. זאָלן זיי אינספּירירט ווערן ניט צו גיין אויף פרעמדע דרכים, און יענע, וואָס האָבן דאָס יאָ געטאָן, זאָלן קענען באַווירקט ווערן אַרויפצוגיין אויף דעם יידישע דרך. צייטלינס כתבים האָבן דאָך אויף אַן ענלעכן שטייגער באַווירקט יידישע יוגנטלעכע זינט דעם אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט ביז זיין מאַרטירער־טויט אין וואַרשעווער געטאָ, כ"א אלול, תש"ב — דעם 11טן סעפּטעמבער, 1942.

ערגעצוואו אין זיינע כתבים האָט הלל צייטלין געשריבן, אַז ס'זיינען פאַראַן ערטער, וואָס עפענען זיך בלויז צו נגינה, צו מוזיק. אַזאַ מוזיק האָט ער פאַרמאָגט אין זיין נשמה און מיט זיין פּרוכפּערדיקער פעדער האָט ער דיריגירט די שירה

פון זיין לעבן. די דאָזיקע צייטליך־נגינה איז געווען די מוזיק־באַגלייטונג צו זיין שאַפן — צום קינסטלערישן און מחשבהדיקן פירוש, וואָס ער האָט געגעבן צו דער יידישער געשיכטע און צו דעם גייסטיקן מהלך פון פאָלק ישראל. אין דער נצחיות פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע וועט לייכטן זיין נאָמען לנצח נצחים.

---

רחל ה. קאָרן / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

## פ אַ ר נ אַ כ ט  ב י י ם  י ם

די זונפאַרגאַנגען
זיינען ווי דער לעצטער בלוטשטורץ
פון אַ לונגען־קראַנקן,
וואָס פלייצט צום הימלס מערבדיקן ראַנד
און נעמט אַרום דעם טרויער פון פאַרגיין
ביים שאַרלעך־רויטן באַנד.

די פאַלמעס טונקלען שוין מיט קומענדיקער נאַכט,
זיי שטייען, ווי פאַרגעסענע, פאַרלאָזטע אַלטע לייט,
גיבן אַ שאָקל מיט די מידע קעפּ פון צייט צו צייט
און אַ הויב די לאַנגע, אויסגעפּראַנזטע צווייגן,
גלייך זיי וואָלטן וועלן אָוועקשאַרן פון זיך
דאָס געדיכטע, אומעטיקע שווייגן.

עס אָטעמט שווער דער גראַנאַטענער ים
אונטער דער לאַסט פון גוסטדיקן טאָג
און שפּריצט מיט ווייסן שוים
אויף דעם זאַמדיקן זוים —
אויף דעם זאַמדיקן ברעג
דאָס דינע געוועב פון אוצרן,
וואָס ס'האָבן געלאָזן די פּיס פון די מעוועס,
איז אויסגעשפּרייט
אין דער לענג,
אין דער ברייט,
ווי אַ נעץ
אויף צו פאַנגען דעם ערשטן, לויכטנדיקן שטערן.



יצחק קאָלער

# מחשבות אין שייכות מיט תנ״ך תרגום יהואָש

### (צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון יהואָש)

## די וויכטיקייט פון אַ וואָרט

אין זיין בוך „דאָס פאַרבאָרגענע הייליקטום", שרייבט איימי פּאַליער, דער גר צדק, אַז ס'איז געווען בעיקר איין וואָרט וואָס האָט אים געבראַכט צו בייטן זיין אמונה פון אַ פרומען קריסט צו ווערן אַן אָרטאָדאָקסישער ייד. ער דערציילט אָט וואָס: אַבבע אויגוסטין לעמאַן איז געווען פּראָפעסאָר פון ביבל אין העברעיש אין אַ קאַטוילישן אוניווערסיטעט אין ליאָנס. דער יונגער פאַליער, זייענדיק שטאַרק פרום, איז אַריינגעטראָטן אין לעמאַנס קלאַס בכדי צו לערנען ביבל אין העברעיש. איין מאָל האָט ער געבעטן דעם פּראָפעסאָר לעמאַן צו איבערזעצן דאָס זיבעטע קאַפּיטל פון ישעיהו, וואָס אַנטהאַלט, לויט דער קאַטוילישער ווערסיע, די נבואה פון געבורט פון ישוע פון דער מוטער, די בתולה, מרים: „לכן יתן ה' הוא לכם אות הנה העלמה הרה וילדת בן וקראת שמו עמנו אל", (יש' ז', יד). פּראָפעסאָר לעמאַן האָט דאָ דרך אגב אָנגעוויזן זיינע תלמידים אויף אייניקע פעלצער ווו דאָס וואָרט ע ל מ ה באַצייכנט אַ יונגע פרוי, ווי ע ל ם באַצייכנט אַ יונגן בחור, און האָט דערביי אויך באַמערקט, אַז עס איז אין העברעיש פאַראַן אַ באַזונדער וואָרט וואָס באַצייכנט אַ „ווירגין" און דאָס איז ב ת ו ל ה , און וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. דאָס איינציקע וואָרט ע ל מ ה און זיין פאַרנעפּלטן באַטייט, האָט צערודערט זיין יונגע קריסטלעכע נשמה. די פראַגע פאַר וואָס נישט באַנוצן דאָס וואָרט ב ת ו ל ה , וואָס וואָלט אָפּגעווישט יעדן ספק, נאָר באַנוצן זיך מיט אַ וואָרט וואָס מען דאַרף דעם טעם אַריינקוועטשן בדוחק, האָט אים נישט געלאָזן רוען. ער האָט באַשלאָסן צו שטודירן גרינטלעך די העברעישע שפּראַך, און לערנענדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ היפּש ביסל אַנדערע נישט ריכטיקע איבערזעצונגען. דאָס האָט אים אַלץ מער אָפּגעריסן פון זיין אמונה, ביז ער איז דערנאָך געוואָרן אַ תלמיד פון הרב אליהו בן אמוזג, און צום סוף געוואָרן אַ רעליגיעזער ייד. דאָס איז געווען דער כוח פון אַ וואָרט.

## דער נביא מיט הערנער

אַן אַנדער וואָרט האָט דורך אַ נישט ריכטיקן אויסטייטש גורם געווען דערצו אַז דער באַרימטער סקולפּטאָר מייקל אַנדזשעלאָ זאָל שאַפן אַ סטאַטוע פון משה רבנו מיט צוויי הערנער אויפן קאָפּ, און דאָס ברענגט אַריין משה רבנו אין אַ געצנדינערישער וועלט. אין שמות לד ווערט געבראַכט: „וירא אהרן וכל בני ישראל את משה והנה קרן (קמץ ק', פּתח ר') עור פניו ויראו מגשת אליו". דאָס ווערט ווייטער איבערגעחזרט: וראו בני ישראל את פני משה כי קרן עור פני משה" (לד, לה). איןביידע פאַלן געפינט זיך דאָס וואָרט ווי אַ ווערב און דער אַקצענט ליגט אויף דער בייטונג פון זיין געזיכט: „כי קרן עור פניו". דאָס וואָרט ק ר ן האָט אייניקע באַטייטן און קאָנאָטאַציעס, ווי: כוח און מאַכט, אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט (קרן הפּוך), כבוד און דערהייבונג, ווי אויך אַ ליכט־שטראַל. אינעם פּרט ווו עס רעדט זיך וועגן משה רבנו איז דער ווערב אין צוזאַמענהאַנג מיטן זאַץ אָן ספק געמיינט ליכטשטראַלן. אין דער צייט, ווען אָט דער ליכטשטראַל האָט באַצייכנט די געטלעכע נבואה און הימלישן כוח, באַצייכנט דער באַגריף „קרני פרה ־ קרני שור" — נידעריקע פיזישע גבורה, וואָס איז אויך דער סימבאָל פון פּרימיטיווער געצנדינעריי. זייער ריכטיק האָט אויף דעם באַמערקט דער העברעישער דיכטער יעקב כהן:

„רצונך לדעת כיצד גם המעולים שבהם מבינים אותנו? ראה את מ ש ה

של מיכל אנג׳ילו: במקום קרני אור יש לו קרני שור.״

אַזוי האָט אונדז מייקל אַנדזשעלאָ מזכה געווען מיט אַ נביא מיט הערנער.

## פּאָליטיק אָדער — טעות

גאָר אַ סך וויסן און אַ ים מיט ענערגיע האָט ר׳ סעדיה גאון אַריינגעטאָן אין זיין אַראַבישער איבערזעצונג פון תנ״ך. זיינע גרויסע ידיעות אין העברעיש ווי אויך זיין גרינטלעכע קענטעניש פון אַראַביש האָבן געשאַפן אַן איבערזעצונג וואָס איז אַ מוסטער לדורות, און אויף וועלכע גאָר אַ סך מאָדערנע ביבל־פאָרשערס שטיצן זיך. רבנו סעדיה גאון האָט גאָר אַ סך נייע חידושים פון ווערטער וואָס קריגן אָפט נייע מיינונגען און באַטייט. אויף איין וואָרט־אויסטייטש, וואָס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש און איז קעגן יעדער לאָגיק, איז זיך כדאי צו פאַרטראַכטן, ווייל אַחוץ דעם כאַראַקטעריסטישן אויסטייטש איבערדרייט עס ממש דעם גאַנצן פּסוק קאַפּויער און פירט צו אומלאָגישע שלוסן. דאָס איז דער פּסוק אין עמוס: „כה אָמר ה׳ על שלושה פשעי בני עמון ועל ארבעה לא אשיבנו, על בקעם הרות הגלעד למען הרחיב את גבולם״ (עמוס א, יג). דער פּסוק איז גאָר איינפאַך אין קאָנסטרוקציע און איז בכלל נישט קאָמפּליצירט און נייטיקט זיך נישט אין קיין שום נייעם פירוש. ר׳ סעדיה גאון מאַכט דאָ אַן אַמענדירונג, וואָס קוקט אפילו אויבנאויפיק אויס גאַנץ מינדערוויכטיק, ער לייענט דאָס וואָרט ה ר ו ת, וואָס מיינט שוואַנגערדיקע פרויען, פאַר ה ר י, מיינענדיק ב ע ר ג. אַזוי אַרום מיינט עס אַז עמון האָט דורכגעשניטן די בערג פון גלעד בכדי צו פאַרגרעסערן זיינע גרענעצן, ממש ווי די יידישע חלוצים אין ארץ ישראל האַקן שטיינער, שנײַדן בערג, ציען וואַסער־רערן בכדי צו שאַפן ישובים. אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס וועט גאָט שטראָפן און קיין מאָל נישט מוחל זיין? זאָגט דאָך דער נביא אין קומענדיקן פּסוק: והצתי אש בחומה רבה ואכלה ארמנותיה בתרועה ביום מלחמה בסער וסופה: והלך מלכם בגולה הוא ושריו יחדיו אמר ה׳ (עמוס יד־טו).

עס לאָזט זיך נישט גלייבן אַז ר׳ סעדיה גאון איז געווען אַזוי נאַיוו זיך נישט צו קאָנען פאָרשטעלן אַז מענטשן זאָלן זינקען צו אַזאַ נידעריקע מדרגה ווי אויפשפּאַלטן בייכער פון שוואַנגערדיקע פרויען. אין תנ״ך ווערט דערציילט פון אַ היפּש ביסל אַכזריותן פון אַמאָליקע פעלקער און אַזאַ וואָרט־טויש מיינט מאַכן פון מערדער גרויסע אידעאַליסטן. לכן מוזן מיר זאָגן אַז די צייט און די אַראַבישע סביבה, אין וועלכער רבי סעדיה האָט געלעבט, האָבן גורם געווען דערצו אַז אין דער איבערזעצונג האָט ער צוליב שלום צוועקן פאַרקוקט די זינד פון עמון.

יאָ, דאָס איז דער כוח פון אַ וואָרט, אָבער עס ווייזט אויס אַז פּאָליטיק האָט אַ גרעסערן כוח.

## איבערזעצער און אָנזעצער

אין אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג איבער זיין איבערזעצונג פון קוהלת ברענגט אַרויס הרב יהודה לייב זלאָטניק דאָס איטאַליענישע שפּריכוואָרט, אַז די איבערזעצערס זיינען פאַררעטערס. איך גלייב אָבער, אַז מער אמת וועט שטעקן אין מיין פאַריידישטער פאָרם פון דעם דאָזיקן שפּריכוואָרט: „איבערזעצערס זיינען אָנזעצערס״ — ווייל ניט פון ביזווילן, נאָר פון אוממעכטיקייט ליידט יעדע איבערזעצונג. מ׳קאָן ניט די זעלבע זאַך זאָגן אין פאַרשיידענע שפּראַכן און אָנהאַלטן דעם זעלבן קלאַנג און קאָליר... דער איבערזעצער מוז דעריבער, ווילנדיק־ניט ווילנדיק, זיין אַ מפרש, און אויסקלייבן דעם פּשט וואָס אים געפעלט און אים אַרויפצווינגען אויפן לייענער.

קירצער געזאָגט:

מ׳קאָן אפשר איבערזעצן די שוואַרצע אותיות, אָבער דאָס ווייסע פון צווישן די אותיות קאָן מען בשום אופן ניט איבערזעצן. (זע „קוהלת דער מענטש און דאָס בוך,״ זייטן 63-64). הרב זלאָטניקס ווערטער זיינען וויכטיק, ווייל זיין איבערזעצונג פון קוהלת אין יידיש איז אַ שפּעטערדיקע פון יהואָש און לײדט, ווי אַנדערע איבערזעצונגען, פון קורצמאַכטיקייט.



עס איז געווען אַ צייט אין דער יידישער געשיכטע ווען עס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע נויטווענדיקייט צו איבערזעצן די כתבי הקודש אין גריכיש. האָבן די חז״ל וועגן דעם באַמערקט: „מעשה בחמישה זקנים שכתבו לתלמי המלך את התורה יונית, והיה היום קשה לישראל כיום שנעשה העגל, שלא היתה התורה יכולה להתרגם כל צרכה.״ (סופרים א׳). די חז״ל האָבן שוין דאַן איינגעזען, אַז גאָר אַ סך איז נישט דערזאָגט און זיינען דערפאַר געווען קעגן יעדער איבערזעצונג פון די כתבי הקודש. און הגם, ווי עס ווערט דערציילט, דער תרגום השבעים איז איבערזעצט געוואָרן פון צוויי און זיבעציק זקנים, פון דעסטוועגן דערציילט אונדז די אגדה: „ובאותה שעה נזדעזעה ארץ ישראל ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה״ (מגילה ג׳, ע״י). חז״ל האָבן פאַרשטאַנען אַז עס קען בכלל נישט זיין קיין ערלעכע איבערזעצונג. זיי האָבן געזאָגט: „המתרגם פסוק כצורתו הרי הוא בדאי והמוסיף עליו — הרי זה מחרף ומגדף״ (קידושין מט).

הרב א. י. קוק ז״ל פלעגט זאָגן: „תרגום איז בגמטריה תרדמה״, ווייל דער שלאָף נעמט אַ סך אַוועק פון כוח החיים. דאָס זעלבע איז מיט איבערזעצונג — עס פעלט אַ סך פון כוח החיים. מוז איך זיך מודה זיין, אַז איך פערזענלעך האָב געפונען אַ גאָר שטאַרקע הנאה פון יהואָש איבערזעצונג אין יידיש, ספּעציעל ווען עס איז אַרויס די אויסגאַבע צוזאַמען מיטן אָריגינאַל. קודם כל יידישע אותיות אין ביידע זייטן, דאָס מיינט דאָך אַז דער לבוש איז אַ יידישער; צווייטנס, איז עס איבערזעצט אין אַ לשון וואָס איז באַהאַפטן דורך דורות מיטן אָריגינאַל און מיט וועלכן יידן האָבן זיך באַנוצט מיט איבערטייטשן און אַריינטייטשן און אויסטייטשן. ס׳איז כדאי צו ציטירן דעם צוגאַנג פון ש. ניגער:

„...עס איז דאָ חומש און עס איז דאָ טייטש־חומש. חומש (און גאַנץ תנ״ך) האָט אַן אַ שיעור פירושים: איז אויך אויף יידיש די תורה (ווי אויך די נביאים און כתובים) קאָמענטירט און פאַרפּוצט געוואָרן מיט דער הילף פון פשט, רמז, דרש און סוד (פרדס), אָט ווי אַ שטייגער דער צאינה וראינה, וואָס איז נישט קיין געוויינלעכער חומש, נאָר חומש מיט פירושים מיט צוגאָבן פון אַלערליי אגדתאס, דרשות אד״ג. און דער צאינה וראינה איז ניט דער איינציקער פון דעם מין. עס איז דאָ אַ גאַנצע ביבלישע ליטעראַטור אויף אויף יידיש, עס זיינען דאָ ביבלישע פּאָעמעס, ווי אַ שטייגער: שמואל בוך, מלכים בוך, זיי זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף יידיש, אָבער זייערע מקורות זיינען דאָס רוב העברעיש (תנ״ך, תלמוד, מדרש), כאָטש זייער פאָרם איז געבאָרגט פון דייטש. כמעט אַלץ וואָס איז געזאָגט און געדרשנט געוואָרן וועגן ת נ ״ ך אויף העברעיש איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין די צענדליקער ביבלישע ספרים וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אויף יידיש.״ (ש. ניגער: די צוויישפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, זייט 72).

לעצטנס האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן דעם תלמוד אין העברעיש. עס זיינען אויך אַרויס אייניקע מסכתות אין יידישער איבערזעצונג, און איך האָב דעם זעלבן געפיל אַז אַזעלכע איבערזעצונגען זיינען מער אַן הוספה ווי אַן אָנזעצונג. די זעלבע הייליקע יידישע אותיות. איך האָב גאָר אַ געהויבענעם געפיל ווען איך לייען א. דונסקיס איבערזעצונגען פון מדרשים. „לא הרי זה כהרי זה״, נאָך אַלעמען איז דאָך יידיש לשון געלייטערט און געהייליקט געוואָרן דורך יסורים צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק. און סידורים און מחזורים האָבן זייט ביי זייט יידיש מיט לשון־קודש. איך בין נישט פון דעם טיפּ יידן וואָס האָבן באַטיטולט דאָס יידישע לשון „יידיש קודש״, אָבער אַן איבערזעצונג פון אַזאַ גאָט־געבענטשטן איבערזעצער איז באמת נאָך אַ גאָר אָנגעזעענער דימענט אין דער קרוין פון די כתבי הקודש.

געוויינטלעך ווערט גריכיש באַטראַכט ווי די שפּראַך פון פילאָסאָפיע; לאַטיין — די שפּראַך פון געזעץ; העברעיש — די שפּראַך פון מאָראַל און נבואה. יעדער שפּראַך איז באַזונדערס רייך אין ספּעצי־

פישער טערמינאָלאָגיע. איך וואָלט דעריבער מוסיף געווען: „יידיש, ווי די שפּראַך פון פאָלקס־חכמה.“

אַזוי ווי עס האָט זיך אַמאָל געפילט אַ נויטווענדיקייט צו איבערזעצן די כתבי הקודש אין גריכיש, שפּעטער אין לאַטיין און דערנאָך אין אַנדערע שפּראַכן איז די וויכטיקייט פון אַ יידישער איבערזעצונג פונעם תנ״ך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (אין יאָר 1908). י. ל. פּרץ האָט דענטסטמאָל באַמאָנט די גוואַלדיקע חשיבות איבערצוטראָגן די טויזנט־יעריקע גייסטיקע אוצרות, און בעיקר דעם תנ״ך, אין יידיש. ער אַליין האָט טאַקע איבערגעזעצט אייניקע קאַפּיטלעך. דאָס איז דאַמאָלסט געווען פון גוואַלדיקער חשיבות פאַר דער יידיש־ריידנדיקער יוגנט, וועלכע האָט אָנגעהויבן שלינגען איבערזעצונגען פון אַנדערע ליטעראַטורן.

פּרץ האָט אין דעם געזען די פאַרווירקלעכונג פונעם פּסוק: „שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי.“ ער האָט געזען ווי די פונעם פאָלק, וואָס זיינען ניט רעליגיעז און זיינען אָנגעשטעקט מיט מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און געבלאָזן פון נייע ווינטן, זיינען עלול אַוועקצורייסן אונדזער יוגנט פונעם מקור.

פּרץ אַליין האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון איבערזעצן קאַפּיטלעך פון שיר השירים, קהלת, יחזקאל, א״אַ. טראַכטנדיק אַז מסתמא וועלן זיך געפינען אויך אַנדערע, וואָס וועלן צוביסלעך איבערזעצן תנ״ך־טיילן אָדער אפשר גאַנצע ספרים און אַזוי אַרום וועט דער תנ״ך קריגן זיין תיקון אין יידיש; אויך שלום אַש האָט גערעדט אינעם זעלבן זין און ער האָט אויף זיך גענומען די אַרבעט. ער האָט איבערזעצט אייניקע מגילות. (מגילת רות איז געדרוקט געוואָרן אין „דאָס נייע לעבן.“ אָבער ביי דעם איז עס געבליבן).

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך פריער האָט ד״ר שלמה עטינגער איבערזעצט אייניקע קאַפּיטלעך פון תנ״ך: „אשת חיל“ (משלי לא, תהילים סז), א יך פראַגמענטן פון אַנדערע קאַפּיטלעך תהלים. ער האָט איבערזעצט „מה טובו“ און „יגדל“. מאָריס ראָזענפעלד האָט איבערזעצט „ברכי נפשי“ און נאָך אייניקע זאַכן. דאָס זיינען אָבער נאָר געווען ברעקלעך. געבליבן איז דערווייל מענדל לעפינס איבערזעצונג ווי די איינציקע, אָבער זי, ווי די פריערדיקע, זיינען ווייט ניט געווען צופרידנשטעלנדיק.

אָבער נאָך פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט שוין יהואָש געאַרבעט איבערצוזעצן פּרקי אָבות און אויך אייניקע ספרים פון תנ״ך. ער פלעגט זיי איבערזעצן קאַפּיטלעכווייז און זיי פאַרעפנטלעכן. אַזוי האָט ער איבערגעזעצט דאָס קאַפּיטל יח פון תהלים, וואָס איז גאָר שווער שפּראַכלעך. עס קאָן אפשר זיין, אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן צוערשט אויף די שווערע קאַפּיטלעך, ווייל דאָס ברענגט מיט זיך גרעסערע אינערלעכע באַפרידיקונג.

אָבער שוין פון די ערשטע שפּורן איז געווען גלייך צו דערקענען, אַז יהואָש, וואָס איז אַ חוץ אַ גרויסער למדן, קאָן ער אויך דאָס יידישע לשון מיט אַלע אירע חן־גריבעלעך, אירע ניואַנסן, שפּראַכלייטן, שפּילעוודיקייט און בויגזאַמקייט. ער קאָן די שפּראַך קנעטן און פורעמען און בולט אַרויסברענגען, כמעט בילדלעך, דעם מיין און געדאַנק פון אַ פּסוק.

די העברעישע שפּראַך האָט אין זיך די אייגנשאַפט וואָס גאָר אַ סך ווערבן ווערן פאָרמירט פונעם שם עצם (סובסטאַנטיוו). יהואָש האָט געטאָן כמעט אַלץ וואָס איז נאָר שפּראַכלעך מעגלעך, אַז דער קלאַנג זאָל נישט פאַרלירן זיך אין יידיש. מיר וועלן נאָר געבן אייניקע ביישפּילן:

„תדשא הארץ דשא“ (ברא׳ א, יא): „זאָל די ערד אַרויסגראָזן גראָז.“

„ישרצו המים שרץ (בר׳ א, ב): „זאָל דאָס וואַסער ווידמענען אַ ווידמענונג.“ ער איבערזעצט דעם פּסוק ווייטער: „ועוף יעופף“ „און פויגלען זאָלן פליען.“ דאָס זעלביקע פילט זיך אין אַנדערע ערטער ווו עס לאָזט זיך שפּראַכלעך נישט איבערזעצן, ווי: „ובכל הרמש הרומש“ (בר׳ א, כו): „און איבער אַלע שרצים וואָס קריכן.“

„וכפרת אותה מבית ומחוץ בכופר (ברא׳ ו, יד): „און זאָלסט זי אויספּעכן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק מיט פּעך.“

„והיה בענני ענן על הארץ ונראתה הקשת בענן“ (בר׳ ט, יד): „ווען איך טו



וואָלקענען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווייזן דער בויגן אין וואָלקן.“

„יפת אלהים ליפת“ (ברא׳ ט, כז): „דערברייטערן זאָל גאָט יפתן.“

„הבה נלבנה לבנים ונשרפה לשרפה“ (ברא׳ יא, ג): „קומט לאָמיר מאַכן ציגל און אויסברענען אין אַ ברענעריי.“

„אם השמאל ואימנה ואם הימין ואשמאילה“ (יג, ט): „ענטוועדער אויף לינקס און וועל זיך נעמען רעכטס, אָדער אויף רעכטס, און איך וועל זיך נעמען לינקס.“

„דן ידין עמו“ (ברא׳ מט, טז): „דן וועט זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק“.

„גד גדוד יגודנו והוא יגד עקב“ (מט, יט): „גד — אים וועט אַ מחנה באַפאַלן אָבער ער וועט אָנפאַלן אויף זייער טריט.“ יהואָש מאַכט דאָ נאָר אַ זייטיקע באַמערקונג, אַז דאָס איז אַ וואָרטשפּיל.

„ותקח לו תבת גמא ותחמרה בחמר ובזפת“ (שמות ב, ג): „האָט זי גענומען פאַר אים אַ קעסטל פון יאַמש, און האָט עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פּעך.“

„ללבן הלבנים (שמ״ה, ז): „שטרוי אויף צו מאַכן ציגל.“

„לקשש קש לתבן“ (שמ׳ ה, יב): „צו קלייבן זאַנגוואָרצל פאַר שטרוי.“

„והצל לא הצלת את עמך“ (שמ׳ ה, כג): „און מציל זיין האָסטו ניט מציל געווען דיין פאָלק.“

„לא יקרחה קרחה בראשם... ובבשרם לא ישרטו שרטה“ (ויקרא כא, ה): „זיי זאָלן ניט מאַכן אַ פּליך אויף זייער קאָפּ... און אויף זייער לייב זאָלן זיי ניט איינשניידן אַן איינשניידונג.“

איך האָב נאָר געבראַכט אייניקע ציטאַטן פון הונדערטער שפּילווערטער, ווו דער וואָרטקלאַנג שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם אָריגינאַל. יהואָש האָט געפּרווט ווו נאָר עס איז מעגלעך געווען, צו שאַפן אַן עקוויוואַלענט ווו דער קלאַנג זאָל נישט פאַרלוירן גיין. דערפאַר האָט ער באַנוצט „און מציל זיין האָסטו ניט מציל געווען“ אָנשטאָט באַנוצן זיך מיטן וואָרט „אויסלייזן“ אָדער „ראַטעווען“.

יהואָש האָט נישט ליב געהאַט דייטשמעריזמען. ער האָט פאָרגעצויגן דאָס העברעישע וואָרט, הגם דער המון האָט עס ווייניקער באַנוצט. ער האָט מיט דעם אויך געוואָלט אויסברייטערן די ידיעות פון יידיש און איר פעסטער באַהעפטן צו העברעיש. ער האָט פאַרשטאַנען די סימבאָליק פון דער העברעישער שפּראַך; האָט געפילט יעדן אָטעמצוג פון יעדן אות. אַזוי איז ער אויך געווען פאַרוואָרצלט אין מאַמע־לשון מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַזוי האָט ער געשוועבט אינטים צווישן די צוויי וועלטן, געשליפן די יידישע שפּראַך, איר באַרייכערט מיט אַ גרויסן אוצר פון נייע אויסדריקן און באַגריפן; האָט אויך אויפגעלעבט ווערטער וואָס זיינען אין יידישן טעגלעכן לשון נישט באַנוצט געוואָרן, נאָר האָבן זיך געפונען צווישן די טאָוולען פון פריערדיקע איבערזעצערס פון תנ״ך. ער האָט די באַגריפן צוריקגעבראַכט, זיי רעקאָנסטרוקטירט און אַריינקאָמבינירט אינעם זאַץ, גייסט און סטיל פון דער יידישער שפּראַך.

יהואָש האָט באַטראַכט די יידישע ליטעראַטור ווי אַן אַרויסוווקס פון העברעיש און אַראַמעיש, און אַז יידיש איז אַ צאַרט יונג צווייגעלע פון אַן אַלטן און פאַרוואָרצלטן בוים. דאָס יונגע צווייגל איז עלאַסטיש, בויגזאַם און לאָזט זיך פאָרמירן. די תנ״ך איבערזעצונג האָט יהואָשן אַריינגעפירט אין פאַרשיידענע שפּראַךקעמערלעך, דורך וועלכע ער האָט זיך פון איין זייט באַקאַנט בעסער מיט אונדזערע אָבות, נביאים, חוזים און מלכים, און פון דער אַנדערער זייט איז ער געוואָרן אַ פאָרשער און שאַפער פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט דרך־אגב אויך געפירט צו אַ ווערטער־בוך מיט אַ שלל נייע יידיש־לשון־קודשדיקע באַגריפן.

זייענדיק אין ארץ־ישראל האָט ער אויך גרינטלעך אויסשטודירט די אַראַבישע שפּראַך, וואָס האָט אים אַ סך געהאָלפן אין פלעצער ווו אַנדערע מפרשים האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. אַזוי איז ער אומדירעקט אויך געוואָרן אַ מפרש.

ווער עס וויל ריכטיק קאָנען אָפּשאַצן די אַרבעט פון זיין תנ״ך־איבערזעצונג דאַרף זיך באַקאָנען מיט זיין ספר „הערות צום תנ״ך.“ דאָרט פירט אונדז יהואָש אַריין אין זיין לאַבאָראַטאָריע פון פאָרשאַרבעט, איר זעט די הונדערטער פירושים

וועלכע יהואָש האָט דורכגעזיפּט בכדי צו איבערזעצן אַ וואָרט אין איר ריכטיקן פּערספּעקטיוו און נשמה אויסדרוק. איין קליינער ביישפּיל וועט דאָס אילוסטרירן און וועט קאָנען דינען פאַר זיין אָריגינעלן און דיסקרימינאַטיוון צוגאַנג צו די כתבי הקודש. אין ספר במדבר פּרשת בלק באַנוצט זיך בלעם אין זיין ריידן וועגן ישראל: „כנחלים נטיו כאהלים נטע ה׳ כארזים עלי מים" (במד׳ כד, ו). יהואָש איבערזעצט דאָ: „כנחלים נטיו" „ווי טייטלביימער זיינען זיי אויסגעשטרעקט." אין זיינע הערות באַמערקט יהואָש פאַרוואָס ער האָט אַזוי איבערזעצט: „נחל באַטייט דאָ ווי דאָס אייגענע וואָרט אין אַראַביש, טייטלבוים. אַזוי ווילן אויך אייניקע אין שיר השירים ו, יא, אויסטייטש „באבי הנחל": „די שפּראָצן פון טייטלבוים." מען קאָן זען, אַז הגם יהואָש איז געשטאַנען מיט זיינע פיס אין טראַדיציע, איז אָבער זיין מוח געווען אָפן פאַר יעדן נייעם געדאַנק וואָס קאָן אויפפּלאָנטערן און באַלייכטן אַ שווערן וואָרט אין אַ פּסוק.

כאָטש יהואָש איז געווען אַ באַגאַבטער דיכטער און פּרץ פלעגט אים באַטיטולן „אונדזער בייראָן" (זע נחמן מייזל: „פּרץ און זיין תקופה") פלעגט ער אָבער שטאָלצירן אַ סך מער מיט דער איבערזעצונג פון די כתבי הקודש ווי מיט אייגענע שאַפונגען:

„דאָס אַרויסברענגען איין פּסוק אַזוי ווי איך האָב געוואָלט, שאַפט מיר מער נחת רוח, ווי אָנשרייבן צען אייגענע לידער." („ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, פעב. 10, 1938).

פונקט ווי ביאַליק האָט געפונען דעם גרויסן נחת רוח ביים זאַמלען און באַלייכטן מיט הארות און הערות די שירת ימי הביניים און ווען מען האָט געדענקט אַז דער רוח הקודש האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן, האָט ער געענטפערט אַז ער באַטראַכט דאָס אויפזאַמלען די אגדות און שירת ימי הביניים פאַר פיל וויכטיקער; אַזוי האָט אויך געפילט יהואָש ביים תנ"ך איבערזעצונג, אויף וועלכע ער האָט געאַרבעט איבער צוואַנציק יאָר. אין דער אמתן איז עס געווען זיין גאַנץ לעבן.

## צוויי קרוינען

ווען יהואָש האָט איבערגעזעצט די גרויסע פּאָעמע „הייאַוואַטהאַ" פון לאָנגפעלאָו, האָט דאָס בשעתו געמאַכט אַ ריזיקן רושם אויף דער יידישער גאַס. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי שרייבט אין דער הקדמה צום בוך:

„... איבערזעצונגען, אמתע, גוטע, ריין־יידישע, פון די רייכסטע ווערק פון דער מענטשהייט, וואָלטן מיט אַ מאָל אָפּגעראַמט פון דער וועלט די פראַגע וועגן דער יידישער שפּראַךאָרעמקייט און וואָלטן אין גאַנצן פאַרשפּאָרט דעם קינסטלער יענע מי, וועלכע ער מוז איצט אָנווענדן אויף צו באַשאַפן אָדער אַנטדעקן דעם נייטיקן יידישן אויסדרוק. די חבלי לידה פון דער שפּראַך וואָלט מען אין גאַנצן געקאָנט איבערגעבן דעם איבערזעצער און אויב דער מלאך גבריאל וואָלט באמת אַוועקגעשטעלט פאַר מיר די אַלטערנאַטיווע אָדער איבערזעצונגען אָדער אייגענעם שאַפן אויף דער איציקער מדריגה, וואָלט איך אויף אַ רגע נישט געקווענקלט זיך און וואָלט פעסט אַרויסגעטראָגן מיין גזר־דין: „איבערזעצונגען".

דער קריטיקער בעל־מחשבות, וועלכער איז געווען קריטיש אין דער באַציונג צו יהואָש דעם דיכטער און פאַבלשרייבער, איז אָבער געוואַלטיק ענטוזיאַסטיש וועגן יהואָש דעם איבערזעצער:

„... אויב עס איז דאָ וועמען עס קריטיקירט יהואָשן דעם דיכטער, דעם דערציילער אָדער פאַבל־שרייבער, איז אָבער לית מאן דפליג וועגן יהואָשס גרויסע פאַרדינסטן אַלס איבערזעצער. אין איטלעכער ליטעראַטור זיינען פאַראַן אַזוינע טיפּן פון באַגאַבטע שרייבער, וואָס מען ווייסט נישט וואָס מען זאָל ביי זיי מער שעצן — צי דאָס טאַלאַנט פון אַ גוטן איבערזעצער, צי די געלונגענע פאָרם פון זייערע אייגענע נישט באַזונדערס אָריגינעלע שאַפונגען... אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר אויך אַזוינע צווילינגס טיפּן פון שרייבער. און דער באַדייטענסטער פון זיי איז יהואָש, וואָס האָט איבערגעזעצט אין יידיש ישעיהו, איוב, שיר השירים, רות, קוהלת, פּרקי אָבות, די גרויסע פּאָעמע „הייאַוואַטהאַ" פון אַמעריקאַנישן פּאָעט לאָנגפעלאָו און אַ ריי משלים און פאַבעלן פון עזאָפּ, לאַפאָנטען, לעסינג און אַנדערע. אָבער די דאָזיקע צווילינג טאַלאַנטן זיינען נאָר צווילינגס פאַרן אויבערפלאַכלעכן אויג, טיפערע מענטשן זען באַלד אַז זייער הויפּט־קראַפט און היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער ליטעראַטור ליגט אין זייער איבערזעצונג."

(בעל מחשבות, שריפטן, אַרויסגעגעבן אין 1921).

אין דער אמתן האָט יהואָש געטראָגן אויף זיך צוויי קרוינען: איינע אַלס דיכטער און די צווייטע אַלס איבערזעצער. איך וואָלט געזאָגט אַז דער תנ"ך האָט יהואָש מער איבערגעדיכטעט ווי איבערגעזעצט. ווער עס לייענט די הקדמה פון יהואָש צו דער אויפלאַגע פון 1941 („מאָרגן זשורנאַל" אויסגאַבע) זעט פאַר זיך די הקדמה פון אַ דיכטער, ער פילט ווי ער וואָלט געלייענט פּאָעזיע:

„... די שאַפונג פון אַ יידישן תנ"ך איז ביי מיר געווען דער חלום פון אַ לעבן. דאָס איז געווען אַ טאָפּלטע ליבשאַפט. פון איין זייט, צו דעם שענסטן מענטשלעכן בוך פון יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער, און פון דער אַנדער זייט, צו אונדזער יידישן לשון... דער תנ"ך, אַחוץ זיין וואונדערלעכן אינהאַלט, איז ריטם און מוזיק. אָט דער דאָזיקער ריטם מוז אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער פאַריידישונג,



סיי דאָס איז דער טעם פון פּאַטריאַרכאַלישער פּשטות און ליכטיקייט, סיי דאָס איז דער ראַפּסאָדישער שוווּנג פון זיג־געזאַנגען, סיי דאָס איז דער אימפּעטיקער ריטם פון די נביאים, סיי דער רואיקער חכמה־טאָן פון קהלת, אָדער די לירישע זעל־פאַרגייעניש פון תהלים"...

איך האָב פריער אָנגעוויזן אויף אייניקע ביישפּילן ווו יהואָש פּרוּווט ווו עס איז נאָך מעגלעך איבערצוגעבן יעדן ניואַנס אין ריטם פון תנ"ך. יהואָש האָט עס געטאָן מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג. אייניקע איבערזעצערס זיינען געקומען נאָך אים און אויך גענומען איבערזעצן אייניקע ספרים. אַזוי האָט נפתלי גראָס איבערזעצט אייניקע מגילות; יהודה זלאָטניק האָט געמאַכט אַ נייע איבערזעצונג פון קוהלת, און ישראל לעווין האָט איבערגעזעצט תהלים. הגם די דאָזיקע איבערזעצערס זיינען געקומען שפּעטער און האָבן שוין געפונען אַן אָנגעצייכנטן וועג, מוז מען דאָך זאָגן, אַז אין מערסטע פאַלן איז „הלכה כיואָש." אָבער דאָס פאָדערט שוין אַ סך פּלאַץ צו ציען פּאַראַלעלן און פאַרגלייכונגען אויף וועלכע מיר וועלן זיך אפשר אָפּשטעלן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

צום סוף וויל איך דאָ באַמערקן, אַז טראָץ זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן פאָלק, איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען אין ישראל וועלכע עס איז גאַס אויפן נאָמען פון יהואָש. אויב עס איז אפשר יאָ דאָ ערגעץ אַ גאַס אויף זיין נאָמען, איז עס מיר נישט באַקאַנט. איך גלייב אַז אַזאַ יידישער נאַציאָנאַלער דיכטער, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צום אויפלעב פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, האָט זיכער פאַרדינט זיך אַ שענערע מערכה.

משה שקליאַר

# געווען איז אַ יוגנט

(פון דער פּאָעמע „צוריקבליק״)

עס האָט דער טאַטע מיך געפירט
אויך אין פּאָעזיע־היכל,
געעפנט טיר און טויער מיר
צו די געהיימע צייכנס
אין ווערטער־שורות אויסגעשטעלט
מיט ווונדערלעכע קלאַנגען
און ס׳האָט די ניי־אַנטפּלעקטע וועלט
אויף אייביק מיך געפאַנגען.

געבלוטיקט כ׳האָב אין „שחיטה־שטאָט״,
„די וואַנט״ איך האָב געבראָכן,
געראַנגלט זיך מיט מענטש און גאָט,
די פינגער זיך צעשטאָכן
„ביים פרעמדן חופּה־קלייד״,
געוואַנדערט איבער שטעג און וועג,
זוכנדיק אַ שטראַל פון פרייד
ערגעצווו „אויף יענעם ברעג״.

אַזוי איז מיר דאָס יידיש ליד
געוואָרן בלוטיק־אייגן,
און דאָס, וואָס האָט אין מיר געגליט,
כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשווייגן.
ס׳האָט אפשר אָפּגעקלונגען גרוי
מיין שטימע ערגעץ אויפן ראַנד,
נאָר בלויז צו דיר כ׳האָב זיך פאַרטרויט
מיין לידערלאַנד— מיין פאָטערלאַנד.

מאַמע מיינע, האַרציקע,
מאַמע מיינע, ליבע,
איך געדענק דיך ווי אין טרוים
אַ קראַנקע און אַ מידע.

האָסט דיין וויי געטראָגן שטאָלץ,
אַז מיר זאָלן נישט וויסן,
ביז ס׳וועלן די אויגן זיך
אויף אייביק ביי דיר שליסן.

יונג ביסטו פון אונדז אַוועק,
שטיל און ווי געלייטערט,
נאָר געבליבן איז דער ווייַ—
מיין שטענדיקער באַגלייטער.

מיט אים בין איך— אַ יינגל נאָך—
גיכער רייך געוואָרן,
אָ, דער מאַמעס שטילער ווייַ—
מיין ברענענדיקער דאָרן.

איך האָב דורכגעטראָגן אים
דורך פינצטערניש און פלאַמען,
און אַזוי שוין ביזן סוף —
מאַמע מיינע, מאַמע.

* * * * * * * * * *

געווען איז אַ יוגנט אַ שיינע און ריינע,
מיט ליכטיקע בליקן אין צוקונפט פאַרקוקט,
אַוועק איז זי פרי פון די יידישע היימען
און זיך פאַרברידערט מיט וואַרשעווער ברוק.

ווו קיינער פאַרזייעט, דאָרט איז זי געוואקסן
מיט רעש און מיט שווונג אירע בליטן צעשיט,
ווו שווער געווען — אונטערגעטראָגן די אַקסלען,
גרייט צו געניסן פון אייגענעם שניט.

געדאַכט האָט — ער טוט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען,
איין טראָט נאָר און גרייכן וועסט דעם האָריזאָנט;
מען האָט נישט געאַנט דאַן, אַז פוסט זיינען זאַנגען,
וואָס מיניען זיך גאָלדיק אויף יענער זייט פראָנט.



דערווייל איז מען מקריב געווען דאָס לעבן,
נישט וועלנדיק טראַכטן פאַר וואָס און פאַר ווען,
און גרייט געווען איז מען פאָרויס צו פאַרגעבן
אַלץ וואָס געשעט דאָרט און וועט נאָך געשען.

די פאַרב בלויז אַליין האָט געבלענדט אין די אויגן,
פאַרשטעלט מיט איר אָפּשיין דעם גאַרן אַרום,
און קיינער באַמערקט האָט, ווי זי איז פאַרפלויגן,
אָפּגעוועלקט און זיך צעשטויבט, ווי אַ בלום

ווער האָט געוואָלט הערן די ניכטערע ווערטער,
ווען פלאַמיקע הערצער עס זיינען צעגליט
מיט גלויבן אַנטקעגנגעגאַן דעם באַשערטן —
געווען איז אַ יוגנט — און איך אין דער מיט.

פעסיע ה. פ. האָניגבוים / מיאַמי

# גייסט פון שלום

ווען גאָט וועט דערוואַכן
פון לאַנגיאָריקן דרימל,
וועט ער ברייט און פאַרחידושט
צעעפענען די אויגן.

ער וועט קוקן צו מזרח
און וועט קוקן צו מערב,
ער וועט קוקן צו דרום
און צו צפון,
און וועט זיין אייגענע וועלט
נישט דערקענען;

עס וועט אים אַ קלעם טאָן
דער צער פון דער וועלט,
און וועט ווידער קוקן
אויף לינקס און רעכטס
און גאָט וועט דערפילן
דעם גאַנצן וועלט־שמערץ.

ער וועט חרטה האָבן
אויף זיין באַשאַף,
און וועט זיך נעמען אויפסניי
איבערשאַפן די וועלט
צום מענטשנס פאַרגאַף.

און גאָט וועט איינזאַמלען
אַלע מענטשלעכע טרערן
און וועט זיי פאַרוועבן
אין אייביקע שטערן.

ער וועט צעשיקן
מלאכים פון שלום
צו יעדן פאָלק
און צו יעדן לאַנד.

און אויף יעדן קאָנטינענט
וועט אויפלייכטן שלום
ווי דער אין־סוף
מיט זיינע ספירות;

און גאָט וועט געבענטשן
צו זיין וועלט
און וועט בענטשן די וועלט
און דעם גייסט פון שלום
אויף אייביק און אייביק, אָמן!

# קרן קימת לישראל

## יידישער נאַציאָנאַל פאָנד

צום נייעם יאָר תשל״ב, שיקן מיר אונדזערע ברכות צו:

**כל ישראל בכלל**

**און**

**מדינת ישראל בפרט.**

יהי רצון, אַז דאָס נייע יאָר זאָל ברענגען
דויערנדיקן שלום צו מדינת ישראל
און דער גאַנצער וועלט.

| | |
|---|---|
| **פרעד קאַהאַן**<br>עקזעקוטיוו דירעקטאָר | **דזשאָרדזש העקער**<br>קאָונסיל פּרעזידענט |

JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION

5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036




אריה פאַזי

# ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן

## (צו זיין נײַנציקסטן געבוירנטאָג)

די יידישע אַמעריקע פייערט איצט דעם נייַנציקסטן געבוירן־טאָג פון ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן, דעם גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער געזעלשאַפט פאַר פאָרשריט פון יידישקייט, באַקאַנט אונטערן פאַרקירצטן נאָמען „איבערבוי“— „רעקאָנסטראָקשיאָניזם“, אין ענגליש. דאָס איז אַ רעפאָרמיסטישע קולטור־נאַציאָנאַל־רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס ציילט אַ גרויסע צאָל אָנהענגערס צווישן די מער פאָרגעשריטענע אינטעלעקטועלע קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און זי שפרייט זיך אויס איצט אויך אַנדערע לענדער, אַריינגערעכנט מדינת ישראל.

ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן איז אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אַ געמיש פון אידעאַליזם און רעאַליזם, וואָס באַווירקט דאָס אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין אַמעריקע. דער קיצור־נאָמען פון זיין באַוועגונג, „איבערבוי“, איז ניט ווייניקער פּראַקטיש ווי ער איז סימבאָליש. דאָס אַרט דענקען פון דער אַנגלאָציזירטער אַמעריקאַנער יידישער אינטעליגענץ איז בפועל ממש אין אַ היפּשער מאָס איבערגעבויט געוואָרן אונטער דער דירעקטער השפּעה פון קאַפּלאַנס אידעאָלאָגיע און זיין אייגנאַרטיקער יידיש־קולטורעלער שיטה.

וואָס איז די גרונט־אידעע פון מרדכי קאַפּלאַנס שיטה? כדי דאָס אויפצוקלערן פאָדערט זיך אַ ביסל אָפּטריט אָן אַ זייט.

ס׳איז אַ כלל, אַז רעפאָרמאַטאָרישע פּעריאָדן אין געשיכטע רופן אַרויס שאַרפע חילוקי דעות: קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן פאַרטיידיקן דעם אַלטן שטייגער לעבן, האַלטן זיך איינגעקלאַמערט אין אַלטע גלויבנס און טראַדיציעס, בעת די רעפאָרמאַטאָרן זייַנען להוט אויסצוואָרצלען אַלע איינשטעלונגען און אינסטיטוציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אַט דער כלל איז אין אַ היפּשער מאָס געווען און פאַרבליבן גילטיק אויך אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער און געדאַנקען־גאַנג אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע, דער עיקר זינט דעם אויפשטייג פון דער השכלה־באַוועגונג. אין אונדזער לעבנס־שטייגער ווירקן אַלערליי סתירותדיקע אידעאָלאָגיעס אין שייכות מיט דעם תוך און דעם גורל פון יידן און יידישקייט.. איינער פון די שאַרפסטע אידעאָלאָגישע קאַמפן ווערט ביי אונדז אָנגעפירט צווישן די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסן, פון איין זייט, און די, אַזוי־גערופענע וועלטלעכע יידן, פון דער אַנדערער זייט. די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע קלאַמערט זיך אָן די אַלטע טראַדיציעס, בעת די השכלה, אין איר עקסטרעמען אויסדרוק, שטרעבט אָפט מאָל איבערצורייסן אַלץ מיט אַן אַנדער, וואָס פאַרבינדט אונדז מיטן אַמאָל.

איז געקומען מרדכי קאַפּלאַן און האָט צוריקגעוויזן ביידע עקסטרעמע אידעאָלאָגיעס. ער האָט געגרינדעט די „איבערבוי“-באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איבערצושאַצן די אָנגעזאַמלטע יידישע קולטורווערטן פון דעם עבר און זי אַריינפּאַסן אין דער אידעאָלאָגיע פון דער נייער צייט. אים האָבן געדינט פאַר אַ מוסטער — האָט זיך מרדכי קאַפּלאַן אַ מאָל אויסגעדריקט — די אַמאָליקע שיטות פון פילון, סעדיה גאון און רמב״ם. בשעתם האָבן זיי אויך אַריינגעפּאַסט דעם יידישן געדאַנק, אויף וויפל פאַרעלטערט ער איז שוין דעמאָלט געווען, אין די מאָדערנע טענדענצן פון זייערע צייטן.

מרדכי קאַפּלאַן איז אַן אייגנאַרטיקער טיפער דענקער, אָבער קיין באַזונדערע פילאָסאָפישע שיטה האָט ער ניט געשאַפן. ער האָט נאָר באַנוצט אויף אַ פּרוכפּערדיקן שטייגער זיין אויסערגעוויינלעכע אַקאַדעמישע ערודיציע אויף די געביטן פון סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, טעאָלאָגיע און, דער עיקר, חכמת היהדות, צו שאַפן אַ סינטעז פון יידישקייט מיט וועלטלעכקייט אויף אַזאַ לאָגיש־פּראַקטישן שטיי־

גער, וואָס זאָל באַגייסטערן און געבן זיין און ביטחון דעם בלאָנדזשענדיקן נייעם דור. די עיקר־טעמעס מיט וועלכע מרדכי קאַפלאַן באַשעפטיקט זיך, אין זיינע פילצאָליקע שריפטן (עטלעכע און צוואַנציק בענד) ווי אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן, זיינען: „יידישקייט ווי אַ ציוויליזאַציע“, „איבערבוי“, אָרגאַנישער קהילה שטייגער“, אד״ג. דאָס אַלץ באַציט זיך צו דער פאָרשונג פון דער השפעה, וואָס די סאָציאַלע וויסנשאַפטן האָבן גורם געווען אויף אונדזער מאָדערנעם לעבנסשטייגער בכלל און דעם יידישן לעבן בפרט.

אין די צאָלרייכע אָפהאַנדלונגען וועגן מרדכי קאַפלאַן, וואָס ווערן היפש אָפט פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער און ענגליש־יידישער פרעסע, ווערט ער אָפט מאָל פאַרגליכן צו אחד־העם. דער פאַרגלייך צווישן זיי ביידן איז אָבער נאָר טיילווייז ריכטיק. אמת, מרדכי קאַפלאַן דערקלערט אַז אחד־העם האָט אויף אים שטאַרק משפיע געווען. אָבער צווישן זיי איז דאָ אַ היפשער חילוק. דער חילוק איז ניט אַזוי אין דעם עצם פון זייערע שיטות, ווי ער איז אין דער באַזונדערקייט פון זייערע טעמפעראַמענטן. אחד־העם, אין זיין שיטה, איז געווען — וואָלטן מיר געזאָגט — אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט, בעת מרדכי קאַפלאַן איז אַ פאָלקסמענטש.

דער אַריסטאָקראַטישער איינשטעל מערקט זיך אין אַלע שריפטן פון אחד־העם. מ׳האָט עס געקענט שפירן אין זיין קריטיק איבער הערצלס פאָליטישן ציוניזם. זיין קריטיק איז מער מאָטיווירט געוואָרן דורך זיין גרינגשעצונג פון מאַסן־באַוועגונגען און עפנטלעכע אַרויסטריטן, איידער פון זיין אידעאָלאָגישער קעגנערשאַפט צו דעם עצם פון הערצלס געדאַנקען־גאַנג. אחד העם האָט נידערשעצט דעם המון העם און זיין עיקר געוויכט האָט ער געלייגט אויף יחידי סגולה, אויף די מענטשן פון „שילטון הרוח“, „שילטון השכל“, די „בני משה“ — אַז זיי, די אויסדערוויילטע, זאָלן אים קענען ברענגען די נייטיקע שינויים אין יידישן לעבן, אויף צו „באַנייען דעם גייסט“ פון יידישן פאָלק. אחד־העם איז בדרך כלל געווען קעגן מאַסן־באַוועגונגען. לויט זיין שיטה דאַרף די השפעה פון יחידי סגולה אויף דעם פאָלק צילגעווענדט ווערן דירעקט, בעת די השפעה פון די מאַסן אויף די „אויסדערוויילטע“ קען נאָר אומדירעקט רעפלעקטירט ווערן.

אחד־העם האָט געפרעדיקט, אַז יידן דאַרפן זיין „אַ קיניגרייך פון כוהנים און אַ הייליק פאָלק“ (שמות י״ט ו׳), און וויבאַלד זיי זיינען עס ניט, ברענגט ער אַ ביישפיל פון דער תורה: די יידן האָבן זיך פאַרזינדיקט, האָט גאָט אויסגערופן צו משה: „און אַצינד לאָז מיך, און מיין צאָרן וועט גרימען אויף זיי, און איך וועל זיי פאַרלענדן, און וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק“ (שמות ל״ב י׳). דאָס האָט אחד־העם געבראַכט ווי אַן אומדירעקטע באַשטעטיקונג צו זיין געדאַנק, אַז ניט דער כמות — די צאָל יידן איז דער עיקר, נאָר זייער איכות — ווי באַוווסטזיניק קולטור־יידישלעך זיי זיינען.

מרדכי קאַפלאַנס שיטה איז אָבער דער היפוך דערפון. ער האַלט דעם כמות — די צאָל יידן פאַר זייער וויכטיק. ער שאַצט יידישקייט לויט דעם סכום יידן וואָס זיינען דאָ פאַראַן. קאַפלאַן שטיצט זיין געדאַנק אויף דעם איינשטעל, אַז סיי אין דעם באַוווסטזיין און סיי אין דעם אונטערבאַוווסטזיין פון ייד איז דאָ טראַדיציע, געוווינהייט און מידות טובות, וואָס זיינען אין אים איינגעגלידערט דורך דער ירושה פון דורות. אין ווען די ירושה וואַכט און אין ווען זי דרימלט; אין ווען זי שימלט און אין ווען זי איז פריש; אין ווען זי קוואַלט און אין ווען זי גליווערט. דאַרף מען דאָס אַלץ דערוועקן, איבערזיפן, אויסלייטערן פון דעם אָנגעקליבענעם פסולת, און באַנייען דאָס יידישע פאָלק מיט לויטערן לעבן, אויף אַ שטייגער ווי עס זיינען באַנייט געוואָרן די טרוקענע ביינער אין דער זעונג פון יחזקאל הנביא. מרדכי קאַפלאַנס שיטה שטעלט דעם טראָפ אויף דעם, אַז מ׳טאָר ניט זיין אַ ייד ווי אַ יחיד, נאָר מ׳דאַרף זיין אויסגעבונדן מיטן פאָלקסלעבן. דער סך־הכל פון זיין שיטה איז ווידעראַמאָל דער אויסדרוק פון יחזקאל הנביא: „דאָס גאַנצע הויז פון ישראל.“

אָבער דער אונטערשייד פון מרדכי קאַפלאַן און אחד העם באַשטייט דער עיקר



אין מעטאָד און ניט אין דעם עצם פון דער אידעע. ווי אחד העם, אַזוי באַגרינדעט קאַפלאַן אויך זיין שיטה אויף דעם אַז דאָס פאָלק ישראל איז אוממיטלבאַר געבונדן מיט ארץ ישראל. אחד העם האָט בשעתו געפריידיקט, אַז „חיבת ציון איז ניט אַ טייל פון יידישקייט און איז ניט אַ צוגאָב צו דעם, נאָר ס׳איז יידישקייט אין זיין עצם... ס׳איז אַ לעבעדיקע שטרעמונג, וואָס שטאַמט פון האַרצן, פאַר דער איינִיקייט פון פאָלק, פאַר זיין אויפלעב און פרייער אַנטוויקלונג, לויט זיין גייסט, אויף אַלגעמיין מענטשלעכע יסודות“ („תורה שבלב“). און דאָס איז אויך מרדכי קאַפלאַנס שיטה.

אחד העם האָט אָבער גענומען אַ שטעלונג פון אָפגעזונדערטקייט צווישן יידישן רעליגיעזן גלויבן און קולטור־נאַציאָנאַליזם. מרדכי קאַפלאַן טוט עס ניט. ביי אים זיינען רעליגיע און קולטור געוועבט צוזאַמען. אָט די מיינונגס פאַרשיידנקייט צווישן זיי דערקלערט זיך דורך דעם חילוק פון צייט און זייערע באַזונדערע סביבות. אין אחד העמס צייט און סביבה האָט די השכלה געדאַרפט פאַרטיידיקן זיך קעגן דער קנאות פון די רבנים. אין קאַפלאַנס צייט און סביבה איז די לאַגע גרונטלעך געענדערט — פאַרטיידיקן דאַרף זיך די רבנות, די אויבערהערשאַפט האָט אַריינגעקראָגן די השכלה, און איר קנאות אַצינד איז אָפט מאָל נאָך שאַרפער איידער די אַמאָליקע קנאות פון דער רבנות.

אין זיין „שינוי ערכין“ מיידט אויס אחד העם צו נעמען אין באַטראַכט דעם עצם פון טראַדיציאָנעלן גלויבן און די מינהגים וואָס זיינען מיט דעם ענג געבונדן. ער לייגט דעם הויפט־געוויכט אויף „קולטור“, וואָס שליסט ניט איין רעליגיע. אין זיין פאָלעמיק מיטן אָרטאָדאָקסישן רב („דבר שלום“) דריקט זיך אויס אחד העם, אַז „דער אידעיִשער חילוק צווישן אונדז (משכילים און רבנים) איז ווירקלעך גרויס.“ און ער שרייבט ווייטער: „ביי אונדז אין האַרצן פילן מיר ניט קיין שום נייגונג צו באַשעפטיקן זיך מיט רעליגיע און זי צו רעפאָרמירן. איבערהויפט דערווייטערן מיר זיך פון דעם געדאַנק צו מישן רעליגיע מיט חיבת ציון, און אַלץ וואָס מיר ווילן איז, אַז אויך אַנדערע זאָלן ניט פאַרמישן אָט די צוויי באַוועגונגען.“

קאַפלאַן דענקט אָבער אַנדערש. ער פילט, אַז אחד העמס אומרעליגיעזער „נאַטירלעכער נאַציאָנאַליזם“ איז איצט היפש אָפגעשוואַכט, און אַז רעליגיע איז דער הויפט־מיטל, וואָס קאָן פאַרהאַלטן דעם אָפשטראָם פונעם יידישן פאָלק.. לויט קאַפלאַנען איז רעליגיע ניט אַ טפל און נאַציאָנאַליזם איז ניט דער עיקר. ביידע זיינען זיי אַן עיקר און זיי שליסן איין איינעם אין דעם אַנדערן. אָבער רעליגיע איז פאַרעלטערט געוואָרן, איז מער ניט צוגעפאַסט צום גייסט און וויסן פון דער מאָדערנער צייט. איז אַנשטאָט וואָס דאָס לעבן זאָל זיך צופאַסן צום רעליגיעזן גלויבן, ווי דאָס פריידיקט די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסיע — דאַרף זיין פאַרקערט: רעליגיע דאַרף זיך „רעקאָנסטרואירן“, זיך „איבערבויען“ און זיך אַריינפאַסן אין אין דעם מאָדערנעם לעבן מיט זיינע נייע באַגריפן און פאַרצווייגטן וויסן.

מרדכי קאַפלאַן פרעגט: „ווי קען מען מאַכן שלום מיט דעם געדאַנק צו גלייבן אין גאָט און גלייכצייטיק אָפלייקענען אָט דעם באַגריף פון גאָט, וואָס ברענגט אַזוינע ניסים, ווי דאָס שפאַלטן דעם ים־סוף און דאָס גלייכן?“

אויף דעם ענטפערט ער — הגם, אגב אורחא, זיין ענטפער איז ניט אַלע מאָל איבערצייגנדיק — אַז דאָס וואָס אונדזער קריטישער געדאַנק קען ניט אָננעמען פאַר אַ ווירקלעכקייט די ניסים, וואָס ווערן באַשריבן אין תנ״ך, הייסט ניט, אַז עס דאַרף אָפגעשוואַכט ווערן אונדזער גלויבן אין גאָט און מענטשלעכן לעבן. זיין טעאָלאָגישער סיסטעם האַלט אין איין ראַנגלען זיך מיט דעם פראָבלעם. וואָס אונטער דער השפעה פון אַנטוויקלטער וויסנשאַפט און מיט דער בעסערער דערקענטעניש פון נאַטור־סודות, קען דער מאָדערנער מענטש מער ניט גלייבן אין ניסים. אָבער אָט די טעאָלאָגישע אַפיקורסות, זאָגט קאַפלאַן, טאָר זיך ניט באַציען צו דער פראַגע פון אויפריכטן דאָס מענטשלעכע לעבן. דער עצם באַגריף פון „אויפריכט“ שטעלט דעם מענטשן אין דרויסן פון דער פיזישער נאַטור, היינט צו טאָג, ניט ווייניקער ווי אַמאָל.

דער זין פון גאָט־גלויבן באַשטייט אין דעם, וואָס מיר נעמען אָן, אַז לעבן פאַרמאָגט אין זיך באַדינגונגען פון אַ דרויסנדיקער (ניט פיזישער) וועלט, פון וואָס עס שטאַמט דער גייסט פון מענטש, און דאָס איז משפיע אויף מענטש צו איבערטרעפן זיך אַליין. דאָס הייסט, צו איבערשטייגן די פיזישע עקזיסטענץ און אַריינפּאַסן זיך אין אַ מצב פון גייסטיקייט. אָדער — מער קאָנקרעט: דאָס גלויבן אין גאָט באַטייט דער באַוווסטזיין פון מענטש פאַר באַשטימטער דערקענונג, אַז ס'איז געפאַלן אויף זיין מזלדיקן גורל אויסצוטיילן זיך פון חיהשקייט און צו שטייגן צו העכערע גייסטיקע מדרגות. בקיצור, גאָט איז די קאָסמישע קראַפט, וואָס שאַפט די ווענדונג אין מענטשלעכן באַוווסטזיין צו באַנעמען אַ פאָרשטעלונג פון גאָט. אָט די פאָרשטעלונג פון גאָט נייטיקט זיך ניט אין דער דעמאָנסטראַציע פון ניסים, וואָס זיינען אין היפוך פון נאַטור־געזעצן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר באַדאַרפן לייקענען און זיך אָפּשיידן פון דער טראַדיציע, וואָס איר געוויכט וואָרצלט זיך אין ניסים. פאַרקערט, מיר נייטיקן זיך אין דעם אויפהאַלט פון דער דאָזיקער טראַדיציע כדי צו פאַרשטיין, אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דעם איצטיקן געדאַנק פון גאָט, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס פאַר אונדז זיינען דורות און דורות געווען באַוווסטזיניק וועגן גאָט און זיי האָבן געזוכט און געפאָרשט זיין אַנטדעקונג. זיי האָבן אים אַנטפּלעקט דורך דעם גלויבן אין ניסים; מיר אַנטפּלעקן אים דורך טיפערן אַריינדרינג פון אונדזער גייסט. דורך זייער באַשטימטן גלויבן אין גאָט האָבן אונדזערע אָבות איינגעשטעלט אַן אידעאַל און לעבנסשטייגער פון עטיק און מאָראַל. אָט דער לעבנסשטייגער פאַרבלייבט אויך אונדזער היינטיקער אידעאַל. דורך צופּאַסן אים צו אונדזערע היינטיקע באַגריפן פאַרבינדן מיר זיך, קודם, מיט אונדזערע עלטערן און דערצו אויך מיטן יידישן פאָלק. דאָס זיינען אייביקע ווערטן, וואָס מיר קענען זיך ניט דערלויבן צו איגנאָרירן.

דער עיקר איינשטעל, בכן, לייגט מרדכי קאַפּלאַן אויף דער שטרעבונג צו „פאַרבינדן זיך מיטן יידישן פאָלק.“ דאָס איז דער עיקר פון זיין געבונדקייט צו יידישקייט. אָבער דאָס יידישע פאָלק, דערקלערט קאַפּלאַן, איז איצט געשפּאָלטן אין צוויי ריכטונגען: „וועלטלעכע יידן“ און „שול־יידן“, „וואָס זעען אויס מער ווי צוויי באַזונדערע פעלקער איידער טיילן פון דעם זעלביקן יידישן פאָלק.“ די דאָזיקע אידעישע און זיטלעכע שפּאַלטונג צווישן יידן שטעלט אין סכנה דעם קיום פון דער אומה. שטרעבט דעריבער קאַפּלאַן, דורך זיין אייגנאַרטיקער רעליגיעזער אָריענטאַציע אויפצושטעלן אַ בריק צווישן די דאָזיקע צוויי ריכטונגען, צו דערמוטיקן דעם יידישן גייסט און צו באַווירקן דורך אים יעדן איינעם — צי ער איז יאָ אָדער ניט אָנגעשלאָסן אין אַ שול.

מרדכי קאַפּלאַן דערקלערט, אַז „זיין יידישקייט איז דער פּועל יוצא פון אידענטיפיצירן זיך — בכל לב ונפש — מיט דעם יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט.“ ער האָט ליב יידן, זאָגט ער, ווי יחידים און ער האָט זיי ליב ווי אַ גרופּע. און זיין רעאַליזם, זאָגט ער ווייטער, האָט אים געמאַכט פאַר אַ ציוניסט. ער האָט ניט קיין אילוזיעס וועגן די שאַנסן פון יידישן קיום אין די תפוצות, אונטער די באַדינגונגען פון דער איצטיקער צייט. ער איז איבערצייגט, אַז „אָן דער פאַרוואָרצלונג אין דעם לאַנד פון די אָבות, וועט אויסגעטריקנט ווערן די וויטאַליטעט וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך אַנטוויקלט אין משך פון זיין לאַנגיאָריקן עבר, און דאָס פאָלק וועט מער ניט קענען אַרויסגעבן קיין בלומען און קיין פּירות; אָן ישראל קען בכלל מער ניט זיין קיין עם ישראל.“

קאַפּלאַנס ציוניסטישע שיטה איז ניט אַזוי פּשוט. פאַרקערט, זי איז זייער קאָמפּליצירט. ס'איז אַ קאָמפּלעקס פון אידעען, וואָס דאַרף אַרומנעמען דאָס גאַנצע לעבן פונעם יידישן מענטשן אויף אַן ענלעכן שטייגער ווי בשעתה האָט דאָס געטאָן רעליגיע. קאַפּלאַן פּאַסט אויף ציוניזם ווי אַ וועלטבאַנעם, מיט אַן אייגענעם מאָדערנעם שולחן־ערוך, וואָס דאַרף שאַפן אַ נייעם יידישן לעבנסשטייגער. קאַפּלאַנס ציוניזם איז אידעאַליזירט צו אַ שטייגער אַז ער באַדאַרף באַגלייטן דעם יידישן מענטשן אין אַלע זיינע אויפפירונ־



גען. דאָס באַטייט, אַז אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם אויסדרוק פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, דאַרף זיין באַאיינפלוסט און דורכגעדרונגען מיט דעם ציוניסטישן געדאַנק. ס'איז אַ מאָדערנער משיחיזם וואָס דאַרף דערלייזן די גייסטיקייט פון ייד אין יידישן מענטש.

מרדכי קאַפּלאַן איז באַוווסטזיניק אויף דעם, אַז דאָס יידישע פאָלק אין די תפוצות האָט פאַר זיך דעם שווערן פּראָבלעם צו לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, וואָס איז זייער אַ שווער לעבן. באַדאַרף דער ציוניזם שטיצן דעם יידן אויף זיין לעבנסגאַנג. אין ציוניזם דאַרף אַריינגעגעבן ווערן אַזוי פיל אינהאַלט, גייסטיקע עשירות און וויטאַליטעט, אַז ס'זאָל פאַרנעמען דעם אָרט וואָס די יידישע רעליגיע האָט אַמאָל פאַרנומען אין דעם קיום פון דער יידישער אומה.

אויבנאויפיק ווייזט זיך אויס, אַז מרדכי קאַפּלאַן איז ניט מער ווי אַן אידעאַליסטישער טרוימער, וואָס איז איינגעגלייבט אין אַן אוטאָפּיע וואָס האָט ניט קיין ממשות אין פּראַקטישן לעבן. אָבער באמת איז מרדכי קאַפּלאַן אַ רעאַליסט, וואָס שטרעבט צו באַשיינען דאָס לעבן מיט אַ דערהייבענעם אידעאַל. ער וויל אַריינטאָן אינהאַלט דאָרט ווו עס איז אויסגעוועפּט פונעם יידישלעכן לעבן. קאַפּלאַן איז באַוווסטזיניק, אַז פון די גרויסע יידישע ישובים, וואָס לעבן אין זיכערקייט אין די צפון־ און דרום־אַמעריקאַנער לענדער — און ציילן מער ווי אַ העלפט פון גאַנצן יידישן פאָלק אויף דער וועלט — וועט בלויז אַ קליינע צאָל עולה זיין קיין ישראל. דעריבער איז נייטיק צו שאַפן מיטלען ווי אָנצוהאַלטן די יידן פון ישראל און די יידן פון תפוצות אין אַ גייסטיקער אייניקייט, אין קעגנזייטיקער אַחריות און געמיינזאַמע צילן.

אָבער וואָס זיינען די מיטלען? די מיטלען ברענגט אַרויס קאַפּלאַן אין זיין אייגנאַרטיקער שיטה פון ציוניזם. לויט זיין איינשטעל איז דער ציוניזם דער סינאָנים פון יידישקייט. אָן ציוניזם האָט יידישקייט קיין קיום נישט; אָן יידישקייט איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז ציוניזם האָט קיין קיום נישט. און וואָס אַז יידישקייט?

מרדכי קאַפּלאַן באַטראַכט ניט יידישקייט ווי אַ שיטה פון טעאָלאָגישע דאָקטרינען און מצוות מעשיות, נאָר ווי אַ לעבנסשטייגער פאַר דער אויסבעסערונג פון דעם יחיד און פון דער געזעלשאַפט. יידישקייט איז אַ שעפערישע קראַפט פון אידעען. יידישקייט איז אַ שיטה, אַ וועלטאָנשויאונג, אַ לעבנסאַרט וואָס באַקעמפט אַ מאַטעריאַליסטישן אויסטייטש פון מענטשלעכע ווערטן. יידישקייט גיט חשיבות צו מענטש ווי אַ פרייער ווילן און אַ גייסט וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון מאַטעריע — אַ גייסט וואָס באַווירקט מאַטעריעלע אומשטענדן און ניט פאַרקערט. דער יידישער געדאַנק באַרייכערט מענטש מיט דער פעיקייט צו טראַכטן אין אַבסטראַקטע טערמינען און באַפרייט זיין מוח פון פאַרשקלאַפונג צו די חושים. דאָס דערמעגלעכט דאָס יידישע פאָלק צו שאַפן אַן אייגנאַרטיקע קולטור. מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה וועט דאָס יידישע פאָלק ווידער אויפלעבן זיין גייסט און אַנטוויקלען זיין אייגנאַרטיקע קולטור, צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט, און באַגרינדעט אויף די יסודות וואָס זיינען לכתחילה געלייגט געוואָרן פון די נביאים, און וואָס וועט צוטראָגן איר חלק שעפערישקייט צו דעם סכום פון וועלט־קולטור. תורה וועט אַרויס פון ציון און וועט משפיע זיין אויף די תפוצות אויף אַזאַ שטייגער, אַז די תפוצות וועלן אויך ווערן שעפעריש און שאַפן תורה, וואָס וועט משפיע זיין אויף ציון. דאָס וועט זיין אַ קעגנזייטיקע השפעה.

בכדי צו רעאַליזירן אָט דעם אידעאַל פאָדערט זיך אַ פּראַקטישער צוגאַנג צו דער יידיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. און מרדכי קאַפּלאַן שלאָגט פאָר אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט:

ראשית כל, צו אָרגאַניזירן לאָקאַלע יידישע קהילות, וואָס זאָלן און וועלן מיט דער צייט פאַראייניקן זיך אין איין צענטראַלער קהילה מיט לאָקאַלע אויטאָנאָמיעס.

והשנית, און דאָס איז דער עיקר־געדאַנק וואָס גיט קאַפּלאַנען קיין רו ניט: וואָס איז איצט די ראָלע פון די יידן איבער

דער וועלט וויבאַלד די שאַפונג פון דער זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן?

דערביי ראַנגלט זיך קאַפּלאַן אָן אַ שיעור מיט דעם פּראָבלעם פון דעם אַזוי גערופענעם „שלילת הגלות". „שלילת הגלות", ווי עס ווערט געטייטשט פון אַלערליי טעאָרעטיקערס, צוימט איין די אוניווערסאַלע השגה פון יידישקייט אין ענגע טעריטאָריעלע ראַמען. דאָס מיינט, אַז יידן אין די תפוצות — אויב זיי זיינען ניט עולה קיין ישראל — זיינען פאַראורטיילט צו דער בהדרגהדיקער אַסימילאַציע, צו אולטימאַטיוון אומקום. קאַפּלאַן באַקעמפט אָט דעם געדאַנק מיט דעם גאַנצן כוח פון זיין אומגעהויערער ערודיציע און עלאָקווענץ. ער רופט צו אַן אידעיִשער איבערשאַצונג פון די קולטורווערטן פון יידישן פאָלק. ער זעט פאָרויס אַ הויכע יידישע אינסטאַנץ, אַ יידישע אַקאַדעמיע, אַ מאָדערנעם סנהדרין, וואָס זאָל פּראָקלאַמירן — פאַר דער יידישער ווי ניט־יידישער וועלט — דאָס יידישע פאָלק ווי אַ רעליגיעז־קולטור־עטנישע איבערשטאַטלעכע פאָלקס־איינִיקייט.

אט דער טעאָרעטישער איינשטעל פון מרדכי קאַפּלאַן האָט אַרויסגערופן ניט נאָר קריטיק, נאָר אויך חווק. אַ פאָלק, זאָגן די קריטיקערס, באַקומט ניט קיין סטאַטוט דורך אַ פּראָקלאַמאַציע. ניט אַן איינציק פאָלק האָט זיך ווען אויפגעזאַמלט מיט דער כוונה אַרויסצולאָזן אַזאַ פּראָקלאַמאַציע סיי פאַר זיך און סיי פאַר דער וועלט.

אויף דעם ענטפערט קאַפּלאַן צו זיינע קריטיקערס, אַז יידן זיינען ניט אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע ווי אַנדערע פעלקער. די אַטריבוטן פון אַנדערע פעלקער ווערן אויסגעשעפּט דורך טעריטאָריע און שפּראַך. יידן פּאַסן זיך ניט אַריין אין דער סכעמע פון די אַנדערע פעלקער וואָס זייערע אייגנשאַפטן באַגרענעצן זיך מיט טעריטאָריע און שפּראַך. דעריבער איז לחלוטין נייטיק אַ יידישע אינסטאַנץ, וואָס זאָל פּראָקלאַמירן אונדזער אייגנאַרטיקן סטאַטוס ווי אַ רעליגיעז־עטנישע, איבערשטאַטלעכע פאָלקס־איינהייט. און ווען דאָס וועט אויפגעטאָן ווערן, וועלן מיר באַדאַרפן איבערגרופּירן אונדזער לעבן אין באַזונדערע עטניש־רעליגיעזע קהילות, וואָס זאָלן האָבן פאַר זיך אַ קלאָרן ציל אויפצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען אונדזער אייגנאַרט אין אַלע לענדער, אַריינגערעכנט די יידישע מדינה, ווי אַ וועלטפאָלק, וואָס איז איבערשטאַטלעך און וואָס זיין אידענטיטעט באַשטייט אין זיין געמיינזאַמען געשיכטלעכן גורל, געמיינזאַמער רעליגיעזער קולטור און געמיינזאַמען גייסטיקן צענטער — צ י ו ן.

דערביי קומט מרדכי קאַפּלאַן מיט אַ פאָרשלאַג, אַז דער באַזעלער ציוניסטישער פּראָגראַם זאָל געענדערט ווערן. דער באַזעלער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897, שטעלט זיך פאַרן ציל צו דערגרייכן פאַרן יידישן פאָלק אַן „עפנטלעך, רעכטלעך, געזיכערטע היים אין ארץ ישראל." כדי דאָס צו קענען דערגרייכן איז דעגסטמאָל פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז ס'איז אומבאַדינגט נייטיק צו אַנטוויקלען פאַר אָט דעם געדאַנק אַ שטאַרקע צוגעבונדקייט צום פאָלק מצד דעם וועלט־יידנטום. דערביי איז דער עיקר, אַז לויטן באַזעלער פּראָגראַם איז דער ענדציל געווען דער יידישער שטאַט און דאָס פאָלקס־באַוווסטזיין האָט באַדאַרפט דינען ווי אַ מיטל צו גרייכן אָט דעם ענדציל. און איצט, ווען דער שטאַט איז שוין אַ ווירקלעכקייט, וואָס בלייבט די עובדה פונעם פאָלק? שלאָגט פאָר מרדכי קאַפּלאַן, אַז מ'זאָל איבערשאַצן די ווערטן: „דער צוועק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זאָל זיין צו באַשטימען דאָס וועלט־יידנטום ווי אַ גייסטיק פאָלק, וואָס דער אויפהאַלט און אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל דינט פאַר דעם ווי דער הויפּט און אַבסאָלוט נייטיקער מיטל."

דערביי שלאָגט פאָר מרדכי קאַפּלאַן אַ פּונקט אין זיין פּראָגראַם, וואָס ער האַלט פאַר אַן עיקר, און וואָס איז אַזוי דראַמאַטיש געוואַגט ווי ער איז היסטאָריש פאַרטיפט — „עפנטלעך צו פאַרשניידן אַ פאָרמעלן ב ו נ ד צווישן אַלע באַזונדערע טיילן פון יידישן פאָלק, אַריינגערעכנט דעם טייל פון מדינת ישראל."



אין זיין איינלייטונג צו דעם דאָזיקן פּונקט פון זיין פּראָגראַם דערמאָנט קאַפּלאַן, אַז דער אָנהייב פון יעדער גייער היסטאָרישער עפּאָכע אין יידישן לעבן איז באַצייכנט געוואָרן דורך אַזאַ „בונד": ביי די בני ישראלביים באַרג סיני; אין שכם, ווען די יידן זיינען שוין אַריין אין ארץ ישראל; שפּעטער אין ירושלים, אין די צייטן פון קיניג יהושיהו, ווען די מגילות פון דער תורה זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן, און ווידער אַ מאָל בעת שיבת ציון נאָכן גלות בבל. איצט, זאָגט מרדכי קאַפּלאַן, זיינען מיר ווידער אַריין אין אַ נייער תקופה פון דער יידישער געשיכטע, דאַרפן מיר פאַרבינדן אַלע טיילן פונעם פאָלק מיט מדינת ישראל. „מיר דאַרפן", אַנטוויקלט ער זיין געדאַנק, „דעמאָנסטראַטיוו באַשטעטיקן די איינִיקייט פון יידן איבער דער גאַנצער וועלט און ניט אַרונטערנעמען די שמירה פון דער גבוראהשער וויזיע פון אונדזער פאָלק פאַר דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט. יעדער באַזונדער טייל פונעם יידישן פאָלק דאַרף זיין פאַרטראָטן, און דער טאָג ווען דאָס וועט געשען, זאָל באַשטימט ווערן פאַר אַ יערלעכן פייערטאָג, ווי דער יידישער איינִיקייט־טאָג, דער טאָג ווען מיר זיינען געוואָרן אַן 'עם ברית', אַ פאָלק פון 'בונד'.."

לכבוד דעם 80טן געבוירנטאָג פון ד"ר מרדכי קאַפּלאַן — פאַר צען יאָרן — האָבן זיינע תלמידים פון דער רעקאָנסטרוקציאָניסטישער באַוועגונג אַרויסגעגעבן אַ פּראָגראַם־בראָשור מיט אַן אָפּשאַצונג וועגן זייער לערער און גייסטיקן פירער. פון דאָרטן נעמען מיר אַרויס דעם וויי־טערדיקן ציטאַט, וואָס כראַקטעריזירט קאַפּלאַנען זייער טרעפלעך:

„צווישן ציוניסטישע פירערס ווערט ער באַטראַכט ווי אַ ניט־רעאַליסטישער מענטש מחמת זיין טיפן גלויבן, אַז יידיש לעבן קען אויך האָבן אַ קיום אין די תפוצות; צווישן ניט־ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע קרייזן ווערט ער באַשולדיקט, אַז ער וויל אויפשטעלן אַן אויטאָריטאַרן צענטער פון אַ טעאָקראַטישער הערשאַפט; סאָציאַלע טוערס באַטראַכטן אים פאַר צופיל טעאָלאָג; טעאָלאָגן קריטיקירן אים אַז ער איז ניט מער ווי אַ סאָציאָלאָג; צווישן די קרייזן וואָס שטרעבן צו אינטעגרירן די יידן אין אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן זעט אויס זיין פּלאַן מכוח אַן אָרגאַנישער יידישער קהילה ווי אַ פּלאַן פאַר אַ נייער געטאָ; פאַרקערט, די וואָס באַקעמפן אַסימילאַציע קענען ניט מסכים זיין מיט זיין אָנווענדונג אַז יידן לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס; די וואָס זיינען באַקאַנט מיט זיין פּערזענלעכן לעבנסשטייגער באַטראַכטן אים פאַר אַן אָרטאָדאָקס; אין דער זעלביקער צייט שטורעמען קעגן אים די אָרטאָדאָקסן אַז ער איז אַן אָפּטריניקער פון יידישקייט, און ער באַריכט וועגן זיך אַליין אַז ער ווערט אָנגענומען ווי 'אַ דענקער צווישן מענטשן פון טאַט און ווי אַ מענטש פון טאַט צווישן דענקערס.'

„אָבער אַלע זיינען מסכים, אַז מרדכי מ. קאַפּלאַן, צי ער איז גערעכט אָדער אומגערעכט, איז איינער פון די ערשטע פילאָזאָפן פון יידישקייט וואָס דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט אַרויסגעגעבן."

ניט געאַכט אויף זיין טיפן עלטער איז מרדכי קאַפּלאַן נאָך אַלץ אַ „מעין המתגבר", אַ שטייגנדיקער קוואַל, וואָס ברויזט עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל, און שפּרודלט אָן אויפהער מיט אידעען וועגן גאָט און מענטש. זאָל ער נאָר שאַפן, ווירקן און לעבן מיט אונדז אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר!

פּינטשע בערמאַן

## צוויי לידער

### גאָטס וווּנדער

ניטאָ אַזאַ האַרץ, וואָס איז שלעכט,
ניטאָ אַזאַ אויג, וואָס איז בייז.
דאָס לעבן איז שיין און גערעכט,
ווי אַ שטראַל, ווי אַ טויב, ווי אַ רייז.

דו קום נאָר מיט ליבשאַפט אין בלוט,
דו קום נאָר מיט זון אין דיין האַרץ —
און אַלץ אַרום שיין ווערט און גוט,
אַ מאָל איך, וואָס טונקל און שוואַרץ...

און הערסטו, אין ווינט, אַ געוויין,
און זעסט, ערגעץ, פּענטעס און בויט —
קלאַפּ זיך אין ברוסט דו אַליין,
ס'איז דיין אייגן־געשאַפענע קייט...

און זוכסטו, איז זוך אין דער טיף.
גאָטס וווּנדער—דאָס האַרץ—איז אים:
דאָרט ליגט אַ צעבראָכענע שיף,
דאָרט ברויזט אויף אַ פייער, אַ פלאַם...

ניין, ניטאָ אַזאַ האַרץ, וואָס איז שלעכט,
און אַן אויג, וואָס איז בייז און געמיין,
און דער, וואָס ער פּייניקט און שעכט,
פּייניקט און שעכט זיך אַליין...

### דער פולער כוס

כ'וויל זינגען אַ ליד הײַנט פון לעבן:
פון שיינקייט, און ליבשאַפט, און פרייד;
געשאַנקען, וואָס גאָט האָט געגעבן,
און אין אונדזערע הערצער פאַרזייט.

כ'וויל זינגען פון טרוים און באַגערן,
פון פליגלען, פון רחבות, פון ליכט;
פון קינדער, און בלומען, און שטערן,
פון גליאיק צעשטראַלטן געזיכט.

כ'וויל זינגען פון טוי און פון רעגן,
פון זאַנגען צעווייעט אין ווינט;
פון טייכן, און ימען, און ברעגן,
פון צעהעלטן געלעכטער פון קינד.

כ'וויל זינגען פון פייגלען און בינען,
פון לאָנקעס, און לעמער, און שאָף;
פון וווּנדער, וואָס האָט קיין באַגינען,
פון צויבער, וואָס האָט ניט קיין סוף.

ס'האָט גאָט אונדז אַזוי פיל געגעבן —
אַ כוס, אַזאַ פולער, איז דאָ.
לאָמיר טרינקען לחיים צום לעבן!
לאָמיר טרינקען פון כוס ביזן דנאָ!...

---

## באַגריסונגען

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער בן־עיר און איינעם פון די חשובסטע יידישע שרייבערס און פאַרטיפסטע דענקערס

**אַברהם גאָלאָמב שליט"א**

צו זיין קריגן דעם פאַרדינטן **ערן־דאָקטאָראַט** פון „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם."
אויך באַגריסן מיר

**יעקב גלאַטשטיין שליט"א**

וואָס האָט זיך קונה־שם געווען ווי איינער פון די גרעסטע דיכטערס פון עם ישראל און אויך טיפע דענקערס און ליטעראַרישע קריטיקערס — צו זיין 75סטן געבוירן־יאָר.

אָפּשאַצונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן יעקב גלאַטשטיין וועלן דערשיינען אין קומענדיקן נומער „חשבון".

מיר ווינטשן זיי ביידן — **ר' אברהם גאָלאָמב** און **ר' יעקב גלאַטשטיין** — אריכות ימים ושנים, געזונטע שעפערישע יאָרן. אָמן.

רעדאַקציע „חשבון"
ל. א. יידישער קולטור־קלוב



אברהם גאָלאָמב

# ווי זעט אויס אונדזער פאָלק היינט?

(אַ פראַגמענט פון דעם נייעם בוך „צו די הייכן פון יידישן גייסט" וואָס דאַרף באַלד דערשיינען)

דער ישוב פון מזרח־אייראָפּע איז מער ניטאָ. ניטאָ מער אויך די פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען ווי פריער. דאָס יידישע פאָלק לעבט איצט אין אַלע זייַנע צעשפּרייטונגען:

א. דירעקט אין שכנות מיט די הערשנדיקע פעלקער.

ב. ניטאָ מער קיין באַזונדערע סאָציאַלע אָרגאַניזירטקייט.

ג. ניטאָ מער קיין באַזונדערע דערציונג, קיין פאַרזיכיקער שטייגער, קיין פאַרזיכיקע שפּראַך.

יידן פאַרמערן זיך מער ניט. דער צופלוס קאָן ניט דעקן דעם אָפּפלוס דורך אַסימילאַציע.

אַלע ישובים איבער דער וועלט זיינען געגליכן צו אַ בוים וואָס האָט אויפגעהערט צו וואַקסן. ער שטייט נאָך אויף זיינע פאַרטריקנטע, פאַרהאָלצטע וואָרצלען, אָבער קיין לעבן איז אין זיי ניטאָ. דער בוים פּראָדוצירט מער ניט קיין פרישע בלעטער, בלומען און פרוכט. ער איז בלויז אַן אָביעקט פאַר אַלערליי דרויסנדיקע מזיקים, שעדיקער און צעשטערער.

אָט די שעדיקער פון יידישן פאָלק, די שונאים זיינען איצט מער ווי ווען עס איז פריער. זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל אַלוועלטלעך זיי זיינען אומעטום בלוטיקער, גענאָסידיש — להרוג ולהשמיד. וואָס שוואַכער עס ווערט דאָס פאָלקישע אין יידישן פאָלק, אין זיינע ישובים, אַלץ שטאַרקער ווערן די שונאים, אַלץ בלוטיקער און אַלץ אָפענער, דרייסטער.

דער איינציקער אַקטיווער ישוב איז אין דער מדינה. און זי — ביי איר גאַנצער ניסימדיקער גבורה, איז דאָך... אין סומכים על הנס...

דאָס איז דאָס בילד פון אונדזער היינט.

## לאַנד און פאָלק — ווער וועמען בויט?

יעדער לאַנד האָט זיין פרצוף, יעדער אָרט — זיין געמיט, זיין כאַראַקטער. אַן אַמעריקאַנער שטעטל וועט לכתחילה אויסזען גאָר אַנדערש ווי אַ רוסיש, ווי אַ מעקסיקאַנער. עס שטייט ערגעץ: „חן המקום על יושביו." נאָך ריכטיקער איז עס פאַרקערט — די יושבים, די באַפעלקערונג — זי גיט דעם כאַראַקטער פון דעם אָרט. יידישע שטעטלעך זיינען על פּי רוב געווען אין שכנות מיט פויערישע דערפער, און דעם אונטערשייד האָט מען געקאָנט דערקענען גלייך פון דרויסן.

אפילו אַ גרעסערע שטאָט — ווילנע, ווו עס האָבן געלעבט עטלעכע פעלקער באַנאַד, האָט געהאַט פאַרשיידענע געשטאַלטן פאַר איטלעך פאָלק אין דער זעלביקער שטאָט. אַן אַנדער אויסזען האָט געהאַט מיצקעוויטשעס ווילנע און גאָר אַן אַנדער— קולבאַקס און זיין „ווילנע".

אין די אַלגעמיינע ראַמען האָט דאָך אויך איטלעכע שטאָט איר אייגן אויסזען. תל־אביב און ירושלים היינט. צוויי יידישע שטעט. ביידע דורך און דורך יידיש און דאָך! איז תל־אביב אַ שטיק ברויזנדיקע וואָכעדיקייט, אַ מין נאַלעווקי אין ארץ ישראל, און ירושלים—די נייע ירושלים — איז אַ שטאָט וואָס איז זיבן טעג אַ וואָך שבתדיק. עיר שכולה שבת. דאָס קאָן מען דערקענען גלייך ביים אַריינפאָר אין די צוויי שטעט. אין די גאַסן, אין די געשעפטן—אומעטום. ניט אומזיסט זאָגט מען: „ווילסטו דערקענען אַ פאָלק, טאָ גיי אין זיין לאַנד." דאָס מיינט „היים". דאָ פיל איך זיך פריי, ביי זיך, מיט זיך, צווישן אייגענע, איך דאַרף זיך ניט צופּאַסן צו קיינעם, איך פיר זיך ווי איך בין געוווינט, ווי איך האָב ליב.

מיר איז אויסגעקומען אין יענע צייטן צו וואַנדערן איבער די שטעטלעך אַרום

וואַרשע מיט מאיר מענדעלסאָנען. מיר האָבן געזוכט עפּעס אַ פּאַסיקן אָרט פאַר אַ באָטאַנישער עקסקורסיע מיט יידישע לערער אין אַ וואַלד. האָט מיר מאיר מענדעלסאָן אַ זאָג געטאָן: רעדט אַ ביסל שטילער. די גויים וועלן דערהערן אַז מיר ריידן יידיש, וועלן זיי אָנרייצן אויף אונדז די הינט... דאָס איז גלות. מיר זיינען געפאָרן איבער די שאָסייען פון מדינת ישראל, שפּעט אין אָוונט, זיינען מיר, הונגעריקע, אַריינגעפאָרן אין אַ רעסטאָראַן לעבן אַשדוד. אַ ייד אין אַ יאַרמלקע האָט אונדז מכבד געווען מיט היימישע לאָקשן און מיט ראָסל־פלייש. און אויף דער וואַנט — אַ פּרימיטיווע מאָלעכץ פון חד גדיא... דאָ האָב איך דערפילט היים, הגם איך בין דאָרטן געווען איין מאָל אין מיין לעבן.

אין מיין קליין שטעטל איז געווען דאָס שטעטל מיט דעם דאָרף אין גאַס. איך פלעג אין דער וואָכן אפילו מורא האָבן אַריבערצוגיין ווייטער פון דעם יידישן עירוב; דאָס שטעטל איז געווען היים, דער דאָרף — שקצים און הינט און — נאָך ערגער — דער ריח פון געפּרעגלט חזיר — דאָ איז גלות...

ווי מענטשן זיינען, אַזוי לעבן זיי; ווי מענטשן זיינען אַזוי בויען זיי. מענטשן בויען אַריין זייער גייסט אין זייער שטייגער, זייער געמיט אין זייערע הייזער אפילו. דאָס איז היים, דאָס איז לאַנד, היימלאַנד. דאָרטן וווּ איך בין „איך", דאָרטן איז מיין היים. אין מיין היים פיל איך זיך ביי זיך.

## איז אַמעריקע היים?

ווען גרויסע מאַסן יידן פון די שטעטלעך האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין אַמעריקאַנער שטעט, האָבן זיי געשאַפן יידישע ראַיאָנען, היימישע. האָט די יידישע ניו־יאָרק געהאַט מסתמא היפשע טויזנטער יידישע שטעטלעך, מיט אַלע שטריכן און פּיטשעווקעס. ניט באַזונדערע יידישע יחידים זיינען דאָס געווען, נאָר גאַנצע יידישע „לאַנדסמאַנשאַפטן," טאַקע לויט די היימישע שטעטלעך. יידן האָבן זייערע היימען אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע, וווּ מען האָט זיך געפילט נאָך היימישער ווי פריער. האָט זיך אַריינגעגאָסן דער גאַנצער שטייגער, די רעליגיע, וועלטלעכקייט, געזעלשאַפטלעכקייט, אידעאַלן, באַוועגונגען—ציוניזם, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, אַ ליטעראַטור, אַ פּרעסע, אַרבעטער באַוועגונג, יוניאָנס מעכטיקע, קאַמף און קולטור. יידן אַסימילירטע, פון פריערדיקע אימיגראַציעס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָט די אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך גענומען שטאַרק אָנזען אין אַמעריקע. האָט אַמעריקע איבערגעריסן איר אָפּמאַך מיט רוסלאַנד צוליב אירע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן. און געווען זיינען אין אַמעריקע יידן אַ סך ווייניקער ווי היינט. זייער וואָגיקייט פאַר דער דעמאָקראַטיע איז אָבער געווען אַ סך אַ גרעסערע. ניט בלויז יידן זיינען געקומען קיין אַמעריקע. עס איז געקומען יידישקייט קיין אַמעריקע. איך גייסט פון אונדזער טראַדיציע וואָלט איך געזאָגט, אַז די יידישע שכינה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין אַמעריקע. ניט בלויז יידן האָבן דאָ געבויט זייער היים, נאָר טאַקע יידישקייט, דער יידישער גייסט, די יידישע שכינה. געקומען מיט אַ היים־געפיל און דאָ גענומען בויען אַ בעסערע דירה פאַר דער יידישער היים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָרט היים, ווי אויך דאָס וואָרט גלות נוץ איך דאָ בלויז ווי באַגריפן פּסיכאָלאָגישע, אין זינען פון עמאָציע, ניט אין פּאָליטישן, יורידישן און אויך ניט אין עטנאָגראַפישן, קולטורעלן זינען. יידן זיינען געווען פאַרהיימישט אויך אין רוסלאַנד, פוילן. און זיי האָבן זייער היים־געפיל מיטגעבראַכט. דערביי מוז מען קלאָר מאַכן:

היים־געפיל—וואָס מיינט דאָס וואָרט? — אַ ייד, יעדער ייד האָט זיין היים געפילט ניט דירעקט „אין אַמעריקע", נייערט קודם כל איז אַ ייד געווען גייסטיק איינגעהיימישט אין זיין יידיש פאָלק. און אָט דאָס יידישע פאָלק האָט אַ פרייע היים געפונען אין אַמעריקע. דאַכט זיך, אַז פון דער בבל־תקופה אָן האָבן יידן ניט געהאַט אַזאַ „פרייע", רואיקע היים ווי אין אַמעריקע. טאַקע ניט אומזיסט האָבן יידן זיך געבענטשט מיט אַמעריקע. עס זיינען געווען אַלע מעגלעכע באַדינגונגען יידן זאָלן איינשטעלן אין אָט דער נייער היים פון זייער געפיל אויך אַ היים אין סאָציאַלן זינען, אין קולטור־זינען, און במילא שוין אויך אין פּאָליטיש־יורידישן זינען. אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וואָלט עס ניט געשטערט, וואָלט געלאָזן פריי בויען. אַזוי וואָלט עס געקאָנט זיין, אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין. ווארום: וואָס מיינט אַזוינס ה י י ם?



אין אַ היים איז קודם כל פאַראַן דאָס געפיל: איך בין „איך". דאָס איז די פאַרזיכיקייט פון געפיל. אָט די עמאָציאָנעלע פאַרזיכיקייט ברענגט צו אַ פאַרזיכיקן אויפפיר, צו אַ פאַרזיכיקן שטייגער: מיר פירן זיך ווי מיר זיינען געוואוינט, ווי אונדז איז אָנגענעמער, ליבער. אַ מענטש מיט געפיל פון פאַרזיכיקייט קען ניט זיין קיין נאָכמאַכער. זיין לאָגיק איז — דו ביסט דו און איך בין איך. דרך־ארץ פאַר דיין א י ך און דרך־ארץ פאַר מיין א י ך; מיר זיינען שכנים אין איין לאַנד, די זעלביקע געזעצן באַשיצן דיין פרייהייט צו זיין וואָס דו ביסט און ווי דו ביסט, און די זעלביקע געזעצן באַשיצן אויך מיך צו זיין וואָס איך בין און ווי איך בין. מיט איין מאָל האָט זיך די יידישע אימיגראַציע אַרויסגעריסן פון אמתער קנעכטשאַפט, פון הונדערטער יאָרן אונטערטעניקייט, אָפּהענגיקייט פון ווילן און קאַפּריזן פון מושלים און די לעצטע הונדערט יאָר איז געווען אַ טאָפּעלע קנעכטשאַפט: אונטער רוסלאַנד—ווי אָרעמע בכלל און ווי פון אייביק פאַרהאַסטע יידן. אַ לאַנד געווען וווּ מען האָט זיך גערעכנט נאָר ניט די „אדעלע", ווו די מערהייט פון פאָלק — די פּויערים — זיינען געווען פּשוטע קנעכט צום פאַרקויפן און צו קויפן ניט בעסער ווי בהמות, ווי די נעגערס אין אַמעריקע. האָט מען דאָך ניט געקאָנט פאַרלאַנגען פון אָט די פּריצים־הערשער, זיי זאָלן זיך צו יידן באַציען בעסער ווי צו זייערע אייגענע פּויערים. און דערצו נאָך זיינען דאָס יידן, וואָס די שנאה צו זיי איז אַזוי אַלט ווי די גאַנצע רעליגיע און נאָך עלטער! און מיט איין מאָל: מעבדות לחירות, משעבוד לגאולה! אין אייראָפּע איז נאָך די פרייהייט פון יידן געווען פאַרבונדן מיט דער אַנולירונג פון יידישקייט. יחידים יידן ווי בירגער באַקומען אַלע פרייהייטן, אָבער יידנטום ווי אַ פאָלק — קיין רעכט ניט! דאָ, אין אַמעריקע, איז עס געווען פאַרקערט: קיין שטערונגען פון קיינעם. יידן קאָנען האָבן רעכט ווי יחידים און רעכט ווי אַ פאָלק. ווי איר ווילט, וואָס איר ווילט און וויפל איר ווילט. אַזאַ פרייהייט האָבן יידן ניט געהאַט אין דער קריסטלעכער וועלט קיין מאָל פריער. האָט אַ ייד פאַרטראַכט צו שאַפן אין אַמעריקע אַ צווייטע ארץ ישראל (מרדכי עמנואל נח מיט זיין „אררט"), האָט ער ניט געהאַט קיין דרויסנדיקע שטערונגען. עס זיינען געווען אָביעקטיווע מעגלעכקייטן צו בויען אַ צווייטע ארץ ישראל, אַ נייע ארץ ישראל אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע, און נאָך מער— אין אַרגענטינע.

ארץ ישראל — מיינט דאָך פּשוט אַ לאַנד ווו יידן לעבן פאַר זיך פריי און זיי זיינען ניט קיין שכנים ביי אַנדערע פעלקער. בלויז ריין סוביעקטיווע פאַקטאָרן האָבן געווירקט, אַז דווקא אין דעם ערגסטן, שווערסטן לאַנד איז געוואַקסן אַ יידישע פאַרזיכיקייט — אין דעם אַלטן ארץ ישראל. דאָס איז די פאַטאַלע ברכה אָדער קללה, אָס האָט פאַרבונדן דאָס יידישע פאָלק דווקא מיט דעם לאַנד. יידן האָבן נאָך אין די טערקישע צייטן געדאַרפט ווי זיך אַריינגנבענען אין לאַנד אַריין, קויפן יעדן שפּאַן ערד פאַר שווערע געלטער, קויפן יעדן טרונק וואַסער. דאָס לאַנד ארץ ישראל, וואָס האָט פאַרצייטן געשפּייזט עטלעכע מיליאָן באַפעלקערונג, ווו אפילו דער טרוקענער נגב איז געווען באַפעלקערט, דאָס לאַנד ארץ ישראל איז דורך די אַראַבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן מדבר. אַ לאַנד איז תמיד אַ פּראָדוקט פון דער באַפעלקערונג. עס איז אַזוי ווי די באַפעלקערונג מאַכט עס. וויל מען דערקענען אַ פאָלק, דאַרף מען גיין אין זיין לאַנד. זעלטן אַ לאַנד זאָל אַזוי אָפּשפּיגלען דעם כאַראַקטער ווי די אַראַבישע פּאַלעסטינע האָט איינגעהיט דעם מדבר־כאַראַקטער ווי די אַראַבער. נאָך אין 1913 דערמאָן איך זיך אַן אַרטיקל פון אַן אַגראָנאָם, אַ פאַכמאַן, וואָס שרייבט, אַז פּאַלעסטינע קען קיין מאָל ניט באַשפּייזן אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן איינוווינער.

**ד״ר מנחם נאור**

# תנכישע צייט־באַשטימונגען

(המשך פון „חשבון״ נומער 63)

## ג. אסתר־תענית און פורים
## (אדר, ניסן, סיון)

אסתר ג׳ 7: „אין ערשטן חודש, דאָס איז חודש ניסן, אין צוועלפטן יאָר פון מלך אַחשורוש, האָט מען געוואָרפן אַ פור, דאָס איז אַ גורל, פאַר המנען, פון טאָג אויף טאָג, און פון חודש אויף חודש, ביז צום צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אדר.״

אַז מען פאַרגלייכט יהואָשס איבערזעצונג מיט דעם עבֿרית־טעקסט, זעט מען אַז ער האָט געלייענט נאָך דעם וואָרט „לחדש״ (אויף חודש) נאָך אַ מאָל „לחדש״, וואָס פעלט אין אָריגינאַל. דער אמת איז, אַז ס׳פעלט מער, און מיר זאָלן לייענען נאָך דער סעפּטואַגינט (תרגום השבעים) בזה הלשון: „פון טאָג אויף טאָג, און פון חודש אויף חודש, און דער גורל איז געפאַלן אויפן דרייצנטן טאָג פונעם צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אדר.״

כדי צו פאַרשטיין ווי אַזאַ מין השמטה קען געשען, לאָמיר לייענען דעם עבֿרית־טעקסט:

„מיום ליום, ומחדש לחדש, ויפל הגורל
על — שלושה עשר יום לחדש שנים־
עשר, הוא חדש אדר.״.

(די אונטערגעשטראָכענע ווערטער זיינען אַן הוספה לויט דעם תרגום השבעים). דאָס אויג פונעם איבערשרייבער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט פונעם ערשטן „לחדש״ אויפן צווייטן „לחדש״, און אַזוי זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן די ווערטער צווישן די צוויי „לחדש״.

דאָס אַלץ, דרך־אגב, ווערט דאָ אָנגעצייכנט, כדי מיר זאָלן נאָך עפּעס וויסן פון דער אַרבעט פון תנ״ך־פאָרשער. איצט לאָמיר זען וואָס מ׳קען לערנען פון אונדזער פּסוק.

---

אויך די קעגנערשאַפט פון אַראַבער צום פאַריידישטן ארץ ישראל איז אַ שטריך פון אַ מדבר־פאָלק.

און דאָך וואָלט אפילו די איבערמענטשלעכע געטרייקייט און די מסירת־נפשדיקע פרומע אהבת ארץ ישראל ניט געבראַכט אַזאַ אַנטפּלעקונג פון יידישער גאונישער פאַרזיכיקייט וואָס מיר זעען איצט אין דעם שטיקל לאַנד וואָס די יידן האָבן אויפגעבויט און געמאַכט פון דעם אַראַבישן „פּאַלעסטין.״ אויך דאָ האָבן געהאָלפן צוויי אָביעקטיווע פאַקטאָרן:

די הערשנדיקע טערקישע קולטור איז געווען צו שוואַך און צו וויט, זי זאָל קאָנען אַסימילירן די יידן פון די ערשטע עליות;

די אָרטיקע אַראַבישע קולטור איז געווען אַ סובאָרדינירטע, און אַזוינע אַסימילירן אין ערגעץ ניט קיין יידן. אַזוי אַרום האָבן יידן־עולים פון רוסלאַנד געזען אין ארץ ישראל אַ ליידיק לאַנד וווּ מען קאָן דאָך פאַרווירקלעכן די געבראַכטע אידעאַלן.

און נאָך אַלע די באמת אויסטערלישע פאַקטאָרן האָבן יידן ניט געקאָנט און וואָלטן יידן ניט געקאָנט איינפלאַנצן אין דעם לאַנד אַזאַ פעסטן קערן, ווען ניט די כמעט פאַרשלאָסענע גרענעצן פון דער גאַנצער וועלט פאַר יידישע אימיגראַנטן; דאָך איז דער יידישער ישוב אין לאַנד בלויז אַ קליינער טייל פון די אַמאָליקע עולים. די אויסוואַנדערונג פון ארץ ישראל האָט באַזעצט יידן אין אַנדערע לענדער אַ סך מער ווי די צאָל יידן אין ארץ ישראל. אַזוי ווי נאָך די חשמונאים אַמאָל איז ארץ ישראל אויך איצט געווען מער אַן עמיגראַציע־לאַנד איידער אַן אימיגראַציע. באשר די גאַנצע וועלט האָט פאַרשלאָסן די גרענעצן פאַר יידן. די איינציקע גרויסע מעלה פון דעם ישוב אין ארץ ישראל — די גייסטיקע קולטור־היים, דאָס זיין דורכויס אָן זייטיקע השפּעות פון פרעמדע קולטורן, דאָס בויען אַ לעבן אַזוי „ווי מיר אַליין ווילן״ — די מעלה האָט געקאָנט צוציען נאָר קליינע גרופּעס אידעאַליסטן, ניט קיין מאַסן. פאַרקערט, האָט זיך ביי יידן אַרויסגעוויזן אַ צווייטע נייגונג, אַן אַנטי־היים געפיל.



נאָך אַ מאָל הערן מיר וואָס פאַר אַ חודש, אָבער ניט וואָס פאַר אַ טאָג פונעם חודש. מיר ווייסן שוין, ווי פריער דערציילט, וועגן טאָג פון צום־גדליה און פון טאָג פון מתן־תורה, אַז מיר מוזן דאָ אויך פאַרטייטשן „בחדש הראשון״ — אין ראש־חודש פון ערשטן חודש, בכן: ראש־חודש ניסן. אין דעם טאָג האָט מען געוואָרפן דעם פור פאַר המנען, אָבער דער גורל איז געפאַלן אויף דעם 13טן אדר, כמעט אַ גאַנץ יאָר שפּעטער.

דאָס צוועלפטע יאָר פון מלך אחשורוש איז דאָס יאָר 473 איידער די איצטיקע צייטרעכענונג. בכן, אויב אחשורוש איז קסערקעס דער ערשטער, ווי די מערסטע פאָרשער מיינען, וועלכער האָט רעגירט אין די יאָרן 485-464 לפסה״נ.

אסתר ג׳ 12-13, 15: „און די שרייבערס פון מלך זיינען גערופן געוואָרן אין ערשטן חודש, אין דרייצנטן טאָג אין אים, און עס איז געשריבן געוואָרן דורך דער האַנט פון לויפערס צו אַלע מדינות פון מלך, צו פאַרטיליקן, צו הרגען, און אומצוברענגען אַלע יידן... אין איין טאָג, אין דרייצנטן טאָג פון צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אדר... „זיינען די לויפערס אַרויס אין געאייל מיט דעם מלכס אָנזאָג; און דאָס געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושן.״

דאָס הייסט: מ׳האָט געשריבן די בריוו אין דרייצנטן ניסן, און די לויפערס זיינען אַרויס אין געאייל אין זעלבן טאָג, אָבער די שחיטה זאָל זיין ערשט דעם דרייצנטן אדר, עלף חדשים שפּעטער.

אסתר ד׳ 1-2,15-16: „און ווי מרדכי האָט זיך דערוווּסט אַלץ וואָס איז געשען, אַזוי האָט מרדכי צעריסן זיינע קליידער... און ער איז געקומען ביז צום מלכס טויער...

„האָט אסתר געהייסן ענטפערן מרדכין: גיי זאַמל איין אַלע יידן וואָס געפינען זיך אין שושן, און פאַסט פאַר מיר, און איר זאָלט ניט עסן און ניט טרינקען דריי טעג, נאַכט און טאָג. אויך איך און מיינע מיידלעך וועלן אַזוי פאַסטן...״

מרדכי האָט זיך דערוווּסט פונעם מלכס אָנזאָג תיכף, דעם דרייצנטן ניסן, און איז תיכף געלאָפן צו אסתרן. אסתר וויל פאַסטן דריי טעג נאָך דעם דרייצנטן ניסן, ווי רש״י זאָגט (צו אסתר ד׳ 17): „אום ערשטן יום־טוב פון פסח; ווייל זי האָט געפאַסט דעם 14טן ניסן, און דעם 16טן. די בריוו זיינען דאָך געשריבן געוואָרן דעם 13טן.״

דער היינטיקער אסתר־תענית פון 13טן אדר איז באַשטימט געוואָרן דורך אונדזערע חכמים ז״ל לזכר אסתר תענית אין חודש ניסן, אָבער דאָס איז דאָך ניט דער טאָג ווען אסתר האָט געפאַסט. פ אַ ר דעם טאָג פון דער גרויסער שמחה, פורים, זאָלן מיר געדענקען אונדזערע צרות. אַזוי ענליך האָט מדינת ישראל באַשטימט דעם טאָג פ אַ ר דעם יום־העצמאות פאַרן „יום הזכרון״.

און אַזוי לייענען מיר אויך אין דער הגדה של פסח, אינעם ליד „ובכן, ואמרתם זבח פסח״: „קהל כנסה הדסה לשלש צום בפסח״ — הדסה (אסתר) האָט צוזאַמענגערופן די געמיינדע צו מאַכן אַ דרייפאַכן תענית אום פסח.

אסתר ה׳ 1: „און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, האָט אסתר זיך אָנגעטאָן מלכותדיק, און האָט זיך געשטעלט אין אינעווייניקסטן הויף פון מלכס הויז.״

בכן, דאָס איז געווען דעם 16טן ניסן, דעם צווייטן טאָג פסח.

אסתר ה׳ 7-8: „האָט אסתר געענטפערט און האָט געזאָגט: מיין פאַרלאַנג און מיין בקשה... — זאָל דער מלך און המן קומען צו דעם מאָלצייט וואָס איך וועל זיי מאַכן, און מאָרגן וועל איך טאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון מלך.״

„מאָרגן״ וועט זיין דער 17טער ניסן, דער דריטער טאָג פסח.

אסתר ז׳ 1, 10: „און דער מלך און המן זיינען געקומען צו טרינקען ביי אסתר המלכה. ... האָט מען אויפגעהאַנגען

המנען אויף דער תליה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין, און דער גרימצאָרן פון מלך האָט זיך געשטילט."

דעם 17טן ניסן, ד"ה דעם דריטן טאָג פּסח, האָט מען אויפגעהאָנגען המן הרשע! און אַזוי לייענען מיר אויך אין זעלבן שיר „ובכן, ואמרתם זבח פסח": „ראש מבית רשע מחצת בעץ חמישים בפסח"— דעם קאָפּ פונעם רשעס הויז האָסטו צעשמעטערט מיט אַ בוים, פופציק איילן הויך, אום פּסח.

עס איז וויכטיק צו געדענקען, אַז מען האָט געהאָנגען המנען און אַז מרדכי איז געוואָרן אַ הערשער אַ לאַנגע צייט פאַר פּורים, כּדי מיר זאָלן פאַרשטיין און קענען דערקלערן צו אונדזערע קינדער, ווי אַזוי די יידן זיינען געווען גרייט מלחמה צו האַלטן מיט זייערע שונאים, ווען דער טראַגישער פּורים־טאָג איז געקומען.

אסתר ח' 1-2: „אין יענעם טאָג האָט דער מלך אחשורוש אַוועקגעגעבן צו אסתר המלכה דאָס הויז פון המן דעם צורר היהודים. און מרדכי איז געקומען פאַרן מלך, ווארום אסתר האָט אים דערציילט, וואָס ער איז איר עפּעס. און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג וואָ סער האָט אַוועקגענומען פון המנען, און האָט אים געגעבן מרדכין."

„אין יענעם טאָג"— ד"ה: דעם 17טן ניסן, אום דריטן טאָג פּסח, צוויי חדשים שפּעטער, שרייבט מרדכי זיינע בריוו „צו די יידן און צו די סאַטראַפּן":

אסתר ח' 9, 11-12: „זיינען גערופן געוואָרן די שרייבער פון מלך אין יענער צייט, אין דריטן חודש, דאָס איז חודש סיון, אין 23טן טאָג אין אים. און עס איז געשריבן געוואָרן אַזוי ווי אַלץ וואָס מרדכי האָט באַפוילן, צו די יידן און צו די סאַטראַפּן ... אַז דער מלך האָט דערלויבט די יידן, וואָס אין איטלעכער שטאָט, זיך איינצוזאַמלען, און זיך צו שטעלן פאַר זייער לעבן, צו פאַרטיליקן, צו הרגען, און אומצוברענגען יעטוועדער חייל פון דעם פאָלק און דער מדינה וואָס וועלן באַפאַלן זיי... אין איין טאָג אין אַלע מדינות פון מלך אחשורוש, אין דרייצנטן טאָג פון צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אדר."

דער נייער הערשער מרדכי גיט זיינע באַפעלן דעם 23טן סיון, כמעט 9 חדשים פ אַ ר פּורים. המן האָט געדאַרפט עלף חדשים פאַר זיינע הכנות. מרדכי באַדאַרף אויך אַ לאַנגע צייט.

אסתר ט' 1-2: "און אין צוועלפטן חודש, דאָס איז חודש אדר, אין דרייצנטן טאָג אין אים, ווען דער אָנזאָג פון דעם מלך און זיין באַפעל איז געקומען נאָנט צום געטאָן ווערן, אין דעם טאָג וואָס די פיינט פון די יידן האָבן געהאָפט צו געוועלטיקן איבער זיי, און עס איז געוואָרן פאַרקערט, אַז זיי, די יידן, האָבן געוועלטיקט איבער זייערע שונאים— האָבן זיך איינגעזאַמלט די יידן אין זייערע שטעט, אין אַלע מדינות פון מלך אחשורוש, אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף די וואָס האָבן געזוכט אויף זיי בייז. און קיינער איז ניט באַשטאַנען אַקעגן זיי, ווארום זייער מורא איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער."

שירת דבורה, שופטים ה' 31:

„אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע פיינט
דיינע, גאָט !
און זיינע ליבהאָבערס זאָלן זיין
ווי דער אויפגאַנג פון דער זון
אין איר שטאַרקייט." . . . . . .

(סוף)

דעם אָנדענק

פון מיין ליבן פאָטער

**הערי לאַנג ז"ל**

און מיין גוטן פריינד

**אליהו טענענהאָלץ ע"ה**

נעמי לאַנג



רבקה סאַוויטש-גאָלאָמב

# אַנטיסעמיטיזם ווידער אין אַן אויפשטייג

אויב היסטאָרישע פּראָצעסן ביי אַנדערע פעלקער קענען זיך קיין מאָל ניט איבערחזרן אין דער זעלבער פאָרעם, איז עס אָבער ניט חל אויף אונדזער אייגענער געשיכטע. אונדזער געשיכטע גייט אין קרייזן וואָס חזרן זיך כסדר איבער. ס'איז די אייביקע געשיכטע פון שנאת עולם לעם עולם אין אַ וועלט וואָס איז איינגעטיילט אין יידן און גויים. אונדזער געשיכטע איז די לאַנגע צוויי טויזנט יאָריקע געשיכטע פון פאַרגיסן אומשולדיק יידיש בלוט.

ס'איז בסך הכל געוואָרן 25 יאָר נאָך אונדזער גרעסטן חורבן און גלייכצייטיק 25 יאָר נאָך דער מפּלה פון אונדזער גרויזאַמסטן שונא. אונדזערע אייטערדיקע ווונדן זיינען נאָך ניט פאַרצויגן געוואָרן און ווידער זיינען מיר עדות פון שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם איבער גאָר דער וועלט. ווידער איז די „גוטע", „נאָבעלע" וועלט גרייט אונדז צו פאַרטיליקן. ווידער שיפּען קעגן אונדז כלערליי גיפטיקע שלאַנגען מיט זייער פייער־שפּייענדיקן סם.

אין דער געשיכטע פון שנאת ישראל איז אָבער איצט פאָרגעקומען איין קליינער שינוי: צו דער פּערמאַנענטער, גרילצענדיקער קאַקאָפאָניע פון די יידן־פרעסער אין עקסטרעם־רעכטן לאַגער זיינען צוגעקומען נייע קוויטשנדיקע קולות פון די עקסטרעם־לינקע לאַגערן. אויף די צעשפּרייטע פליגלען פון די לינקע „גאולה־טרעגערס" פון אַלע שאַטירונגען: גרופּן, פּאַרטייען, און רעגירונגען, ווערן געטראָגן גיפטיקע פיילן קעגן רעשטלעך פון אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אונטערצופירן דעם סך־הכל פון זיין פריערדיקן חורבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין די לינקע לאַגערן, כלומרשט, אונטער אַ קאָמופלאַזש פון אַנטי־ציון שטימונגען; שפּעטער איז עס אַריבער צו אַנטי־יידן שטימונגען; און איצט איז עס ווידער פּשוטער, אָפענער אַנטיסעמיטיזם.

די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע אַקטיוויטעטן געפינען מיר אין אַלע גרופּירונגען פון די נייע לינקע און שוואַרצע מיליטאַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן; ביי די שטיצער אין איראָפּע פון די „סאָציאַליסטישע" רעזשימען און די אַראַבישע מדינות; ביי די פאַרגיסער פון קראָקאָדילטרערן איבערן גורל פון דער פּאַלעסטינער „נאַציע"; און מיט אַ הונדערט פּראָצענטיקער זיכערקייט געפינען מיר דעם אָפענעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע „שלוםליבהאָבנדיקע" קאָמוניסטישע גן־עדנס פון מזרח־איראָפּע.

די דיריגענטן פון דער דאָזיקער העסלעכער וואַקכאַנאַליע זיצן, פאַרשטייט זיך, אין קרעמלין. פון דאָרטן ווערן געצויגן אַלע שטריק. דאָרטן ווערן צוגעגרייט און פאַרשפּרייט אַלע אינטריגעס, פּאַלסיפיקאַציעס און גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן; פון דאָרטן קומט די סטימולירונג און דערמוטיקונג צו אַלע שונאי ישראל איבער גאָר דער וועלט.

ווען די אַראַבישע באַנדיטן־מטורפים האָבן אויפגעריסן ערגעץ אין ירדן די פיר פאַרכאַפּטע קאָמערציעלע עראָפּלאַנען און געקידנעפּט איבער דריי הונדערט אומשולדיקע פּאַסאַזשירן — האָבן זיי די לינקע גרופּירונגען איבער גאָר דער וועלט תיכף, מיט ענטוזיאַזם געגעבן סמיכה ווי די גרעסטע און נאָבלסטע העלדן פון אונדזער צייט. אין די אויגן פון די דאָזיקע קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט פון אַלע לינקע ריכטונגען זיינען גאָר די אַראַבישע מערדערס די מאַרטירערס, און די מיט נסים געראַטעוועטע רעשטלעך פון אַ פאָלק — די אוזורפּירערס.

אָט שרייבט מען, אַז די נייע לינקע אין דייטשלאַנד, אויך זיי זיינען, כביכול, „פרייהייטס־קעמפערס", האָבן אַ נייעם הימן. ווען זיי מאַרשירן בעת זייערע פּאַראַדן איבער די גאַסן פון דייטשישע שטעט, זינגען זיי תמיד דעם דאָזיקן הימן: „מאַך די נאַהע־אָסטן ראָט; שלאָג די ציאָ־

ניסטן טאַט.״ (מאַך דעם מיטל־מזרח רויט, דערהרגע די ציוניסטן צום טויט). זיי קענען דאָך ניט זיין אַנדערש פון זייערע טאַטעס, וואָס האָבן בעת דער נאַצי־מגפה מאַרשירט און געזונגען דעם „האָרסט־וועסל״־הימן, וועגן זייער פרייד צו זען ווי יידיש בלוט רינט פון זייער שווערד.

און זיינען דען די נייע לינקע בעסער? אויך זיי האַלטן ווי זייערע אַמאָליקע און איצטיקע קאַמעראַדן, אַז אַלע מיטלען זיינען כשר, אויב דאָס העלפט צו דערגרייכן דעם ציל. מעג עס זיין אויך אַנטיסעמיטיזם, אויב דאָס קען דערנענטערן דעם „קץ״ און ברענגען די „גאולה״— איז מה טוב.

ווען מען זעט אַרום זיך כסדר אַזוי פיל פאַלשקייט, צביעות, רשעות און אומ־מענטשלעכקייט, דערמאָנט עס תמיד די טיפזיניקע כעלעמער מעשה וועגן יושר. כ׳וועל עס דערציילן בקיצור: אין כעלם האָט מען געהערט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ יושר, האָבן די כעלעמער אַרויסגעשיקט אַ פּאָר גבאים זיי זאָלן איינהאַנדלען יושר אויך פאַר כעלם. אויפן וועג, ביינאַכט, אין אַ קרעטשמע, האָט זיך דערוווסט דער קרעטשמער וועגן דער נאָבעלער שליחות פון די גבאים. דער קרעטשמער איז געווען כיטרע און פיפיק, האָט ער צוגענומען זייער געלט און זיי געגעבן אַ פולע פעסל אָנגעפילט מיט יושר. מיט גדולה האָבן די גבאים געבראַכט דאָס פעסל מיטן יושר קיין כעלם. מען האָט עס פאָרזיכטיק אַריינגעטראָגן אין בית מדרש און אַוועקגעשטעלט דאָס פעסל אויף דער בימה. קהל האָט זיך מיט אַ ציטער צוגעקוקט צום אַלטן רב. ער האָט זיך איינגעבויגן און מיט יראת הכבוד אַראָפּגענומען דאָס דעקל, אַ שמעק געטאָן דעם יושר און אויסגערופן: „מורי ורבותי, זייט וויסן אַז . . . יושר שטינקט!״

* * *

און עס שטינקט טאַקע דער יושר אין אונדזער וועלט און די ריחות טראָגן זיך אַרום און אַרום. אָט שרייבן, למשל, די נייע לינקע גרופּירונגען אין די שטאַטן, (און פאַרגעסט ניט, אַז זיי האָבן בתוכם אַ מערהייט יידישע אינטעלעקטואַלן), אַז ישראל איז אַ קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישע מדינה, און מצרים, סיריע און עיראַק זיינען אמתע סאָציאַליסטישע לענדער. ס׳איז ניט וויכטיק, אויב דער אמת איז אַ פאַרקערטער. אין דער אמתן איז דאָך ישראל די איינציקע דעמאָקראַטיע אין מיטעלן מזרח. אין די „סאָציאַליסטישע״ אַראַבישע מדינות זיצן די לינקע עלעמענטן אין די תפיסות. דער תהום דאָרטן צווישן אָרעם און רייך איז אומבאַשרייבלעך. די גרויסע לאַנד־שטחים זיינען נאָך אַלץ אין געציילטע הענט. איינצלנע מאַכן דאָרטן גרויסע רווחים און אַ מערהייט שטאַרבט פון הונגער. וועגן אַנאַלפאַבעטיזם, איגנאָראַנץ און פאַרשפּרייטע פערמאַנענטע קראַנקייטן, ווי למשל טראַכאָמע, איז דאָך איבעריק צו ריידן. אָבער גיי שריי חי וקים ווען קיינער וויל זיך ניט צוהערן צום אמת אין אונדזער טויבער וועלט.

ס׳איז תמיד געווען ביי דער גויישער וועלט צו אונדז אַ דאָפּלטער סטאַנדאַרט; פאַרוואָס זאָלן די לינקע זיין אַנדערש?

די נייע לינקע אין די שטאַטן און אייראָפּע רופן מען זאָל טעראָריזירן אַלע די וואָס שטיצן ישראל. וועגן דעם שוידערלעכן אָפענעם אַנטיסעמיטיזם פון די שוואַרצע פאַנטערן איז דאָך איבעריק ווידער צו שרייבן און ווייטער צו שרייבן. ס׳איז טראַגיש און איראָניש זיך צו דערמאָנען, אַז יידן זיינען געווען די הויפּט־שטיצערס מיט ראַט און טאַט און אויך מיט געלט פון די אַלע שוואַרצע באַוועגונגען. ס׳איז אויך טראַגיש און קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס — וואָס מער יידן עס באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע לינקע באַוועגונגען, אַלץ אַנטיסעמיטישער ווערן זיי. אין אַן אינטערוויו אויף טעלעוויזיע האָט געמאָלדן דער געוועזענער פירער פון די שוואַרצע מיליטאַנטן, סטאָקלי קאַרמייקל, וואָס איז אַנטלאָפן פון די שטאַטן קיין אַלזשיר, אַז דער גרעסטער ווייסער מענטש וואָס איז ווען ניט איז געווען אויף דער וועלט־אַרענע איז געווען היטלער. קאָמענטאַרן זיינען איבעריק.

דער איצטיקער פירער פון די שוואַרצע מיליטאַנטן רעדט וועגן שאַפן אַ קאָאַליציע צווישן די שוואַרצע און אַראַבער קעגן יידן אין אַמעריקע. ווי לאַנג איז עס, ווי יידן זיינען געווען די איניציאַטאָרן, הויפּט־



פירערס און הויפּט־שטיצערס פון די אָרגאַניזאַציעס פאַר ציווילע רעכט? יונגע יידישע בחורים און מיידלעך האָבן זיך געלאָזט מאַסנווייז אין די דרום־שטאַטן און געהאָלפן אָרגאַניזירן די שוואַרצע באַפעלקערונג און זיי געלערנט ווי אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן. איצט איז דאָס אַלץ אַוועק מיטן רויך. אַזוי איז תמיד געווען און דאָס זעלבע איז אויך איצטער. אַזוי לאַנג ווי מען דאַרף אונדז — נוצט מען אונדז אויס, און דערנאָך גיט מען אונדז דעם אמתן בריק.

ווי מיר זען און לערנען פון אונדזער לאַנגער דערפאַרונג לויפט טאַקע אונדזער געשיכטע אין קרייזן. מיר קערן זיך תמיד אום צוריק צום זעלבן פונקט, וואָס פון אים האָבן מיר אָנגעהויבן. די צרה מיט אונדז איז אָבער וואָס מיר קריגן תמיד קלעפּ און דאָך לערנען מיר זיך גאָר ניט אויס פון אונדזערע דורכפאַלן.

* * *

אייגנטלעך איז אַנטיסעמיטיזם און די לינקע באַוועגונגען ניט קיין נייע דערשיינונג. ווען מען לייענט אסתר שניידערמאַנס העברעיש בוך „נפתולי דרכים״ (פאַרפּלאָנטערטע וועגן) ווערט מען דערשטוינט פונעם אינעווייניקסטן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט געהערשט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פוילן נאָך אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. זי אַליין איז געווען דעמאָלט אַ געטרייע און דעדיקירטע קאָמוניסטקע און ווייסט וואָס ס׳האָט זיך געטאָן דעמאָלט אינעווייניק אין דער פאַרטיי. אין איר בוך שרייבט זי: ערשטנס האָט די פאַרטיי געביטן אַלע יידיש־קלינגענדיקע נעמען און פאַמיליעס פון יידישע קאָמוניסטן אויף אמת־פּוילישע. די ערגסטע מערכה אין דער פאַרטיי האָבן געהאַט יענע יידן וואָס זייערע נעזער זיינען געווען פּראָמינענט יידישע, אָדער ס׳האָבן זיי פאַרראַטן אַנדערע יידישע שטריכן. אין פּוילישע טורמעס האָבן טאַקע געפוילט מערסטנס יידישע קאָמוניסטן. אָבער אין דער אָנפירערשאַפט האָט מען תמיד געזוכט פּאָליאַקן, אָדער יידן מיט אַן אַרישן אויסזען.

זי באַשרייבט וויפל באַליידיקונגען און דערנידעררונגען יידישע קאָמוניסטן זייען זיך אויסגעשטאַנען פון זייערע פּוילישע קאַמעראַדן; כאָטש זיי, די יידישע קאָמוניסטן האָבן אויסגעפירט געפערלעכע שליחותן און ניט איין מאָל ריזיקירט מיט זייער לעבן ביים גנבענען גרענעצן.

אויך דאָס קאַפּיטל פוילן נאָך דער מלחמה איז דערשיטערנדיק. זי שרייבט: אין פוילן האָט מען מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף די אייגענע פּוילישע קאָמוניסטן. מען האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו זייער לאָיאַלקייט, און מען האָט אויך ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן זיין ביכולת אויפצובויען דאָרט דעם קאָמוניסטישן רעזשים; האָט דאָס פאָטערל, סטאַלין, פאַראָרדנט איבערצושיקן פון רוסלאַנד אַלע יידישע קאָמוניסטן וואָס שטאַמען פון פוילן. — די וואָס האָבן מיט נסים איבערגעלעבט סטאַלינס רייניקונגען און האָבן נאָך ערגעץ געפוילט אין סיבירער טורמעס האָט מען גלייך אויסגעראַמט און איבערגעשיקט קיין פוילן. דאָרטן, אין פוילן, האָבן זיי מיט לייב און לעבן געהאָלפן בויען די קאָמוניסטישע מדינה.

מיט וואָס דאָס קאַפּיטל האָט זיך געענדיקט, ווען מען האָט מער אין די דאָזיקע „זשידעס״ זיך ניט גענייטיקט, דאָס ווייסן מיר. ווער איז דען ניט באַקאַנט מיטן לעצטן קאַפּיטל פון יציאת פוילן?

(וועגן דער מערכה פון די יידן אין פאַר־מלחמהדיקן רוסלאַנד וועט זי שרייבן אין אַ צווייטן בוך).

די נייע כוואַליע פון אָפענעם אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם היינט צו טאָג אין רוסלאַנד און די לויערנדיקע סכנות פאַר אונדזער צווייטן גרעסטן קיבוץ דאָרטן— זיינען ניט נאָר אַ פועל יוצא פון רוסישן חנדלען זיך צו די אַראַבער; ס׳איז גיכער די גרינע סיגנאַל־ליכט פון שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין די אינטעלעקטועלע לינקע גרופּירונגען איבער דער וועלט. די סאָוועטישע מאַכט ווערט פון דעם דערמוטיקט און מעג זיך דערלויבן צו טאָן מיט אירע יידן לויט איר באַגער.

כ׳וועל ענדיקן ווידער מיט די טיפזיניקע רייד פון כעלעמער רב: „מורי ורבותי, זייט וויסן, אַז יושר שטינקט.״ און אַ פשיטא שוין דער יושר פון דער „גוטער״ וועלט.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# ווידער צווישן ייִדן אין פּוילן*)

אין מיין אַרטיקל אין „חשבון“, יאַנואַר 1967, וועגן מיינע נסיעות אין פּוילן, האָב איך ניט פאַרשוויגן דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. איך האָב עס דערמאָנט עטלעכע מאָל: „דער אַנטיסעמיטיזם וואָס רינגלט אַרום די ייִדן אין פּוילן, האָב איך געשריבן: „די פאַרזיכערונגען פון די ייִדישע קאָמוניסטן און פון די פּוילישע רעגירונגסלייט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן, זיינען אַ באַווייז אַז ס'עקזיסטירט.“ איך האָב נאָר צוגעגעבן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פון פּוילן איז ניט ניי. ס'שטאַמט ניט פון דער קאָמוניסטישער תקופה. ס'איז געווען פאַר דער מלחמה, פאַרן חורבן. איך האָב דערמאָנט ישראל זאַנגווילס רוף מיט איבער 50 יאָר צוריק, אין 1920, אַז ייִדן מוזן עמיגרירן פון פּוילן.“ זיי זיינען אַזוי דערנידעריקט און דערדריקט, אַז דער איינציקער אויסוועג איז עמיגרירן. און ייִדן פאַרלאָזן טאַקע פּוילן“, האָט ער באַטאָנט. „אַרום צוויי טויזנט פאָרן אַרויס יעדע וואָך,, און די רעגירונג אַליין זאָגט אַז מער ווי אַ פערטל מיליאָן זיינען פאַרשריבן אין די אַמטן אויף אַרויסצופאָרן.“

ייִדן זיינען אַרויסגעפאָרן פון פּוילן אין די מיליאָנען. און דאָך זיינען אין פּוילן געבליבן מיליאָנען ייִדן. אַזוי אַז ווען היטלער איז אַריין אין פּוילן, האָט ער געפונען דאָרט דריי און אַ האַלב מיליאָן ייִדן, וואָס ער האָט זיך גענומען אויסקוילען זיי. ס'איז געווען שווער צו לעבן אין פּוילן. אָבער ס'איז ניט געווען אוממעגלעך, ווי ביי היטלערן. אין 1933, אין די ערשטע טעג פון היטלערס ממשלה, האָבן די ייִדישע דעפּוטאַטן פון פּוילישן סיים אָנגענומען אַ באַשלוס צו ענדערן זייער אָפּאָזיציע צו פּילסודקיס רעזשים, ווייל ווי די ייִדן ליידן ביי אים, „מוזן מיר אָבער זען אַז ס'איז קיין פאַרגלייך ניט, ווי אין דייטשלאַנד ביי היטלערן.“

אַזעלכע געדאַנקען זיינען מיר געלאָפן דורכן קאָפּ די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען איצט אין פּוילן, גייענדיק אין גאַס אין וואַרשע, צי אין קראָקע, מיט ייִדן, ריידנדיק ייִדיש, ווייל קיין פּויליש קען איך ניט. און איך האָב געטראַכט, ווען ייִדן גייען אַזוי אין גאַס בימי היטלער, וואָלטן אונדז באַלד באַפאַלן געסטאַפּאָ און אונדז אַוועקגעשלעפּט אין געטאָ אָדער אין טויטנלאַגער.

אמת, איך בין ניט געווען אין פּוילן אין דער צייט פון דער בהלה, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די אַנטי־ציוניסטישע העצע, נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג אין ישראל, אָבער ייִדן האָבן אויסגעהאַלטן. עס זיינען אַ סך ייִדן אַרויסגעפאָרן. אָבער עס זיינען אַ סך ייִדן געבליבן. מ'זאָגט, צוועלף ביז פופצן טויזנט ייִדן. דאָס איז מער ייִדן ווי אין שוועדן אָדער דענמאַרק, און כמעט אַזוי פיל ווי אין שווייץ. שטעלט זיך פאָר, ווען פּוילן רודפט און פאָגראָמירט, חלילה, 12־15 טויזנט ייִדן! ביי היטלערן וואָלט וועגן דעם קיין פראַגע ניט געווען. „ייִדן צום שייטערהויפן!“ די ייִדישע עמיגראַציע, מיט איר גערעכטן צאָרן קעגן דעם היינטיקן פּוילן, איבערהויפּט די פריערגעטרייע ייִדישע קאָמוניסטן, ליאַרעמען, אַז פּוילן מאַכט אַן אָנשטעל אַז זי האַלט אויף ייִדיש לעבן אין פּוילן, ייִדישע קולטור, ייִדיש טעאַטער. איך האָב ניט ליב היפּאָקריטן, אָבער צווישן דעם היפּאָקריט וואָס וויל ווייזן אַז ער איז ניט אַזאַ רוצח, און דעם גזלן וואָס באַרימט זיך מיט זיין גזלנישקייט, און שעמט זיך ניט פאַר דער וועלט, איז מיר דער היפּאָקריט מיט זיין

---

*) אונדזער גוטער פריינד און מיטאַרבעטער, יוסף לעפּטוויטש, איז איינער פון די חשובסטע, אָנגעזעענסטע און טיפע ייִדישע דענקערס און שרייבערס פון אונדזער איצטיקן דור. פון דעסטוועגן האָבן מיר אין זינען אַז ניט אַלע וועלן מסכים זיין מיט איניקע פּרטים פון די געדאַנקען און מסקנות, וואָס ער ברענגט אַרויס אין אָט־דעם מאמר. דערפאַר ווערט עס דאָ געדרוקט אויפן יסוד פון פרייער דיסקוסיע.

די רעדאַקציע



אָנשטעל ליבער. איך געדענק, ווען איך בין געווען אין רומעניע, אין 1911, מיט פערציק יאָר צוריק, האָט מען מיר געזאָגט אַז גאָגאַ איז דער זעלבער אַנטיסעמיט ווי קוזאַ. אָבער גאָגאַ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּרעמיער, האָט מיך אויפגענומען, און געשווירן אַז ער איז ניט קיין אַנטיסעמיט. און קוזאַ האָט זיך אפילו ניט געוואָלט זען מיט מיר — ניט געוואָלט ריידן מיט אַ ייִד. ווען קוזאַ וואָלט געקומען צו דער מאַכט, וואָלט ער געקוילעט ייִדן, ווי היטלער האָט עס געטאָן. גאָגאַ האָט שווער געמאַכט דאָס לעבן פאַר ייִדן, אָבער ער האָט זיי געלאָזט לעבן.

האָב איך דאָס געשריבן און געזאָגט אויף עטלעכע אַרויסטרעטונגען פאַר וויכטיקע ייִדישע אינסטאַנצן. געפינען איך אין פּאַריזער „אונדזער וואָרט“, וווּ ס'זיינען פאַרעפנטלעכט עטלעכע מיינע אַרטיקלען, אַ לאַנגן באַריכט, מיט אַ גרויסן קאָפּ: „אָפּקלאַנגען וועגן אַן אַרטיקל פון יוסף לעפּטוויטש אין 'אונדזער וואָרט'.“ שרייבט זיך אין באַריכט: „נאָך דער לעצטער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין פּוילן און דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון ייִדן, באַמיען זיך איצט די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען צו איבערצייגן די עפנטלעכע וועלט־מיינונג אַז אייגנטלעך איז דאָרט גאָרנישט פאָרגעקומען, און אַז נאָכן עמיגרירן פון אַ צאָל 'אומצוטרוילעכע' בירגער, עקזיסטירט ווייטער אין פּוילן אַ ייִדישער ישוב. דער חשובער שרייבער פון לאָנדאָן, יוסף לעפּטוויטש, אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין ייִדישן לעבן, האָט באַזוכט פּוילן דאָס פערטע מאָל זינט 1948. די צייטונג 'על המשמר' רעדט ברייט אַרום דעם לעצטן באַזוך פון לעפּטוויטשן אין פּוילן, און שטיצט זיך אויף זיינע איינדרוקן וועלכע לעפּטוויטש האָט פאַרעפנטלעכט אין 'אונדזער וואָרט'. און צום סוף, רופט מען מיך אַוועק אַן אַ זייט, מיט מיינע „גוטע גרוסן“ ווי „דער נאַיווער בעל־אמונה, יוסף לעפּטוויטש.“

איך בין טאַקע אַ נאַיווער בעל־אמונה, אָבער ניט אַזוי גלויביק ווי עס זיינען אַ צאָל ייִדן בנוגע דייטשלאַנד. ס'קען זיין אַז דער היטלער־דיבוק איז אין גאַנצן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דייטשן פאָלק, אָבער דער ביטערער טעם איז געבליבן. היינט איז דאָ אַ קאַרטון אין לאָנדאָנער „דיילי עקספּרעס“ וועגן די אומרוען אין צפון־אירלאַנד. מ'דאַרף אַהין שיקן די וואַפן־עס־עס, איראָניזירט די צייטונג. די סוואַסטיקאַ ליגט נאָך אין די שופלאָדן. אין איטאַליען, דערציילט די לאָנדאָנער „טיימס“, באַווייזן די לעצטע וואַלן, אין וועלכע די נעאָ־פאַשיסטן האָבן געוווּנען אַ סך ערטער, אַז „מוסאָליניס אייניקלעך שטאַרקן זיך.“ און די נעאָ־נאַציס אין דייטשלאַנד גלייבן אַז זיי וועלן זיך אויך שטאַרקן. און אין דעם זעלביקן היינטיקן „טיימס“ איז פאַראַן אַ בריוו פון אַ זייער ליבן און בכבודיקן דייטשן ייִד, מיטן נאָמען זולצבאַך, וואָס האָט אַ הויכן פּאָסטן אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן, ווו ער לויבט אַננאַ פראַנקס פאָטער, אָטאָ פראַנק, דערפאַר וואָס ער גיט אָפּ דעם גרעסטן טייל פון די האָנאָראַרן פון זיין טאָכטערס בוך, פאַר אַ דערנענטערונג מיט דייטשלאַנד. „אַזוי ווי אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע ייִדן,“ שרייבט ער, „ווי דער פאַרשטאָרבענער סיר וויקטאָר גאַלאַנץ, פּראָפעסאָר נאָרמאַן בענטוויטש, און דאָקטאָר אַלפרעד ווינער, פון דער ווינער ביבליאָטעק.“

איך האָב אין היינטיקן קאָמוניסטישן פּוילן ניט פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען די קינדער און אייניקלעך פון דעם אַלטן ענדעקיש־אַנטיסעמיטישן פּוילישן פאָלק. איך בין געגאַנגען אין גאַס אין וואַרשע מיט עטלעכע וואַרשעווער ייִדן. האָב איך געפרעגט וועגן אַנטיסעמיטיזם. האָט מיר אַן עלטערע פרוי געענטפערט: „אַנטיסעמיטיזם? מיר זיינען געוווינט דערצו. זינט איך האָב אָנגעהויבן גיין אין שול דאָ, ווי אַ קליין קינד, האָב איך שטענדיק געהאַט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם.“. מיין חבר, דער שרייבער קאַמיל האָניק, איז געפאָרן קיין פּוילן ניט לאַנג נאָך די סטודענטן דעמאָנסטראַציעס, וואָס די מאַכטהאָבער האָבן געזאָגט, אַז די ייִדן האָבן זיי אָרגאַניזירט, און ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון קאַרדענאַל ווישינסקי, וואָס די לאָנדאָנער „טיימס“ האָט געדרוקט, ווו ער פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמיטיזם, און באַדויערט די „ייִדישע מאַרטירער פון מיידאַנעק און אָשוויענטשים.“ גיט האָניק צו אַ באַמערקונג אין „טיימס“,

אַז יידן אין פּוילן האָבן אים געזאָגט, אַז דעם קאַרדינאַלס אַרויסטריט „האָט געראַטעוועט די יידן פון פּאָגראָמען."

איך געדענק ווען איך בין געווען אין פּוילן מיט עטלעכע יאָר צוריק, איידער ס'איז געווען די „אַנטי־ציוניסטישע" העצע, און ישראלי פוטבאָל־שפּילערס זיינען געקומען קיין פּוילן שפּילן קעגן פּאָלאָניאַ, אין דעם גרויסן סטאַדיום אין װראָצלאַװ — געווען אַן עולם פון 70,000 מענטשן — האָט מיר ביים סוף אַ פירנדער יידישער קאָמוניסט געזאָגט, אַז ער פרייט זיך, אַז ס'זיינען ניט געווען קיין אַנטיסעמיטישע שטערונגען. ס'זיינען דאָ סיבות צו שרעקן זיך. און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „אַנטי־ציוניסטישע" העצע, האָבן יידן גענומען לויפן קיין אויסלאַנד אין די טויזנטער. אָבער קיין פּאָגראָמען זיינען ניט געווען.

איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין פּוילן ווען עס איז נאָך געווען פריש אין זכרון דער קעלצער פּאָגראָם. „נאָך קעלץ", האָט דעמאָלט געשריבן די לאָנדאָנער קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג „דיילי וואָרקער", האָט געקענט ווערן אַן עפּידעמיע פון פּאָגראָמען, אָבער קיין פּאָגראָמען זיינען ניט געווען. עס וועלן אין פּוילן מער קיין פּאָגראָמען ניט זיין. די רעגירונג וועט ניט צולאָזן." אָבער די יידן אין פּוילן זיינען ניט געווען אַזוי זיכער. איך האָב געזען ווי יעדן טאָג זיינען אָפּגעפאָרן פולע באַנען מיט יידן־פּליטים, פאָרנדיק קיין ווין, אויפן וועג קיין ישראל אָדער אַמעריקע. דער גירוש נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג אין ישראל האָט ניט געקענט זיין גרעסער ווי יענער, נאָכן קעלצער פּאָגראָם.

וואָס איך וויל זאָגן איז, אַז אין אונדזער לעבנסצייט איז פּוילן קיין מאָל ניט געווען אַ לאַנד ווו יידן האָבן געלעבט רואיק. איך בין ניט געווען אין פּוילן אין דער צייט פון דער בהלה נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג אין ישראל, אָבער ווען איך בין געווען סוף 1970 האָב איך ניט געפונען קיין גרויסן חילוק אין דעם לעבן פון די יידן אין פּוילן ווי מיט אַכט אָדער צוועלף יאָר פריער. ס'איז היינט ניט לייכט, ס'איז פריער ניט געווען לייכט, נאָר דעמאָלט זיינען געווען אַקטיוו צוויי וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, דזשאָינט און אָרט, וואָס האָבן אַ סך צוגעהאָלפן, איבערהויפּט אָ ר ט, מיט זיין אויסשולן יידן צו קענען אַרבעטן און פאַרדינען פון פאַרשיידענע פאַכן. יידן האָבן אַ מאָל געגלויבט אַז ס'וועט קומען דער סאָציאַליזם, וועט אויפהערן אַנטיסעמיטיזם. זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל געשריבן וועגן דעם: „יעדער ערלעכער פּוילישער סאָציאַליסט וועט זאָגן: יאָ סאָציאַליזם, נישט סאָציאַליזם — אַ גרויסע אויסוואַנדערונג פון יידן קאָן נאָר פאַרבעסערן די לאַגע, און וואָס גרעסער, אַלץ בעסער."

דאָס הייסט אָבער ניט אַז פּוילן דאַרף ווערן „יודנריין". מיר טאָרן ניט מיט די אייגענע הענט פאַרענדיקן וואָס היטלער האָט ניט געקענט דורכפירן. איך דערמאָן זיך ווי זאַמערשטיין איז געקומען קיין לאָנדאָן, ווי דער פירער פון די פּוילישע יידן וואָס זיינען געבליבן נאָך היטלערן, און די רעשטלעך, לעבן־געבליבענע, וואָס זיינען געקומען פון די טויט־לאַגערן, פון די וועלדער, ווו זיי האָבן געקעמפט ווי פאַרטיזאַנער, און פון די באַהעלטענישן און פון רוסלאַנד, האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף אַ שנאה פון די פּוילישע שכנים, און ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און ס'איז געווען דער קעלצער פּאָגראָם, און ס'איז געוואָרן ווידער אַ יידישער גירוש. איך האָב זיי געזען, די באַנען פול מיט יידן וואָס זיינען זיך צעלאָפן, אַרויסגעפאָרן קיין ישראל און קיין אַמעריקע.

ס'האָט זיך איינגעשטילט. איך בין געווען אין פּוילן ווען פּוילישע מיניסטאָרן זיינען געקומען אויף די אויפנאַמעס ביים ישראל אַמבאַסאַדאָר, און מ'האָט געהאַלטן שיינע פריינדלעכע רעדעס. רעגירונגס־פּאָליטיק ענדערט זיך. די „אַנטי־ציוניסטישע" העצע אין פּוילן און אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז קלאָר לויט דעם באַפעל פון רוסלאַנד. די סאַטעליטן האָבן געמוזט טאָן וואָס דער בעל־הבית האָט געהייסן, אַניט וואָלטן רוסישע טאַנקען „איינגעשטעלט אָרדענונג." איך ווייס ניט צי דער יידישער פּראָטעסט־קאַמף קעגן רוסלאַנד און קעגן פּוילן קען עפּעס ענדערן. אפילו דער גרויסער באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד האָט ניט אָפּגעשטעלט די היט־



לערישע שחיטות פון יידן, און האָט ניט אָפּגעשוואַכט דייטשלאַנדס מיליטערישע מאַכט. רוסלאַנד איז היינט אַן אכזריות־דיקע גרויסמאַכט, וואָס רעכנט זיך ניט מיט גרעסערע כוחות. די וועלט שרעקט זיך פאַר רוסלאַנד. די טעג איז אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד אַ סאָוועטישער וויסנשאַפטסמאַן, איז אין פראַנקרייך און אַמעריקע געוואָרן אַ מורא אַז ס'זאָל ניט שטערן די פאַרהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד וועגן אַטאָמישע וואָפן באַשרענקונג און וועגן רוים־עקספּלאָראַציע, און דער ענגלישער אויסערן מיניסטער פּרוווט צו באַרואיקן די רוסן — ענגלאַנד האָט בלויז געגעבן אַזיל־רעכט, אַזוי ווי זי האָט עס שטענדיק געגעבן יעדן וואָס האָט עס געבעטן, אויך לענינען."

ס'איז דאָ מער האָפענונג ווי אין די פּראָטעסטן און די מעגלעכקייט אַז רוסלאַנד זאָל צוליב אירע אייגענע אינטערעסן בייטן איר שטעלונג צו ישראל און צום ציוניזם, ווי זי האָט עס שוין איין מאָל געטאָן. ווייל ווען ניט רוסלאַנדס שטים דערפאַר וואָלט מדינת ישראל ניט געוואָרן אַנערקענט פון „יונייטעד ניישאַנס". גראָמיקאָס רעדע דעמאָלט, אין מאַי 1947, האָט דעצידירט. דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָסקווע האָט דעמאָלט געשיקט אַ באַגריסונג צו ד"ר ווייצמאַן, „דורך אייך צו די יידן פון מדינת ישראל, צי דער גרינדונגס פון דער יידישער מלוכה." גאָלדע מאיר האָט דאָ ניט לאַנג דערמאָנט, אַז ווען זי איז געווען דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין מאָסקווע, „זיינען דאָס געווען טעג פון אַ האָניק־חודש, ווען די ישראלים און די רוסן זיינען געווען גרויסע פריינד." איך זע די איצטיקע באַריכטן אין דער פּרעסע, אַז רוסלאַנד נעמט זיך צו אַ שלום־אָפּענסיווע, וואָס זאָל אויך אַריינגעמען ישראל — און לויט דער לאָנדאָנער „טיימס" האָט אבא אבן, ישראלס אויסערן־מיניסטער, ערשט געזאָגט, אַז דער ריס צווישן רוסלאַנד און ישראל, וואָס איז געקומען דורכן זעקס־טאָגיקן קריג, דאַרף ניט זיין אויף שטענדיק, און ישראל איז גרייט ריידן וועגן ווידער באַנייען באַציונגען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד.

און אויב רוסלאַנד וועט מאַכן שלום מיט ישראל, מיטן „ציוניזם", וועט עס אויך טאָן פּוילן. אגב, איז אינטערעסאַנט, אַז ניט אויפן איצטיקן קריג צווישן פּוילן און ישראל, איז דער טאַשן־לוח 1970-1971, וואָס דער ועד הקהלות בפולין פאַרשפּרייט, וואָס גיט אָן צווישן די ימים־טובים אויך חג העצמאות למדינת ישראל. די רעגירונג האָט דאָס באַוויליגט.

רעגירונגען און קורסן ענדערן זיך. איך קען זיך ניט מיט די פּוילישע רעגירונגס־לייט. איך האָב זיך ניט געזען מיט קיינעם פון די מיניסטאָרן. איך בין דאָך ניט געפאָרן קיין פּוילן צוליב די פּוילישע באַדינגונגען, נאָר צו זען ווי יידן לעבן היינט אין פּוילן. אָבער ווען גאָמולקאָ איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן, און ס'איז געקומען צו דער מאַכט גיערעק, צוזאַמען מיט דעם גענעראַל מאָטשאַר, וואָס מ'האָט געזאָגט וועגן אים אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, האָב איך זיך געשראָקן. היינט אָבער גיט איבער די לאָנדאָנער „טיימס" אַ וואַרשעווער באַריכט, אַז מאָטשאַר איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן. איך בין ניט קיין נביא. איך ווייס ניט וואָס ס'וועט זיין. ס'קענען קומען באַדינגונגען וואָס וועלן מאַכן אוממעגלעך פאַר יידן צו לעבן אין פּוילן. אמת, ס'רוב עלטערע מענטשן, און ס'זיינען דאָ ווייניק יונגעלייט און קינדער. ניטאָ מער די יידישע שולן אין לאָדזש און װראָצלאַװ. ניטאָ מער די גרויסע קינדער־זומער־קאָלאָניעס. און דאָך, קומט מיר אויפן געדאַנק וואָס פּראָפעסאָר סאָלאָ באַראָן האָט מיר געזאָגט אין וואַרשע, מיר און בער מאַרק, אַז מ'קען קיין מאָל ניט וויסן פון וואַנען די זוימען פון אַ ניי יידיש לעבן קענען זיך צעוואַקסן. ווי נאָך כמעלניצקיס שחיטות, האָט זיך אויסגעוויזן אַז קיין יידיש לעבן וועט שוין קיין מאָל מער ניט זיין אין פּוילן, און דאָך איז, ווי דובנאָוו דערמאָנט אונדז, ניט לאַנג דערנאָך ווידער געוואָרן אַ גרויס יידיש לעבן אין פּוילן.

איך האָב ניט געקענט דאָס גרויסע יידישע לעבן אין פּוילן, ווען ס'האָבן געלעבט דאָרט מיליאָנען יידן. איך ווייס אַז די צען־צוועלף טויזנט יידן וואָס זיינען היינט פאַרבליבן אין פּוילן זיינען ניט דאָס וואָס דאָס יידישע פּוילן איז געווען.

נאָר ווען איך הער ווי די עמיגראַציע דונערט אַז אַלע יידן מוזן אַרויס פון פוילן, באַזעצן זיך אין ישראל, לאָזן פוילן „יודנריין", קומט עס מיר פאָר ניט רעאַליסטיש. אַ סך קענען ניט אַרויס. ס'זיינען דאָ שטרענגע אַרויספאָר געזעצן. אַ סך ווילן ניט אַרויס. עלטערע מענטשן, וואָס ווילן בלייבן אויף אַן אָרט, אפילו ווען דאָס לעבן איז שווער. זיי קענען שוין נישט שאַפן קיין נייע עקזיסטענץ פאַר זיך. ווי ווייניק די רעגירונגס פענסיע פאַר אַלטע לייט איז, אָן דעם פריערדיקן צוגאָב פונעם דזשאָינט, קען מען דאָך דורכקומען. איך האָב געטראָפן מענטשן וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן און זיינען צוריקגעקומען. געווען אין ישראל, אפילו ביי זייערע קינדער, און האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן. איך האָב אפילו געטראָפן אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אָפּגענומען אַ גרעסערע ירושה אין ענגלאַנד, און איז צוריקגעפאָרן קיין פוילן, ווייל מיט דעם געלט קען ער בעסער לעבן ווי אין ענגלאַנד אָדער ישראל. אַנדערע האָבן קינדער און אייניקלעך, וואָס ווילן ניט אַוועק פון פוילן און זיי ווילן בלייבן מיט זיי. און ס'איז ניט גוט צו זיין אַ פּליט. אפילו ניט אין ישראל. דאָ ניט לאַנג איז געווען אַן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער פועלי־ציון בלאַט, „יידישער קעמפער": „ס'איז אָנגענומען אַז אין ישראל הונגערט מען נישט, אָבער אין נויט לעבן אַ סך. העכער 400 טויזנט נפשות זיינען נויטבאַדערפטיק, מוזן אָנקומען צו קיצבה. על פי רוב זקנים, אָדער משפחות מיט אַ סך קינדער."

זיינען געבליבן צען־צוועלף טויזנט יידן היינט אין פוילן. ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. מ'דאַרף זיי ניט פאַרביטערן דאָס לעבן, ווי זיי וואָלטן געווען רענעגאַטן ווייל זיי זיינען געבליבן אין פוילן. ס'איז ניט ריכטיק צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אַז יידן מוזן לאָזן פוילן „יודנריין". אפילו וועגן דייטשלאַנד פאָדערט מען דאָס ניט. איך דערמאָן זיך אַ קאָנפערענץ אין דייטשלאַנד אין 1949, ערשט פיר יאָר נאָך היטלערס מפּלה, פון פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, מיטן דזשאָינט בראש, וואָס האָט באַטראַכט די פראַגע צי יידן דאַרפן צוריק אויפבויען אַ יידיש לעבן אין דייטשלאַנד. און מען האָט באַשלאָסן אַז מ'טאָר ניט לאָזן דייטשלאַנד ווערן יודנריין. דער געדאַנק איז אַ געפערלעכער, האָט מען דאָרט געזאָגט, ווייל אויב אין איין לאַנד, קען עס אויך ווערן אין אַנדערע לענדער. איז דאָך טאַקע מנשה בן ישראל געקומען בעטן ביי קראָמוועל אַז מ'זאָל ווידער לאָזן יידן לעבן אין ענגלאַנד, ווייל משיח קען ניט קומען אויב ס'איז דאָ אַ לאַנד וווּ ס'וווינען ניט קיין יידן. ס'איז דאָך פּרצס וואָרט — „מיר וועלן ניט אָפּטרעטן!"

איך בין איצט אַריין אין וואַרשע אין בנין פון דער קהילה, פון ועד הקהילות הקדושות בפּוילין, אין גשיבאָווסקי. דאָס הויז דערנעבן, אין זעלבן הויף, איז פריער געווען די אָרט שולע. איצט איז דאָרט אַ יידישער קאָאָפּעראַטיווער וואַרשטאַט. דער בנין פון דער צווייטער זייט איז די נאָזשיק שול, די איינציק געבליבענע סינאַגאָגע אין וואַרשע.

איך האָב ניט געקענט דאָס קהילה־הויז אין די יאָרן פאַרן חורבן. אָבער איך האָב געזען אַ פאָטאָגראַפיע אין מלך ראַוויטשס גאָר וויכטיק בוך, „דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע." געווען אַ פיין הויז. היינט איז עס שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. און אויפן בילד שטייען יידן, דערוואַקסענע און קינדער און יוגנט. ס'לעבט! אין דעם הויז האָט פּרץ געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער קהילה. מ'האָט געקענט יעדן טריט זיינעם, געוווסט גענוי די צייט ווען ער קומט, און ווען ער גייט אַרויס." דער יושב־ראש היינט פון דער קהילה, ר' יצחק פרענקל, וואָס זיצט דאָרט איצט, וועט זיך ניט פאַרגלייכן צו פּרץ, אָבער די בילדער פון יאָמער וואָס קומען צו אים, זיינען נאָך ווייניקער אין צאָל, ווייל די צאָל יידן אין פוילן איז איצט בלויז אַ רעשטל פון יענעם אַמאָליקן יידישן פוילן. די לעבנסבאַדינגונגען אין היינטיקן פוילן זיינען שווער. איז דאָך גאָמולקא אַראָפּ פון דער מאַכט ווייל די מאַסן פּוילישע אַרבעטער האָבן געמאַכט אויפשטאַנדן קעגן די הויכע פרייזן און דעם יקרות. אָבער אין די פאַר־קאָמוניסטישע צייטן האָבן די מאַסן פּוילישע יידן אויך געליטן נויט. האָבן מיר דאָך אַן עדות י.ל. פּרץ, וואָס האָט באַ־



שריבן זיינע רייזעס איבער די שטעט און שטעטלעך, אויסצופאָרשן די יידישע פּרנסות. למשל, „דער עמיגראַנט". האָט אים פּרץ געפרעגט: „וואָס נייט איך אַרויסצופאָרן?" „דער הונגער". „און דער הונגער", גיט פּרץ צו, „איז געלעגן אויף זיין פּנים."

דאָס גאַנצע הויז זעט אויס גאַנץ אַנדערש ווי ווען פּרץ איז דאָרט געזעסן. ס'איז אַלט און אָפּגעלאָזן, און אינעווייניק פּוסט. די מיינסטע שטובן שטייען ליידיק. ערשט אויפן אויבערשטן שטאָק איז די ביוראָ, און די כשרע קיך און די עס־שטוב ווו יידן באַקומען יעדן טאָג אַ גוטן מיטאָג בחינם אָדער פאַר אַ גאָר ביליקן פּרייז, אויב מ'קאָן צאָלן. די מיטלען פון דער קהילה זיינען קליינע. די דזשאָינט געלטער לאָזט די רעגירונג ניט אַריין. דאָס איז דער רוסישער וועג, וואָס אַלע סאַטעליטן מוזן מיטגיין — אומצוטרוי צו אַלץ וואָס קומט פון מערב. אָבער מ'טוט וויפיל מ'קען. און די באַשפּייזונג איז אַ געבענטשטע אַרבעט, ניט נאָר אין וואַרשע, נאָר אין אַלע קהילות: לאָדזש, קראָקע, וראָצלאַוו, קאַטאָוויץ, ווו ס'איז דאָ אַ קהילה.

עס זיינען געקומען קיין לאָנדאָן קלאַנגען אַז מ'האָט אין פּוילן פאַרבאָטן שחיטה. דער ענגלישער ראַבינאַט, דער בית־דין, האָט די קלאַנגען גענומען ערנסט, און האָט מיך געבעטן זיך דערוויסן וועגן דעם. ס'איז ניט אמת. איך האָב געזען די שוחטים, און די קיך, און די מענטשן וואָס קומען עסן. ניט נאָר פרומע יידן עסן דאָרט, אויך מענטשן פון וועלטלעכן סעקטאָר, וואָס ווילן זיצן מיט יידן און עסן יידישע מאכלים. און דער ביליקער פּרייז — פאַר אַ סך אומזיסט — איז וויכטיק פאַר מענטשן, וואָס יעדער זלאָטע איז אַן ענין.

די קהילה האָט אויך אַ בעקעריי, ווו מ'באַקט מצות אויף פּסח. האָט זי געפּרוווט מאַכן ווייַן און בראָנפן כשר לפּסח. דער יידישער סליוואָוויץ איז געפעלן געוואָרן אויך די גויים, און די פּוילישע שענקען און רעסטאָראַנען האָבן עס גענומען. האָט די קהילה געמיינט אַז אויך יידן אין אויסלאַנד וועלן קויפן דעם כשרן סליוואָוויץ, און די קהילה וועט דערפון האָבן מער געלט פאַר באַשפּייזונג און פאַר אַנדערע קהלשע נויטן, הייצן די שול, העכערן די שכירות פון די שוחטים אא"וו. האָט אָבער די עמיגראַציע געמאַכט אַ בויקאָט אויף דעם כשרן סליוואָוויץ. וועט די קהילה מוזן אויפהערן מאַכן דעם סליוואָוויץ, ווייל ס'לוינט זיך ניט. אָבער איך האָב ניט געזען אַז דער אַנטי־פּוילישער בויקאָט זאָל שטערן דעם מאַסן־פאַרקויף פון פּוילישן חזיר־פלייש איבער דער גאַנצער וועלט.

דער יידישער בויקאָט קען שאַדן דער יידישער קהילה אין פּוילן, אָבער ניט דעם גרויסן פּוילישן האַנדל־וואַנדל. דער יידישער בויקאָט האָט אפילו אין היטלערס צייט ניט אָפּגעשוואַכט דייטשלאַנד. ד"ר שאול אַש, פון ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט אין זיין ווערק וועגן חורבן באַטאָנט „דעם קליינעם דערפאָלג פון דער באַוועגונג צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם בויקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד, בפרט אין אַמעריקע." און יעקב דע האַאַז, הערצלס אַמאָליקער סעקרעטאַר, און אַ פירנדער אַמעריקאַנער ציוניסט, האָט אין מיטן פון בויקאָט אין 1936, געשריבן: „דער בויקאָט האָט היטלערן באַוויזן אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַרן יידישן כעס."

פאַרשטיי איך די יידן אין פּוילן, די יידן פון קהילה, וואָס ווילן ניט מ'זאָל מאַכן אַ טומל אַרום זיי, וואָס זאָגן אייך אַז אויך אין דער קהילה האָט מען זיי געלאָזט צורו, און מ'האָט פאַרפאָלגט ס'רוב די יידישע קאָמוניסטן, מיט וועלכע די מאַכט האָט געהאַט חשבונות. אַזוי איז דער וועג פונעם קאָמוניזם. זיי האָבן זייערע אינערלעכע פּאָליטישע וויכוחים, און די וואָס פאַלן דורך, ווערן ליקווידירט. אָט איז גאָמולקא געווען דער הערשער אין פּוילן. היינט באַשולדיקט מען אים אין שווערע פאַרברעכנס. איז פאַר די קהילה־לייט וויכטיקער אַז זיי קענען האָבן כשר פלייש און מצות אויף פּסח, און אַרויסגעבן אַ לוח, אפילו מיט „חג העצמאות מדינת ישראל", און גיין אין שול דאַווענען, און אָנפירן מיטן יידישן בית־עולם. עס איז זיכער וויכטיק.

קומט די עמיגראַציע און דערציילט, אַז אין גאַנצן איז דאָ נאָר איין שול אין וואַרשע, און קיין מנין איז ניטאָ. געווען אַ באַריכט אין אַ לאָנדאָנער יידיש בלאַט, אַז היינטיקן ראש השנה־יום כפור האָט מען בכלל ניט געדאַוונט אין פוילן. בלויז אין די זקנים־הייזער אין לאָדזש און וואַרשע האָבן עטלעכע אַלטע לייט געהאַט אַ מנין. זאָגט מיר מיינער אַ חבר דאָ, דער יידישער זשורנאַליסט קאַמיל האָניק, אַז ער איז געווען ראש השנה היי־יאָר אין דער וואַרשעווער שול, און ס'איז געווען פול. איך בין געווען אין דער וואַרשעווער שול סוכות, און ס'איז ניט געווען פול, נאָר אַ 5־6 מנינים זיינען געווען, און אַ סוכה איז געווען. און צווישן דעם עולם זיינען געווען די אַלטע לייט פון וואַרשעווער זקנים־הויז. אין לאָדזש איז שוין יאָרן־לאַנג ניטאָ קיין יידישער זקנים־הויז. די אַלטע לייט דאָרט זיינען איבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע. און וואָס שייך וואָס האָניק זאָגט אַז ראש השנה־יום כפור איז די וואַרשעווער שול געווען פול, האָב איך אַ מאָל געזען אין אַ ראש השנה־יום כיפור ווי וואַרשעווער יידן קענען נאָך היינט אָנפילן אַ שול. צו שופר־בלאָזן זיינען געקומען הונדערטער יידן וואָס האָבן אין קאָמוניסטישן פוילן געמוזט גיין צו דער אַרבעט, און ס'איז געווען פול מיט יידן אויף די טרעפן און אין הויף. מענטשן וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן מיר געזאָגט, אַז היינטיקס יאָר זיינען די שולן געווען פול אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, ווראָצלאַוו, קאַטאָוויץ, טשענסטאָכאָוו — איבעראַל וווּ ס'זיינען דאָ יידן. און היינטיקס יאָר, האָבן מיר געזאָגט יידן, קאָמוניסטן, וועלטלעכע יידן, וואָס פלעגן קיין מאָל ניט גיין אין שול, אַז היינטיקס יאָר זיינען זיי ראש השנה־יום כיפור געווען אין שול, דעם גאַנצן טאָג יום־כיפור אין שול.

ס'איז גענוג שווער דאָס יידישע לעבן אין פוילן. צוליב וואָס שילדערן עס נאָך שווערער ווי ס'איז? בער מאַרק האָט אַ מאָל געשריבן וועגן דעם היינטיקן רעשטל יידן אין פוילן: „איין גרויס באַגער פילט אויס די יידישע הערצער אין די שווערע טעג — איבערלעבן און אויסזויערן." טאָר מען ניט מבטל זיין וואָס יידן טוען, כדי אויסצודויערן. ס'איז אַ הייליקע שליחות.

ניטאָ קיין רבנים אין פוילן. איך האָב אויפגעהויבן די פראַגע אין „דזשואיש קראָניקל" נאָך מיין ערשטער נסיעה קיין פוילן מיט 13 יאָר צוריק. אַמאָל זיינען יאָ געווען רבנים אין פאָלקס־פוילן. אין 1946, ווען הרב הערצאָג ז"ל איז געקומען קיין פוילן פון ישראל, איז געווען אַן אספה אין וואַרשע, וווּ ס'זיינען געקומען אַ גאַנצער טוץ רבנים, פון וואַרשע, קראָקע, לאָדזש און אַנדערע שטעט, מיט הרב כהנא בראש, מיט פאָרשטייער פון מזרחי און אַגודת ישראל, וואָס זיינען געווען דעמאָלט דערלויבט. געווען אפילו אַ רבנים־פאַרבאַנד אין פוילן. איז געקומען דער קעלצער פאָגראָם, און יידן, און מיט די רבנים, זיינען זיך צעלאָפן. אַ שוועריקייט איז, וואָס לויטן פוילישן געזעץ מוזן רבנים אין פוילן זיין פוילישע בירגער, תושבים, ניט צייטווייליקע צוגערייזטע. נאָך גוט וואָס כמעט יעדער ייד אין פוילן אין די מיטעלע יאָרן, קען לערנען, און אַ סך רבנים דאַווענען פאַרן עמוד. קיין בעלי־תפילה פעלן ניט און שוחטים זיינען דערווייל אויך דאָ גענוג.

אויפן סדר־היום פון יענער רבנים־אספה אין 1946 איז אויך געשטאַנען די פראַגע פון אויפזאַמלען ספרי־קודש. איך האָב איצט געפרעגט אין דער קהילה וועגן דעם. האָט מען מיר געזאָגט, אַז היינט קומען שוין מער ניט, ווי פריער, פויערים מיט ספרי־קודש, וואָס זיי האָבן געפונען באַהאַלטן, באַגראָבן. אַ פנים ס'זיינען ניטאָ מער. נאָר אין די שולן אין פוילן זיינען פאַראַן מער ספרי־קודש ווי ס'איז זיי נייטיק. דאַרף מען קריגן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג צו קענען זיי אַרויספירן. און ספרים זיינען דאָ איבעראַל גאַנצע שטויסן, וואָס קיינער לערנט ניט מער אין זיי.

(המשך קומט)



סימע קאָזלאָווסקי־קאַרפ

# ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה

אַן אמת בילד איז ווערט מער ווי טויזנט ווערטער.

ווער דאַרף האָבן פאַבריקאַציע אָדער פיקציע, ווען דער אמת איז מער אינטערעסאַנט!

איר וועט מיט מיר, גלייב איך, מסכים זיין הערנדיק די מעשה:

דאָס איז געשען מיט אַ קורצער צייט צוריק, טאַקע ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעס אין אַ קראָם פון שניט־סחורה פאַר פאָרטיערן, טעפיכער אא"וו אין ווילשייר געגנט. דער אייגנטימער פון געשעפט איז אַ פערסישער ייד, יאָ־האַב, וועלכער האָט פאַרן אָנקומען אין אַמעריקע אויך געוווינט אין ארץ ישראל. ווי אַ געבוירענער אין פערסיע זעט ער אויס גענוי ווי אַ מיטל־מזרחישער מענטש, אפילו גלייך צו אַן אַראַבער.

איין מאָל איז אין יאָ־האַבס געשעפט אַריינגעקומען אַן אמתער אַראַבער און איינגעקויפט פאַר צען דאָלערס שניט־סחורה. באַצאָלט דעם בעל־הבית, און וואַרטנדיק אויף זיין פעקל סחורה, האָט ער געמאַכט דעם טעות אָנצונעמען דעם בעל־הבית פאַר אַ ברודער־אַראַבער און אָנגעהויבן מיט אים אַן אינטימען שמועס אויף אָט דעם אופן:

דאָס מאָל זיינען אַלע אַראַבער פאַראייניקט און דאָס מאָל קענען מיר ניט פאַרלירן מער קיין צייט און אומברענגען אַלע יידן און ספעציעל די ישראלים. מיר'ן שוין פאַרענדיקן היטלערס אונטערנעמונג!...

„און ווי אַזוי וועט איר עס אַלץ טאָן?" פרעגט יאָ־האַב פון זיין קונה דעם אַראַבער.

„ערשטנס וועלן מיר פאַנגען משה דיין און אים שמידן אין קייטן, אים אַריינזעצן אין אַ שטייג ווי אַ ווילדע חיה, אַרומפירן אים איבער אַלע אַראַבישע לענדער, אים שטעכן מיט באַיאָנעטן. דערנאָך וועלן מיר אויסהרגענען יעדן מאַן, פרוי און קינד פון די ישראלים און איבערנעמען „פאַלעסטין" פאַר די אַראַבער. איצט אַז דאָס לאַנד איז שוין קולטיווירט אא"וו...

און נאָך געהאַלטן אין איין ריידן און ריידן, ביז וואַנען יאָ־האב האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און זיך אָפגערופן צום אַראַבער:

„וואַרט נאָר איין מינוט איידער איר גייט אַוועק. איך האָב אייך עפעס צו ווייזן" און ער איז אַוועק אין אַ צווייטן צימער און אַרויסגעקומען מיט אַ פאָטאָגראַפיע איבערגעדרוקט פון אַ צייטונג, מיט אַן אונטערשריפט:

„איין העלדישער ישראל סאָלדאַט נעמט געפאַנגען טויזנט אַראַבער־סאָלדאַטן. ער אַליין האָט זיי געפאַנגען אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין 1967"

ווי דער אַראַבער האָט דערזען דאָס בילד, האָט זיך זיין פנים גלייך געביטן צו גרין ביז דער באַלעבאָס יאָ־האַב האָט זיין גאַסט געפרעגט.

„ווייסטו ווער איז געווען דער דאָזיקער ארץ ישראל־סאָלדאַט? קוק אויפן בילד. ער איז מיין יינגערער ברודער..."

דערהערנדיק די נייעס איז דער אַראַבער אַרויסגעלאָפן פונעם געשעפט ווי אַ פאַרסאַמטע מויז און האָט אפילו ניט געהערט די שטימע פון זיין „ברודער־אַראַבער" אים צו דערמאָנען צו נעמען זיין פעקל סחורה.

שלום ושנה טובה

צו אַלע אונדזערע פריינט איבער דער וועלט און מזל טוב צו אונדזערע מחותנים —

דוד און שרה יאַראָסלאַווסקי

פסח און סימה קאזלאַווסקי־קאַרפ

# שרייבערס און ביכער

ישראל עמיאַט / ראָטשעסטער, נ.־י.

## אַ ניי בוך — אַ נייע אַנטפּלעקונג

(וועגן צווייטן באַנד „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן"
פון אהרן צייטלין)

אַריינגעלייענט זיך אין דעם נייעסטן בוך פונעם גרויסמייסטער אהרן צייטלין, און דאָס ערשטע וואָס עס קווילט דיך איז: פון וואָס אָנצוהייבן... נישטאָ ביי אים קיין ליד אַן הויפּט־קרעדאָ, נאָר ליד צו ליד מצטרפין לחשבון גדול. דאַכט זיך, יעדער האָט זיך זיינע אייגענע איינפאַלן, גרויס־קייטן, אַנטפּלעקונגען, טייל מאָל סיי אין אינהאַלט, סיי אין דער טעכניק האָט זיך זיין אידעע, און דאָך, קענט איר סך־הכלען ליד מיט ליד; וואָס נישט דערזאָגט אין איין ליד ווערט דערזאָגט אין אַ צווייטן.

דער צעוויטיקטער איוב פון אונדזער צייט וויל נישט זיין האָפנונגסלאָז; ער איז גלייביק, און אָט דער קאַמף צווישן גלויבן אינעם לעצטן גרויסן סך־הכל, ווען אַלץ באַלאַנסירט זיך און ווערט פאַרענטפערט און זיין תרעומות אויפן צייט־ווייליקן, אומפאַרשטענדלעכן, וואָס לאָזט זיך אויבנאויפיק נישט גערן צו פאַרשטיין, דאָס איז דער הויפּט תמצית פון אָט דעם גרויסאַרטיקן בוך, אַ יחיד במינו מיט זיין קאָלירפולקייט און עקספּרעסיע.

ער איז זייער שאַרף אין זיין פרעגן. אין דעם ליד „מיין וועלט גיין מיר אָפּ" איז ער זיך מתרעם:

און אַז מען וועט מיך שטעלן פאַר דער
  אייבערשטער פמליא
וועט מען מיר מוזן ענטפערן אויף
  קשיות,
וואָס וועלן פלייצן פון מיין האַרץ,
  אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע.
מע וועט מיר מוזן ענטפערן, אַ שטיי־
  גער, צי די שכינה
מיינט, אַז פאַר אַ קינד, געשליידערט
  אין אַן אויוון,
איז שוין באַצאָלט ווען יידן קריגן
  אַ מדינה ?
אַ מדינה? יאָ, פון אונדזער בלוט
איז זי אויפגעגאַנגען, ווען דאָס פאָלק
  האָט צעבראָכן זיינע קייטן
(און וויפל בלוט מיר וועלן נאָך פאַרגיסן—
  ווער קען וויסן?)
נאָר ווי קומט איינס צום צווייטן ?

אַוודאי זייער אַ שווערע שאלה צו פאַר־ענטפערן, אָבער נישט מיט „קונסטעוועץ" זוכט ער צו פאַרענטפערן אָט די שווערע שאלה. קיינער, ווי ער, ווייסט עס נישט אַזוי, אַז די אַזוי גערופענע דערגרייכונ־גען פון דער פּאָעזיע פון אַלע צייטן וועלן נישט אויסדריקן דעם גרויסן ווייי. צו שאַרל באָדלערן, דעם מחבר פון „בלומען פון שלעכטס", שרייבט ער:

כ'האָב געשמעקט צו די פאַרפומען פון
  דיינע בלומען פון שלעכטס,
ביז פיינט האָב איך באַקומען דיינע
  בלומען פון שלעכטס,
און קלאָר האָב איך באַנומען:
  כ'דאַרף בלומען פון גנאָד.
דיין ספּלין וויל דער טייוול —
  מיין טרויער זוכט גאָט.

אין דעם בוך אָפּערירט צייטלין ווי מיט אַן אָרקעסטער מיט אַלע זיינע טאַ־לאַנטן: מיט זיין געניאַל וויסן, מיט דער מעכטיקער כוואַליע פון זיין דענקען, מיט דער חלף־שאַרפער סאַטירע, מיט דער ווירטואָזישקייט פון זיין פערז, מיט דער אומגעווייגלעכער מוזיקאַלישקייט. אָבער ער ווייסט ביי אַלעם, אַז מיט אַלע טאַלאַנטן איז שווער צו לאָזן הערן דעם גרעסטן געשריי פון אַלע געשרייען אויפן חורבן:



און קומט ער אַ מאָל,
דער כוואַטסקער יונגערמאַן,
און פון אונדזער חורבן
שרייבט ער דעם ראָמאַן
איבער ראָמאַנען,
זאָג איך אים אַצינד
און זאָג אים פון דאַנען:
מעגסט קריגן דעם נאָבעל־פּרייז,
צי דעם פּרייז אפילו
פון אַליין דעם בורא —
וועט בלייבן במחילה,
אַ טרייפהנע סחורה
דיין גאַנץ געשריפטס,
אויב דו לאָזט נישט הערן
אַ געשריי אַזאַ,
וואָס אַלע געשרייען
פון יידישע ווייען
זיינען קעגן אים
אַן אידילישער זיפץ.

איז אים ווייניק דער אומגליק וואָס ער פילט מיט אַלע זיינע חושים, אויף אַ רגע נישט אויפצוהערן, צו זיין דער אָבל און דער מקונן — פייניקט ער זיך וואָס אים איז נישט באַשערט געווען בפועל ממש צו זיין מיט אומגעקומענע אין וואַרשעווער געטאָ:

נישט באַשערט איז מיר געווען, מיין
  וואַרשע,
צווישן דיינע געטאָ־ווענט צו זיצן
  אַ געפאַנגענער מיט יידן.
מיט אַ נאָז אַן אויסגעלענגערטע, ווי
  ביי אַ בר־מינן,
מיט אָבל־אויגן איינגעגראָבענע,
האַלב מענטש און האַלב געשפּענסט
  האָב איך אַרומגעשלענדערט
אין ניו־יאָרק פון זיך אַליין געלאָפן,
און פון זיך אַנטלויפנדיק געשריבן
מאמרים, גראַמען, ווייס איך וואָס.

אָבער ביי צייטלינען דעם גרויסן בן־מקובל, ביי וועמען ווערטער און אפילו אותיות ווערן מצורף אין צירופי שמות, גייען נישט קיין ווערטער אויפן ווינט. פאַראַן אַ טרייסט, און די טרייסט מאַכט אים גלייבן. איר ווילט וויסן די טרייסט?

די איין איינציקע טרייסט, אויב אַ
  טרייסט איז פאַראַן,
איז די כפירה אין טויט; איר זייט אַלע
  פאַראַן.
אין אַנדערע וועלטן טראָגט איר פרישע
  לבושים,
און דאָ אויף דער ערד—
אַזוי חלומט זיך מיר— ווערט איר
  קינדער; איר ווערט
באַשאָנקען מיט יידישע חושים,
און פון איינעם פון אייך וועט אַרויס
  ווען עס איז
יענער גואל, באַפרייער, באַנייער פון
  ברית
וואָס וועט געבן דעם מענטש העל
  געלייטערטן פאָרעם.
אַזוי חלומט זיך מיר אין אַ דור ווען
  ס'פאַרשווינדט
אויך ביי גלייביקע ס'גלויבן, אפילו
  אַצינד
וויל אַלץ נאָך גלייבן אין דיר דיין קינד,
גאָט פון נסים און גאָט פון ייסורים.

דאָ איז צייטלין געטריי זיין פילאָסאָ־פיע פון כפירה אין טויט. נישט פאַראַן קיין טויט, עס איז פאַראַן אַן איבערגאַנג אין אַנדערע לבושים.

די 45 זייטיקע דערציילונג „יאַנוש קאָרטשאַקס לעצטער גאַנג" איז אַ געמיש פון פּאָעזיע, שאַרפער פּסיכאָלאָגישער אַנאַ־ליז און ריטמישער דערציילונג וועגן אַ גרויסן וואונדערלעכן מאַן, וואָס האָט פון קינדהייט אויף איבערגעלעבט אַ גרויסע טראַגעדיע: זיין רייכער אַסימילירטער טאַטע, אַן אַדוואָקאַט, איז אַראָפּ פון זינען און דאָס משוגעת אויסגעלאָזט צו זיין צאַרטן, זייער עמפּינדלעכן זון. דער זון האָט שוין פון דער פריער יוגנט באַדאַרפט אָנקומען צו דער הילף פון פרעמדע מענטשן, ווייל זיין טאַטע איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ דול־הויז.

ס'איז באמת כדאי צו דערציילן וואָס דער יונגער סטודענט קאָרטשאַק האָט אין אַ געשפּרעך איבערגעגעבן זיין פריינדין, אַ סטודענטקע אין דער שווייץ, סטעפאַניאַ ווילשינסקאָ, זיין קומענדיקע לעבנס־באַגלייטערין, וועגן זיין פאָטער, ווען ער פלעגט אים באַזוכן אין זיין משוגעים־קאַמער: דאָ איז ווידער אַוועק אַ מאָנאָלאָג, ווען ער, דער זון, פלעגט זיך אַריבערכאַפּן

צום פּאָטער אין צעל אַריין, האָט יענער רק געטענהט: דער מענטש איז רק באַלאַגערט... באַלאַגערט... און ווער וועט די באַלאַגערונג אַראָפּנעמען? נישטאָ ווער. נישטאָ ווער.

יאָרן־לאַנג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, פלעגן דעם פּאָטער רודפן די, וואָס ער האָט ביי זיך אַ נאָמען געגעבן: די אויסלאַכער. זיי זיינען געווען אַזוי גראָטעסק אין זייער חוזק, אַז ער אַליין פלעגט זיך צעלאַכן. האָט ער געמאַכט אַן אַנטדעקונג: יענע האָבן פיינט אַז אַ מענטש צאָלט זיי צוריק מיט געלעכטער. אַז ער האָט פון זיי גענומען לאַכן פלעגן זיי פאַרשווינדן. זיי פלעגן עקשנותדיק צוריקקומען. ס'האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ס'זיינען דאָ אַנדערע, די פייניקער, וואָס יענע האָבן אים אומגליקלעך געמאַכט. די פייניקער — זיי ווערסטו מיט קיין געלעכטער אין דער וועלט נישט בייקומען.

צום ערשטן מאָל האָט ער איינעם פון זיי געזען אין געריכט־זאַל. ער האָט פאַרטיידיקט איינעם, וואָס זיין אומשולדיקייט איז געווען אַזוי באַשיימפּערלעך, אַז ווען נישט דער מענטש־ענלעכער דעמאָן, וואָס זיין סילועט איז געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון די ריכטער, וואָלט אוממעגלעך געווען, מען זאָל דעם באַשולדיקטן פאַרמשפּטן. די אויסלאַכער ווילן דעם מענטש קליין מאַכן אין די אייגענע אויגן, אים ווייזן זיין נישטיקייט, זיין נישט קאָנען וויסן וואָס אים איז. זיי זיינען צונג־אויסשטעלער, קונצנמאַכער, אַקראָבאַטן פון אַ סודותדיקן צייכן און זייער גאָט איז שפּילקע־קעפּל. די ערגסטע שונאים אָבער פונעם מענטשן זיינען די פייניקער. זיי געפינען זייערע משרתים און באַפעל־אויספירער צווישן לעבעדיקע מענטשן. אומרעכט, אומגליק, בלוט־פאַרגיס — דאָס איז אַלץ זייער אַרבעט. אַזוי לאַנג ווי דאָס איז אַזוי קאָן קיין גערעכטיקייט נישט זיין. דאָס זיינען זיי, וואָס דיקטירן געזעצן. אַז געזעץ און גערעכטיקייט זיינען צוויי לחלוטין פאַרשיידענע זאַכן — דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, וואָס הייבט אָן שטודירן יוריספּרודענץ.

דער משוגענער טאַטע איז גאָרנישט געווען אַזוי משוגע, כאָטש צווישן די קלאָרע זאַגן זיינען אויך געווען אומקלאָרע. אָבער דאָס אַלץ האָט געלייגט דעם חותם אויף דער פּערזענלעכקייט פון ד״ר קאָרטשאַק, דעם גרויסן דערציער און נאָוואַטאָר, מיט זיין אידעע פון אַ יתומים־רעפּובליק און זיין אויסכאָוועון מענטשן און גלייכצייטיק דאָס קאָנען מקריב זיין זיך פאַר מענטשן, אָט אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אין זיין לעצטן גאַנג צום אומשלאַג־פּלאַץ און ער האָט געקענט זיך ראַטעווען זיין אייגן לעבן, אָבער ער האָט אויסגעוויילט אומקומען מיט זיינע יתומים.

אהרן צייטלין וויל, מיט אַ וואונדערלעכן פּסיכאָאַנאַליז, דורכן לעבנס־גאַנג פון געניאַלן דערציער, יאַנוש קאָרטשאַק, זען דאָס, וואָס קאָרטשאַק האָט אַנטדעקט זיין מיידל, אין דער שווייץ, וועגן טאַטנס „דעלוזשן״, וועגן די אויסלאַכערס און פייניקערס. עס איז אַ קאַפקא־ווערק פון הויכער קינסטלערישער מדרגה, און אַלץ וואָס איך וויל אייך דאָ איבערגעבן וועגן דעם קומט נאָענט צו דעם הויכן קינסטלערישן פאַרגעניגן וואָס איר וועט האָבן אַליין דאָס לייענענדיק.

מיר וועלן איצט נישט שרייבן וועגן דער פּאָעמע „מטטרון״, אַ פּאָעמע וועלכע איז נאָך געשריבן געוואָרן אין 1922 און איז געווען אַ מין רעאַקציע קעגן דעם אָנגעלאָף פון פוטוריזם. די דאָזיקע פּאָעמע איז אַזוי טיף און אַזוי פאַרגאַנגען אין אַנדערע וועלטן, אַז מיר ווילן אַ מאָל טאַקע אין „חשבון״ גופא שרייבן וועגן איר באַזונדער. איך וועל סיי ווי נישט קענען זיך אָפּשטעלן אויף דער גאַנצער גאַמע פון פאַרבן פון אָט דעם וואונדערלעכן בוך. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ ליד וועגן ישראל שטערן, דעם גרויסן יידישן פּאָעט און קדוש און אַריינגייער אינעם הויז פון הלל צייטלין ז״ל. דאָס איז אַ ליד וואָס מאַכט אייך אויפשוידערן:

דרויסן איז שוין דאָ מער ווי די דריי
שטערן,
נאָר ס'איז חושכדיק אין הויז.
זאָל וואַרטן די הבדלה.
מיין פּאָטער וויל פאַרלענגערן דעם שבת.
שטיל פאַרברענגט ער מיט ישראל
שטערן.



אברהם גאָלאָמב

# אַ רעדע פאַר יידישע אַקאַדעמיקערס

(רעדע געהאַלטן ביים אָננעמען דעם ערן־דאָקטאָראַט
פון יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם אין לאָס אַנגעלעס)

מרנן ורבנן ורבותי!

פאַר אייך שטייט דאָ אַ ייד אַ פּשוטער, וואָס האָט אויף אַזאַ כבוד קיין מאָל ניט געוואַרט, ניט גערעכט זיך — אַ פּשוטער אַרבעטער, אַ דינער ביים פאָלק ישראל. מיר יידן אין רוסלאַנד האָבן אין מיינע צייטן זעלטן געהאַט די מעגלעכקייט סיסטעמאַטיש צו לערנען, זיינען מיר געגאַנ־

אַזאַ מין שוואַרצקייט ווערט אין צימער,
ס'איז אַן עולם מלא פון שוואַרצקייט.
פלוצלינג גיט ער קורץ און האַסטיק
אַ געשריי: „ישראל שטערן״.
ס'גייט אין שוידער אויס דער שמועס.
וואָס איז געשען?
ער שטאַמלט, שטערן: זיי...
געווען דאָ זיי . .
— ווער, ווער?
— נו, זיי, די חברה... ס'אַראַ חברה!
ווו איז די חברה?
— ווו? פאַרבייגעלאָפן... נו, געלויבט
השם, נישטאָ שוין מער... געוואָלט אַ
כאַפּ טאָן מיך, אַ נעם —
ס'איז עפּעס אויף די חברה־לייט אַ
קשיא?
ביי זיי איז דאָך נישטאָ קיין וואַשע־
נאַשע . . .
אַ כאַפּ און שוין.
אַריבער זיינען יאָרן. ס'איז אַ נאַכט
אַן אַנדערע אין פוילן.
נישט נאַכט פון גוטוואָך, נאָר פון
טייוול־וואָך. מחבלים וואַרע,
לכל הדעות, כאָטש אין מענטש־
געשטאַלט.
זיי פליען נישט פאַרביי, זיי קוילען,
פאַרגאַזעווען, פאַרברענען. ס'איז די
פולע און די גאָרע נאַכט איבער דעם
ייד אין פוילן, און ישראל שטערן?
ווען ער איז פון הונגער אַ געשוואָלע־
נער געלעגן אין גסיסה־צאַנק אויף
וואַרשעס חורבות, וואָלט איך שווערן,
אַז ער האָט צעגויפגעבונדן יענע, די
פאַרביילויפער, מיט די, וואָס ווילן
איינעמען די וועלט און בלייבן הי,
דאָ הי.
און ס'גלויבט זיך מיר, אַז שטאַרבנדיק
האָט ער געמורמלט: „זיי...
געבליבן דאָ... און גאָט? דו גיי, דערגיי
וואָס אַזוינס ער קלערט זיך... קיינער
שוין נישטאָ —
בלויז זיי... די קליפּות... זיי...״

דאַרפט איר נאָך עפּעס צוגעבן צו אָט דעם ליד? דער עיקר אינעם ליד אַז ער בינדט אָן די היטלער־רציחות צום אייביקן קאַמף פון גוטס מיט די קליפּות, פון קדושה מיט דער טומאה. דער אייביק־אייביקער קאַמף ביז די גרויסע גאולה וועט קומען, די גאולה פון וועלטן.

אָבער מיר וואָלטן נישט געווען גערעכט, ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען די צענדליקער און צענדליקער אַנדערע לידער אויף מאָטיוון פון ליבע און ווי איידל אונדזער פּאָעט דריקט זיך אויס:

און קוש מיך ליבסטע נישט מיט ליפּן—
ניין, נישט בחוש;
בלויז פון נשמה צו נשמה
זאָל זיין דער קוש.

אָדער (אינעם ליד „די ליבע און דאָס שטאַרבן״):

די ליבע איז געזעסן צו טיף אין מיין
ברוסט
און צו אָפט האָט זי געוויינט אין איר
שטאָלצן מסתרים.
ס'ווילט זיך שטאַרבן, נאָר כ'קען עס
עס נישט איידער איך לייג
דעם קאָפּ אין דיין אָרעם.

אַ גרויס בוך פון אַ גרויסן, גרויסן פּאָעט, אַ בוך וועלכן איר דאַרפט זיך איינשאַפן אין אייער ביבליאָטעק, אַ בוך וואָס פירט אייך פון פאַרגענגלעכן צום אומפאַרגאַנג.

גען אַליין, „פאַר זיך לערנען" האָט עס גערופן די יידישע טראַדיציע; קיין מאָל ניט גראַדואירט, ווייל קיין מאָל ניט געענדיקט לערנען.. ערשט ווען איך אַליין האָבן געגעבן מעטאָדיק פון נאַטור־לימוד אין אַן אוניווערסיטעט. איך פלעג לערנען מיינע תלמידים וואָס האָבן זיך געגרייט צו זיין יידישע לערערס: „גליקלעך איז דער וואָס האָט גוטע לערערס, אומגליקלעך איז דער וואָס דאַרף האָבן גוטע לערערס."

איך האָב ניט געהערט צו קיינע פאַרטייען, ניט פאַרנומען קיינע געזעלשאַפטלעכע פאָזיציעס, ניט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפאַרן. אַרום דער צייט פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אָפגעדרוקט געוועזן מיין פרינציפ „פון בית־לחם ביז קאַסרילעווקע"— איין פאָלק אין זיין היסטאָרישער גאַנצקייט און איינהייט . (אין זשורנאַל פון „מפיצי השכלה"). אַלץ וואָס איך האָב נאָך דעם געלערנט און געשריבן אין אַרטיקלען און אין ביכער—אַלץ איז בלויז אַ פירוש, אַ דערקלערונג און אַ פאַרטיפונג פון דער גרונט־אידעע.

צי האָב איך אין מיינע שריפטן באַוויזן איבערצוגעבן מיין גלויבן צו אַ סך יידן? איך ספק זייער. פאַר זיך אָבער צי איך מיין פרינציפ ווייטער און איך באַמי זיך צו זיין אויסגעהאַלטן. לערן איך די ערשטע משנה פון פרקי אָבות עטוואָס אַנדערש: משה קיבל תורת היידישקייט מאבות האומה ומסרה ליהושוע אאַז"וו, ביז „ואנשי כנסת הגדולה מסרו היידישקייט לחז"ל, וחז"ל מסרוה לבבל, ובבל מסרה לאשכנז, ואשכנז מסרה את היידישקייט ליידישע שטעטלעך במזרח־אירופה... ווייט ניט אַלע יידישע ישובים זיינען זוכה אַנטייל צו נעמען אין דעם אייביקן שטראָם פון קבלה און מסורה פון כסדר וואַקסנדיקער יידישקייט. פון די אבות האומה און ביז אונדז — איין עץ־חיים, איין אייביקער שטראָם פון יידישקייט.

איך האָב דעמאָלט עפנטלעך געשוואָרן (אויף אַ זיצונג פון חברה „מפיצי השכלה") ניט שרייבן מער קיין רוסיש, הגם עס איז געווען די שפראַך פון מיין פעדאַגאָגיק און פון מיין ביסל ביאָלאָגיש וויסן. קיין מאָל ניט מער אַ רוסישער ייד, ניט קיין פוילישער ייד, ניט קיין אַמעריקאַנער און אפילו ניט קיין ישראל־ייד, נייערט אַלע מאָל אַ פשוטער יידישער ייד, דער זעלביקער אין אַלע מיינע וואַנדערונגען, אין גאַנצן ניט אָפהענגיק פון לענדער און פון פעלקער; אַלע מאָל און אומעטום דער זעלביקער ייד, איינער פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן גאַנג.

אַ טייך שטראָמט אין שטח, צו מעסטן אין מיילן. יידישקייט שטראָמט אין צייט־יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער— איין שטראָם, הגם „פושט צורה ולובש צורה", ווי די גמרא רופט עס אָן.

משהס יידישקייט איז ניט גלייך צו אברהמס, רבי עקיבאס יידישקייט איז ווידער אַנדערש פון משהס; בבל איז ווידער אַנדערש און די יידישקייט אין די שטעטלעך איז ווידער אַנדערש. אָבער אַלע מאָל איז עס „הלכה למשה מסיני." איין שטראָם דורך דורות און תקופות. גליקלעך וועט זיין דער ישוב וואָס וועט זוכה זיין מקבל צו זיין דעם „תלמוד־השטעטל" און אים איבערגעבן אין ווייטערדיקן שטראָם פון יידישקייט.

אַלע מאָל זיך געהאַלטן פאַר אַן איינזאַמען, קיין מאָל ניט געגאַנגען מיט קיין מערהייטן, ניט איבערגעחזרט קיין גאַנגבאַרע לאָזונגען; האָב איך ניט געוואַרט אויף קיינע כיבודים. איז פאַר מיר אפשר אויך דער היינטיקער כבוד צו גרויס, אפשר גאָר ניט פאַרדינט, אָבער עס גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז גאָר אין גאַנצן איינזאַם בין איך דאָך ניט. אויב דער אוניווערסיטעט פאַר יידישקייט טיילט מיר צו דעם כבוד, מעג איך אפשר גלייבן, אַז אויך די געלערנטע יידישע וועלט הייבט אָן אָן צו זוכן דעם „ישראל אחד", וואָס עס איז דער ריכטיקער סוף־פסוק פון דעם אוראַלטן „שמע ישראל."

און הגם אַלץ וואָס איך שרייב איז גאָר אַ שמועס מיט מיין אייגענעם געוויסן, דאַנק איך אייך פאַר דעם גרויסן כבוד וואָס איר טוט מיר היינט אָן. איך דערלויב זיך אָבער צוצוגעבן, אַז איך נעם אָן דעם כבוד ניט אויף מיין פריוואַטן חשבון. איך וויל עס איבערגעבן דער אידעע, וואָס איך בין נאָר איר פשוטער דינער. דאָס איז די אידעע פון דער היסטאָרישער און געאָגראַפישער אַחדות האומה — פון



אברהם אָבינו און עד סוף כל הדורות; פון איין עק וועלט און ביז דעם צווייטן— איין לעבעדיקער, וואַקסנדיקער עץ החיים, איין שטראָם פון יידישקייט, איין הלכה למשה, איין שמע ישראל און ביז ישראל אחד.

אין נאָמען פון אָט דער אידעע דאַנק איך אייך האַרציק. זייט געבענטשט.

שמואל סיגל

# לילי בערגערס נייער באַנד דערציילונגען

לילי בערגער איז פאַר די לייענערס פון „חשבון" ניט קיין פנים חדשות. אין משך פון די לעצטע פינף יאָר האָט זי אָפט מאָל פאַרעפנטלעכט אין „חשבון" סיי דערציילונגען און סיי ליטעראַרישע עסייען. אויך האָט פראָפ' ח. מ. ראָטבלאַט ע"ה פאַרעפנטלעכט מיט אַ פאָר יאָר צוריק אַ קריטישע אָפהאַנדלונג וועגן דריי בענד פון אירע שריפטן און אָנגעוויזן אויף איר גאָר גרויסן ביישטייער צו דער עשירות פון דער יידישער ליטעראַטור.

לילי בערגערס ערשטע דריי בענד שריפטן זיינען דערשינען אין פאַרלאַג יידיש בוך אין וואַרשע. איר איצטיק ניי בוך נאָוועלן און דערציילונגען: „אָפגעריסענע צווייגן" איז שוין דערשינען אין פאַריז, ווו איר איז געלונגען צו באַזעצן זיך נאָך דער פינצטערער אַנטיסעמיטישער קאָמוניסטישער גזירה פון גירוש פוילן.

ווער און וואָס זיינען די אָפגעריסענע צווייגן, וועמען לילי בערגער מאָלט מיט אַזאַ קינסטלערישער מייסטערשאַפט אין אָט דעם נייעם בוך אירן?

גענוג וועגן דעם צו ציטירן איר קורצן אַריינפיר צום בוך, ווו זי שרייבט אַז—

„די צונויפגעקליבענע דאָ נאָוועלן און דערציילונגען זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן, עטלעכע מיט איבער אַ צענדליק יאָר צוריק. בלויז פינף פון זיי זיינען מיט געוויסע ענדערונגען געדרוקט געווען אין פוילן. אייניקע זיינען נישט 'דורכגעגאַנגען', אַנדערע זיינען באַלד נישט פאָרגעלייגט געוואָרן צו דרוקן. אַ טייל פון זיי זיינען פאַר די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר געדרוקט געווען אין פעריאָדישע אויסגאַבעס.

„די געבראַכטע דאָ נאָוועלן און דערציילונגען זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשיות'. די טעמע האָט אומאויפהערלעך צירקולירט אין הינטערגרונט פון דאָרטיקן יידישן לעבן; די פערסאָנאַזשן, די סיטואַציעס האָבן געשוועבט פאַר די אויגן.

„די אָפגעקליבענע זאַמלונג, הגם זי איז נישט דורכויס אַ כראָנאָלאָגישע, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן מיטן ציל צו געבן דערוויל כאָטש אַ מינימאַלע פאָרשטעלונג וועגן דעם געמיט־צושטאַנד, דעם שטענדיקן אומרו, דער כסדרדיקער צעריסנקייט און די לעצטע אַנגסטיקע צאַפלעניש פון דער קליינער שארית הפליטה אין פוילן."

איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז לילי בערגער גיט צו עשירות צו דער יידישער ליטעראַטור און דאָס איז דער אמתער אמת. שוין לאַנג נישט אויסגעקומען צו לייענען אויף יידיש נאָוועלן און דערציילונגען, וואָס זאָלן דערגרייכן אַזאַ הויכע ליטעראַרישע מדרגה ווי דאָס דאָזיקע בוך, וואָס די אומגעוויינלעך טאַלאַנטירטע, באמת גאָט־געבענטשטע נאָוועליסטין, לילי בערגער, האָט פאַרעפנטלעכט.

לילי בערגער גייט אויף די דרכים פון די גרויסע קינסטלערס, אויף די וועגן פון די גרויסע מייסטערס פון יידישער און אפילו וועלט־ליטעראַטור. נון, טראַכטן מיר, צו וועמען וואָלט מען זי געקאָנט פאַרגלייכן? און מיין ענטפער איז: אין דער יידישער ליטעראַטור קען זי גינסטיק פאַרגליכן ווערן צו די סאַמע בעסטע שאַפערס פון דער נייער יידישער און העברעישער ליטעראַטור; און אין דער אַלגעמיינער וועלט־ליטעראַטור קען זי ניט ווייניקער גינסטיק פאַרגליכן ווערן צו, לאָמיר זאָגן: אָ. הענרי אין אַמעריקע, געאָרג סאַנד אין פראַנקרייך, דזשאָרדזש עליאָט

אין ענגלאַנד, עליזאַ אָרזשעשקאָ אין פּוילן, און, דוכט מיר, ס'וועט ניט זיין צופיל איבערטריבן צו פאַרגלייכן זי אפילו מיט דעם ריז אַנטאָן טשעכאָוו פון רוסלאַנד.

אַליין אַ יידישער לערער כל ימי, כאַפּ איך זיך צוערשט צו דעם שעפערישן אינסטרומענט, צום לשון, אַזוי צו זאָגן, פונעם שרייבער. און דאָס לשון און דער סטיל ביי לילי בערגער איז כולו יופי. אַ שאָד נאָר וואָס עס איז נישט מעגלעך אין די באַגרענעצטע ראַמען פון „חשבון" צו ציטירן זאַצן גאַנצע, וואָס לייענען זיך ממש ווי תנ"ך־פּסוקים פון תרגום יהואש, בכדי צו באַווייזן, ערשטנס, די שיינקייט פון דער שפּראַך וואָס ביי לילי בערגער, און, צווייטנס, ווי דאָס לשון האָט איר גוט צוגעדינט אַרויסצוברענגען אַזוי מייסטערלעך קינסטלעריש די טיפע מחשבות וואָס זי האָט אין אירע דערציילונגען און נאָוועלן און צוגעגעבן חן און וווּנדערלעכע שיינקייט צו איר אייגנאַרטיקן סטיל.

טראַכטן מיר אַזוי־אָ: ווי אַזוי זאָל מען ריידן וועגן דעם דאָזיקן בוך? צי זאָל מען ריידן אַזוי, אַז דער וואָס וועט לייענען די דאָזיקע שורות זאָל צו זיך זאָגן: צו וואָס דאַרף איך לייענען דאָס בוך, אַז דאָ ווערט איבערגעגעבן מיט אַ סך פּרטים דער אינהאַלט פונעם בוך... ווייס איך דאָך שוין אַלצדינג, טאָ צו וואָס זאָל איך עס לייענען?... אָדער:

צי זאָל מען באַשרייבן אַזוי גאָר, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ מין אינטעלעקטועלע נייגעריקייט, אַז מען זאָל וועלן לייענען דאָס בוך ביזן סוף?

מיין כוונה איז באמת, אַז דער עולם זאָל וועלן, דווקא וועלן, לייענען דאָס בוך „אָפּגעריסענע צווייגן", ווייל ווי עס זאָלן ניט אַרויסקומען די ווערטער וואָס מיר שרייבן דאָ, איז דאָס ניט קיין מן המעשה פון דעם בוך גופא... זייער ווייט דערפון... די דערציילונגען זיינען באמת געשריבן „מיט בלוט און ניט מיט טינט"... וועגן די נעכטנס און אייערנעכטנס פון מיינע און פון אייערע ברידער יידן, וואָס האָבן געלעבט, געשאַפן און געווירקט אין די אַלערליי ג ל ו ת ן, וואָס אונדזערע אבות אבותינו האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון די לאַנגע יאָרן זינט מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות... „דורכגעמאַכט" איז אפשר אַ גרינג וואָרט, וואָס גיט ניט איבער דעם עצם פון די ליידן און די יסורים פון אונדזער פאָלק, וואָס מיר האָבן געליטן אין שפּאַניע בעת דער אינקוויזיציע..

אין שפּאַניע, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער ערשטער דערציילונג פונעם בוך, „קאַלאַהאַראַס אייניקלעך" — דאָ גייט די גרויסע קינסטלערין דורך מיט אונדז דעם ווייטאַג־וועג פון אונדזערע ברידער וואָס מען האָט געברענט אויף די שייטערהויפנס אונטער דער ווילדער שנאת ישראל פון טאָרקוועמאַדאָ, און פון אַנדערע רשעים און פאַרדאַרבער:

„אין דער פינצטערניש פון דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָבן אויפגעשטיגן געמעלן ווייטע, ווייטע און נאָענטע... אין דעם פּנקס פון די קאַלאַהאַראַס, וואָס האָבן געשטאַמט פון שפּאַניע און דאָס סיקען פון די אויטאָ־דאַ־פעס. עס הילכט אין די אויערן דער יאָמער־געשריי פון שמע ישראל, וואָס מישט זיך אויס מיט די קנאַלן פון די אויפגעריסענע בונקערס און פון די דערשטיקטע קרעכצן פון די פאַרשאָטענע . . . "

און אין פּוילן... ווו די פּוילישע קעניגן און פירשטן האָבן זיך געגייטיקט אין דעם רירעוודיקן, דערפינדערישן יידישן איינוואַנדערער...

און דער נאָכשטאַם פון די קאַלאַהאַראַס האָבן ליב באַקומען די ווייסל, און דעם וואַוועל אין קראָקע, די פּוילישע ערד, דעם פּוילישן הימל און דעם פּוילישן וואַלד. איינגעפלאַנצט זיך טיפער אין דער פּוילישער ערד... געשטודירט, געוואָרן באַרימטע דאָקטוירים, רפואות אַליין געמאַכט... און וואָס?... האָט מען געפונען אין קלויסטער — און אפשר האָט מען ניט געפונען? — אַ צעטל מיט לעסטערונגען און אָפּלאַכענישן פון דער „האָסטיע". האָט מען שוין אויכעט געפונען „עדות"... אַז דער יידישער דאָקטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס דאָזיקע צעטל...

און דער יידישער דאָקטער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו שריפה אויף דעם פּוילישן שייטערהויפן... און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען אין די פייער־פלאַמען אין פּיאָטראָקאָוו... ווייל „דער ייד האָט זיך פאַרבונדן מיטן טייוול"...

און וואָס די קאַלאַהאַראַס האָבן דורכגעמאַכט אין אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק? און אַזוי גייט עס כסדר.. ווי אין די דערציילונגען: „ווי פּנימער קאָנען אָפּנאַרן", ווי מען האָט זיך געדאַרפט פאַרבאַהאַלטן שוין אונטער דער „באַפרייטער" פּוילישער ממשלה, און „אויף קבר אָבות", „דאָס חנוכה לעמפּל", „גאָלד־זוכער", „צעשטערטער שלום בית", און אין די ווייטערדיקע דערציילונגען וואָס גייען אונטער דער סעריע „היינטצייטיקע מאַראַנען", וואָס גיבן אַ בילד פון דעם ווי און צער. ווי אונדזערע ברידער, וואָס האָבן זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן אונטער גויעשע נעמען כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען — שוין איצטער, אין דעם „דעמאָקראַטישן" פּוילן ..

און דווקא אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געהאַט די בעסטע פּאַטריאָטישע כוונות זיך איינצולעבן בלב ונפש, מיט האַרץ און מיט נשמה אין דער פּוילישער לאַנדשאַפט און מאַכן פון פּוילן אַ היים, אַ פּה־לין, וואָס דער טייטש דערפון איז: דאָס זאָלסטו זיך אויפהאַלטן... דאָס זאָלסטו פאַרברענגען דיינע טעג און נעכט ..

לילי בערגערס „אָפּגעריסענע צווייגן" איז איינע פון אונדזערע היסטאָרישע „איכה'ס", וואָס וועלן אַריינגיין אין דעם ספר פון צער־און צאָרן־טעג פון אונדזער פאָלק און וועט פאַרבלייבן מיט אונדז אויפן מאָרגן און אויפן איבערמאָרגן פון אונדזער געשיכטע.



# ברכה קודליס ניי בוך לידער

**ברכה קודלי: „ניט אויף ברויט אַליין" לידער, פאַרלאַג „המנורה", תל אביב, 1971.**

שבת אָוונט, דעם 3טן אַפּריל, האָט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב דורכגעפירט אַ פייערונג לכבוד דער דערשיינונג פון ברכה קודליס ניי בוך לידער — „ניט אויף ברויט אַליין."

בעת דער פייערונג האָט ד"ר אברהם זיגלבוים פאָרגעלייענט אַ צאָל לידער פון דער דיכטערין און ס. נוטקעוויטש האָט געגעבן אַ גענויע אָפּשאַצונג פון דעם בוך און אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער ברכה קודלי ווי אַ דיכטערין.

מיר נעמען דאָ אַרויס אייניקע עיקרדיקע געדאַנקען פון ס. נוטקעוויטשעס רעדע:

ב. קודליס פריערדיקע ביכער: „אונזאָרן", דערשינען אין 1931, און „מדבר און מאַראַנצן" (1946) האָבן מיט בונטע בילדער געשילדערט די נאַטור, מענטשן, מוזיק און דאָס ספּעציפישע יידישע אין זיי.

ברענגענדיק דאָס ביאָגראַפישע אין ברכה קודלי האָט פריינד נוטקעוויטש אַרויסגעברענגט דעם שטופנווייזן וווּקס פון דעם יינגן מיידל פון אוקראַאינע ביז צו דער רייפער פרוי — דיכטערין פון דער גרויסער שטאָט לאָס אַנגעלעס.

אַ געוואַלדיקע ליבשאַפט ווייזט אַרויס די דיכטערין צו דער שיינקייט פון קאַליפאָרניע; די מאַראַנצן־גערטענער, הויכע בערג און טאָלן, שטורעמדיקע טייכן און וואַסער־פאַלן, ים און מדבר.

און ווי גרויס־שטאָטיש די דיכטערין זאָל נישט זיין, באַגלייטן איר שטענדיק די מאַמעס בענטש־לייכטער פון דער אַלטער היים. זי פאַראייביקט אין אירע לידער די „פרומע מאַמעס וואָס בענטשן ליכט" און זי קען נישט פאַרגעסן „ווי די מאַמע פליסטערט תפילה שטילערהייט, איך זע כמעט דעם רויש פון איר קלייד, אירע טרערן, וואָס זי האָט אַריינגעוויינט אין די מעשענע רערן — און עפּעס נאָך, און עפּעס נאָך..."

די שילדערונגען פון ברכה קודלי זיינען באַהויכט מיט אַ טיף פּאָעטישן גייסט. דער ריטם איז אַזוי ווי פון אַ טאַנץ, דער טעם זייערער, ווי פון אַ געזונגענעם ליד.

„ניט אויף ברויט אַליין" האָט לידער

מיט אַ טיף, ממש רעליגיעזן, שטילן עקסטאַז און ליבע. אַ יעדעס בלעטל פון בוך איז מיט ליבשאַפט און וועגן ליבשאַפט.

„פאַרטיף דיין געמיט אינעם כישוף—
די אַלערליי טעמים פאַרטרויט —
וועסטו דערשפירן ניט נאָר די וואָך—
ווי ברויט לשם ברויט—
נאָר עפּעס נאָך.

און עס ווערט גוט אויפן האַרצן ווען בו כה קודלי זינגט צו אייך, אַז בישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש, און פריינד ס. בוטקעוויטש האָט דערביי זייער געלויבט דעם אַנטוויקלונגס וועג פון ברכה קודלי— די יידישע דיכטערין פון קאַליפאָרניע.

* * * * *

## אַ ניי בוך פון אַ נייעם מחבר

**זכרונות פון אַ פּראַקטישן בעל חלומות**
פון שמואל בער לייקין (דעטראָיט)
פאַרלאַג די ברידער שולזינגער,
ניו־יאָרק.

ס'איז אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך, אַ מין „האַריישאַ אַלדזשיר" געשיכטע, ווו ש. ב. לייקין באַשרייבט זיין פּריוואַט לעבן און דערציילט פּרטים וועגן זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דאָס בוך איז באַגלייט מיט אַ הקדמה פון משה שטאַרקמאַן, ווו ער שרייבט, צווישן אַנדערן, אַז דאָס בוך איז אַ וואָגיקער בייטראָג צו דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור. צווישן זיינע מעלות דאַרף פאַררעכנט ווערן וואָס די מעמואַרן נעמען אַרום די גורלדיקע תקופות פון יידן אין אַמעריקע און אויך אַ סך ווינקלען וואָס אין רוב מעמואַרן זיינען זיי ניטאָ.

פון באַזונדערן אינטערעס איז דאָס קאַפּיטל וועגן דעם פּרווו צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער אין דעטראָיט אין 1940. דער גראַנדיעזער פּלאַן און פאַרנעם האָט אין יענער צייט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון דיסקוסיעס און באַשולדיקונגען.

דער פּראָיעקט האָט אָבער געליטן דעם זעלבן גורל וואָס עס האָבן געליטן אַ סך אַנדערע גוטע פּראָיעקטן...

*Seasons Greetings*

HILL MART

**7600 So. Sepulveda Blvd.**

LOS ANGELES 90045

A SUPER MARKET FOR THE DISCRIMINATING



# אונדזערע אבידות

## אליהו טענענהאָלץ ע"ה

גערופן האָט מען אים „עליע", ניט אליהו, און ער אַליין, ווען ער האָט שוין געמוזט אַסימילירן, פאַרגויישן זיין נאָמען, האָט ער אויך געמאַכט גאָר אַ קליינע אָפּעראַציע. ער האָט זיין פאַמיליע־נאָמען געבראָכן אויף צוויי טיילן, און עס איז אַרויסגעקומען טענען־האָלץ. הגם אויסערלעך גלייך, שטאַרק, פעסט, אַראָגאַנטיש, חוצפּהדיק, שרייעריש, איז ער געווען אַ צעבראָכענער מענטש. ער איז תמיד געשטאַנען אויף צוויי שוועלן: אַ בעל־מלאכה און אַ קינסטלער, אַ שרייבער און אַן אַקטיאָר, אַ פאַרלעזער און אַ רעזשיסער, אַ קהל־מענטש, אַ מעורב בין הבריות און אַן אָפּגעטיילטער, ווי ער וואָלט געשטאַנען העכער פון זיין מסיבה. מען האָט אים טייל מאָל גערופן „דער בייזער ייד" צוליב זיינע הויכע טענער, וואָס ער פלעגט נעמען און ניט־פאַרזיכטיקע אויסדרוקן. אָבער באמת איז ער געווען זייער ווייט דערפון. ער איז געווען אַן איבערגעוואַקסן גרויס קינד, אָבער ביי אַ קינד נעמט מען פאַר ליב אָט די אַלע קאַפּריזן ווי חנדלעך, און ביי אים, סיי ווען ער איז נאָך געווען פול מיט יוגנטלעכן פייער, ווען ער האָט זיינע ערשטע טריט געשטעלט אין דער יידישער קונסטוועלט און סיי אַ סך שפּעטער, ווען עס האָבן שוין בלויז זיך געצונדן האַלעוועשקעס פון יענעם גרויסן פייער, האָט מען עס ניט געוואָלט פאַרליידן און געהאַט טענות צו אים. אָבער ווער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, אַז זיין כעס און טענות אין אַזעלכע צעפלאַקערטע מאָמענטן האָבן אים געקאָסט מער געזונט און האַרץ ווי די וועלכע האָבן זיך געפונען באַוואוסט ?

ער האָט געהאַט דריי היימען. די ערשטע איז געווען דאָס קליינע שטעטל אין וואָלין (אַזיראַן), פון וואַנען ער האָט פּאַקטיש אַ לעבן־לאַנג געצויגן זיין יניקה, און הגם קערפּערלעך איז ער געווען שוין אַזוי ווייט פון דאָרט, איז ער נשמהדיק פאַרבליבן דאָרט ביזן לעצטן טאָג, און דאָס איז געווען דער שליסל צו זיין אַזוי באַטעמט פאַרלייענען און אַריינלעבן זיך אין די טיפן פון שלום־עליכמען.

זיין צווייטע היים איז געווען און פאַרבליבן (פאַר זיין טויטן גוף—די אייביקע היים) ניו־יאָרק. דאָ האָט זיך, ווי ביי אַ גרויסע צאָל אַנדערע יוגנטלעכע אימיגראַנטן, אָנגעצונדן ביי אים די תאווה (יאָ, ניט נאָר טאַלאַנט) צו יידיש קולטור־לעבן.

אין די הונדערטער האָבן זיי, די שאַפאַרבעטער, זיך דעמאָלט געפּרווט אויפן געביט פון שרייבן אָדער שפּילן טעאַטער. גאָר ווייניק פון זיי האָבן געהאַט מוט און געדולד אויסצוכאָוועז זייער געבוירענעם טאַלאַנט דערצו. און צווישן זיי איז אליהו טענענהאָלץ געווען דער, וואָס האָט פון שאַפּ די אָוונטן געצונדן דאָס פייער פאַר יידישער קונסט, צי מיט שרייבן אַ הומאָריסטיש מעשהלע, אַ קיבעץ, אַ סאַטיריש שטיקל, אָדער דורך דעקלאַרירן די לידער פון די אויפגייענדיקע יידישע פּאָעטן אָדער דורך שפּילן אין די ליטעראַרישע אייַנאַקטערס. ער האָט זיין רבין, יואל ענטינען, פאַרהערלעכט אפילו נאָך דעמאָלט ווען ער איז שוין געוואָרן אַן אַנערקענטער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, אפילו דעמאָלט ווען ער האָט פאַרנומען אַ לייטישע פּאָזיציע אין ענגלישן פילם. ער האָט אָפּגעשאַצט מיט אַזאַ דרך ארץ זיין רבין, ווייל ער האָט אין אים געזען פון איין זייט דעם טעאַטראַל, פון דער אַנדערער זייט—דעם אָפּהיטער פון מחברס וואָרט, און אין דעם וועג איז ער, עליע, געגאַנגען זיין גאַנץ לעבן.

די דריטע היים זיינע איז געווען קאַליפאָרניע. פריער ביים שטומען, דערנאָך ביים ריידנדן פילם, און וואָס האָט נאָך געקאָנט זיין טעאַטראַלישער ווי די הינער־

שטייגן אין מאנראוויא, ווען עליע איז געווארן א מין טוביה דער מילכיקער בזעיר אנפין און האט דארט אויסגעקלעפט די אפישן פון יידישן טעאטער און גערעדט צו די הינער אויף יידיש.

הגם פינאנציעל האט עליע דווקא געדארפט ווארט האלטן אין זיין זיכרון זיין ענגלישן פעריאד, איז אבער דעם וואלינער יידן געבליבן הייליק איינגעקריצט אין זיכרון זיין ליבע צו מאמע־לשון. יידיש איז געווען ביי אים ניט קיין פראזע, נאר זיין פראזע, זיין פאעזיע, און עס איז דעריבער פארשטענדלעך, וואס ער האט טראץ דעם ביטול מיט וועלכן עס האט זיך מיט פערציק יאר צוריק אנגעגענט זיין פלאן פון גרינדן א יידישן קולטור־קלוב ווו יידיש זאל זיין די שפראך פון די לעקציעס, קאנצערטן און פייערונגען — זיך ניט אפגעשטעלט און געשאפן דעם „יידישן קולטור קלוב", ווו ער האט מיטן טיטול אדער אן טיטול פון פארזיצער, געדינט אזוי פיל יארן אלס פירער פון די שבת־צונאכטן און אלס באטייליקטער אין די פראגראמען, און קיין זאך, ניט זיינע יוגנט־יארן אין די ליבהאבער־קרייזן, ניט זיין פארבינדונג מיטן יידישן קונסט־טעאטער, ניט דער ענגלישער טעאטער און פילם פעריאד, האט אים ניט פארשאפט אזוי פיל פרייד, ווי דער פאקט, אז דער „קולטור־קלוב", דער „אבן מאסו הבונים", איז געווארן א „ראש פנה", א שיינדל אין דער אלגעמיינער יידישער קולטור־וועלט.

אין 1955 האט א קאמיטעט אין לאס אנדזשעלעס ארגאניזירט עליעס א יובליי און ארויסגעגעבן, פאקטיש אונטער מיין רעדאקציע, א גרויס בוך און מיר איז דארט אויסגעקומען צו שרייבן עליעס ביאגראפיע, פארענדיק איך מיט א מעשה, ווי נאך דעם ווי ער האט מיר איבערגעגעבן די נייטיקע פאקטן, איז ער געבליבן זיצן שטיל און פארטראכט. ווען איך האב אים געפרעגט פארוואס ער האט זיך אזוי פארטראכט, האט ער מיר דערציילט, אז נאך דעם ווי דאס „יידישע קונסט־טעאטער" האט געשפילט עטלעכע סעזאנען, איז צו אים געקומען איינער פון די עלטסטע אקטיארן, דער גאלדפאדען־אקטיאר לייזער צוקערמאן, און מיט געוויין געזאגט: „איך ווייסט, איצט קאן איך שוין שטארבן. א גאנץ לעבן האב איך געשפילט באלאגאן, און איך האב מיר געטראכט, צוליב וואס האב איך אין גאנצן געלעבט? וואס האב איך אויפגעטאן? אבער איצט, אז איך האב געזען ווי אזוי איר שפילט און וואס איר שפילט, האלט איך, אז איך האב ניט געלעבט אומזיסט, און איצט מעג איך רואיק שטארבן."

ווען איך האב געפרעגט עליען אקעגן וואס דערציילט ער מיר אט דעם עפיזאד, האט ער זיך צעוויינט ווי א קליין קינד און געזאגט: „מיר איז דאך ערגער ווי דעם אלטן צוקערמאן. ער האט אונדז כאטש איבערגעלאזט. ער האט געפילט, אז ער האט געלעבט פאר עפעס. אבער איך? פארוואס האב איך געארבעט? וואס האבן מיך דערגרייכט מיט אונדזער יידיש טעאטער?" איך האב אים גענומען טרייסטן, אז ער האט זיין חלק געטאן. ער האט זיין ביישטייער געגעבן, און אויב די יידישע בינע אין אמעריקע האט געהאט א פיינעם, ריינעם, קינסטלערישן פעריאד, האט ער געהאט אין דעם א גרויסן חלק און דאס דארף זיין פאר אים א טרייסט און א בארואיקונג.

און איצט וויל איך נאך צוגעבן, אז זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אויפן יידישן קולטור־געביט איז נאך א דימענטל אין זיין קרוין.

**זלמן זילבערצוויי**



# בערל סאט (ס"ת) ע"ה

בערל סאט איז געווען א גאר קאלירפולע פערזענלעכקייט פון אונדזער צייט איינער פון די לעצטע פון יענעם דור גאנצע פולע יידן; א קינסטלער, וואס האט מיט זיין גאנצן וועזן אין זיך פארקערפערט אונדזער אלטע און נייע יידישקייט. ער איז געווען אן איש האשכולות — איינשליסנדיק אין זיך אלץ וואס איז שיין און שעפעריש אין יידישן לעבן, און אויך אלץ וואס ער האט איינגעזאפט אין זיך אין זיינע קינדער־יארן פון דעם יידישן שטעטל און דער יידישער סביבה.

בערל סאט האט באוויזן ביי זיין לעבן עפעס אזוינס, וואס ווייניק קינסטלער פון זיין זשאנער זיינען זוכה: זיך איינצוקריצן אין אונדזערע אלעמענס הערצער און אין דער אייביקייט — מיט זיין גאלעריע פון האלץ־שניצעריי און קונסט־ארבעט.

ער האט זיין גאנץ לעבן געווידמעט זיין קונסט פון אויסשניצן יידישע פיגורן; טיפן פון זיין אמאליקן היימישן שטעטל וועלכע ער האט איינגעהאלטן אין זיין זיכרון. ער האט אויף אזא אופן אויפגעשטעלט א מאנומענט לדור־דורות.

בערל סאט איז געווען אין גאנצן קינסטלער. איך דערמאן זיך מיט נאסטאלגיע אונדזערע צענדליקע באגעגענישן און ווען מיר פלעגן פירן געסט פון אויסערן שטאט אנצוקוקן זיין קונסט־ארבעט. די שטילע פרייד און בנעימותדיקייט מיט וועלכער ער פלעגט אזוי פארזיכטיק אפוויקלען די פיגורן, וועלכע ער האט אזוי שטארק אפגעהיט און שטענדיק איינגעוויקלען זיי אין שטיקער געוועבן. מיר פלעגן אים וועלן העלפן, ער האט אבער קיינעם ניט געלאזט זיך צורירן צו זיי. אזוי גרויס איז געווען זיין ליבשאפט צו די פיגורן וואס ער האט געשאפן.

איך דערמאן זיך אויך מיט א סך בענקעניש די פעריאדן ווען מיר האבן פראיעקטירט די קונסט־אלבומען. אלץ האט געמוזט זיין פערפעקציע: דאס פאפיר, דאס דרוק, ניט מוותר געווען אפילו אויף קלייניקייטן. דעמאלסט פלעגן ער און זיין ליבע פרוי טערעזא ע"ה, וואס איז באמת געווען אן עזר כנגדו, אין אינטימע שמועסן דערציילן פון זייערע ערשטע יארן.

בערלס טאלאנט צו צייכענען האט זיך אנטפלעקט גאנץ יונג. ער איז קיין מאל ניט געגאנגען אין קיין שול זיך לערנען קונסט. ער איז געווען באגאבט מיט נאטירלעכער נייגונג צו דעם. צוערשט האט זיך דאס אויסגעדריקט אין מאלעריי, צייכענונג פון בלומען, מאנאגראמען און ד"ג. אגב, און דאס איז אפשר ווייניק באקאנט, בערל סאט האט אויך געמאלן גאר פיינע לאנדשאפטן. ער האט געהאט א וואונדערלעך אויג.

אין זיין האלץ־שניצעריי האט ער זיך אין גאנצן געווידמעט צו די יידישע טיפן פון זיין שטעטל. באזונדערס האט ער דורך זיין קונסט־ארבעט געוואלט איבערגעבן די הויכע עטיק, מאראל, און יידישלעכן אייגנארט פון יענעם לעבן: א מין נייע אויפלאגע פון פרצעס „דריי מתנות."

א ביישפיל: „דער סופר". אגב, עס דערציילט זיין טאכטער דאראטי, אין איר הקדמה צום אלבום, אז בערל האט געשטאמט פון א משפחה פון עטלעכע דורות סופרים און אז דער נאמען סאט נעמט זיך פון די ראשי־תיבות ס"ת — ספר תורה.

פאראן נאך ביישפילן: די פיגורן „שכר לימוד", „צדקה פאר ארעמע לייט", „דער וואסער־טרעגער", „מאיר בעל הנס' פושקע" — אנצורופן בלויז עטלעכע פון די קנאפע פופציק פון זיינע שניצערייען.

ווען ער פלעגט דערציילן, אויפקלערן דעם באטייט פון די פיגורן, פלעגן מיר זיך צוהערן און קוקן און אין אונדז פלעגט אויפגיין א שטילער געזאנג. די פיגורן פלעגן ריידן צו אונדז. ס'איז ניט געווען קיין טרוקענער האלץ. בערל האט אין זיי אריינגעאטעמט א רוח חיים.

בערל האט ניט געוואלט פארקויפן זיינע פיגורן איינציקווייז. הגם ס'זיינען געווען גאר א סך בעלנים פאר דעם, און אים, בערלען, וואלט דאס געלט שטארק צונוץ געקומען. ער האט געוואלט זיי זאלן בלייבן אלע צוזאמען ווי א משפחה. נאכן גרויסן חורבן און אומקום פון דער שטעטל, ווען

ביי אַמעריקאַנער יידן איז באַסטאַלגיש אויפגעקומען דער שטעטל־קולט, איז ווי ס'וואָלט געווען באַשטימט פון גורל, אַז בערל סאַטס קאָלעקציע, וואָס ער האָט טאַקע אָנגערופן „דאָס שטעטל“, זאָל ווערן אַ מאָנומענט און פאַראייביקונג פון יענעם יידישן שטייגער לעבן.

אין יידישע שולן איבער דער גאָרער וועלט לערנט מען קינדער וועגן שטעטל מיט דער הילף פון פאָטאָגראַפיעס פון סאַטס אַלבום. „איך האָב זיי געזען אין מעקסיקאָ אין דער י. ל. פרץ שול. מ'האָט מיר דערציילט פון אַרגענטינע, אַז מ'נוצט סאַטס רעפּראָדוקציעס אין דער דאָרטיקער ש"ע שול. איך האָב זיי געזען אין די יידישע שולן אין ישראל און אויך דאָ ביי אונדז אין אַ"ר שול זיינען זיי צעהאָנגען אויף דער וואַנט אין קלאַס־צימער. בערל אַליין האָט אונדז געגעבן די בילדער און שפּעטער געקומען זען די דעקאָרירטע ווענט.

סאַטס וואונטש איז מקוים געוואָרן, כאָטש נאָך אַ סך האַרצווייטאָג, מאַטערניש און עגמת נפש.

די שייפער פונדאַציע פון דעטראָיט, דורך דער פאַרמיטלונג פון יצחק וויינראַט, האָט אָפּגעקויפט די קאָלעקציע. מיט דער הילף פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָבן זיי געמאַכט אויסשטעלונגען פון די פיגורן אין אַ סך יידישע צענטערס אין אַמעריקע און אייראָפּע, ווו טויזנטער האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוואונדערן סאַטס קונסט־אַרבעט. איצט איז די גאַנצע אויסשטעלונג אין אַ באַזונדערן צימער אין עטנאָלאָגישן מוזיי אין תל־אביב.

מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק האָב איך אים געבראַכט אַ גרוס פון דער קאָלעקציע און ווי ס'קומען אַהין אויטאָבוסן מיט שולקינדער אויף אויספלוגן, כדי צו לערנען וועגן שטעטל.

בערל סאַטס איז געווען אַ גייסטרייך לעבן. ער האָט דערגרייכט אַ טיפן עלטער און האָט געהאַט די באַפרידיקונג אַז מ'האָט אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע קונסט און קולטור פאַרדינסטן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה.

זאָל דאָס זיין אַ טרייסט צו זיין געטרייער טאָכטער, דאָראָטי, און צו דער גאַנצער משפחה און פאַר אונדז אַלעמען. כבוד זיין אָנדענק.

**אַלעקס ראַבין**

---

# טרערן איבער קברים פון נאָענטע פריינד

## שלמה טוזמאַן ע"ה

אין נאָמען פון דער רעדאַקציע פון „חשבון“ און דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב דריק איך אויס אונדזער אַלעמענס טיפן צער און מיטגעפיל צו דער דיכטערין מלכה חפץ טוזמאַן און צו אירע זין אויף דעם טויט פון איר מאַן און זייער פאָטער

**שלמה טוזמאַן ע"ה.**

שלמה טוזמאַן, הגם פּראָפעסיאָנעל ניט קיין שרייבער, איז געווען אַ מלומד, אַ תלמיד חכם, אַ פּעדאַגאָג און אַ בעל מנגן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע אין דעם שטעטל נאַראָדיטש, וואָלינער גובערניע, אין יאָר 1892. ער שטאַמט פון אַ דור לומדים, רבנים און חזנים. זיין פאָטער, הרב ר' אברהם, איז גלייכציטיק אויך געווען דער חזן פון דער זעלביקער שטעטל.

שלמה טוזמאַן האָט זיין דערציונג געקראָגן, ווי געוויינטלעך, אין חדרים און ישיבות, אָבער ער האָט אויך געקראָגן אַ וועלטלעכע דערציונג. אין רוסיש און איז געווען געניט באַהאַוונט אין דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור. אָבער אַחוץ דעם האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע מוזיקאַלישע פעיקייטן, האָט ניט נאָר פאַרמאָגט אַ וואונדערלעכע שטימע נאָר האָט זיך אויך פיל אָפּגעגעבן צו דער שטודיע פון מוזיק.

אין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין 1913 און האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט מלכה חפץ, וועלכע איז פון דענסטמאָל אָן געוואָרן זיין לעבנס־באַגלייטערין.

באַלד נאָך זייער חתונה האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק זיך אַריבערגעצויגן קיין מילוואָקי, וויסק., ווו שלמה איז געוואָרן דער לערער און אויך מנהל פון די דאָרטיקע העברעישע שולן און אין משך פון צוועלף יאָר איז ער אויך געווען דער חזן פון דעם דאָרטיקן טעמפּל בית־אל.

שפּעטער האָבן די טוזמאַנס זיך באַזעצט אין לאָס אַנגעלעס, ווו שלמה איז צוערשט געוואָרן דער מנהל פון דער יידישער פאָלקשול אויף סאָטאָ גאַס און דערנאָך איז ער געוואָרן אַ לערער אין די היגע העברעישע שולן און דער נשיא פון דער אָרגאַניזאַציע פון העברעישע לערערס דאָ אין שטאָט.

אין 1960‑1961 האָבן די טוזמאַנס אַ לענגערע צייט געוווינט אין מדינת ישראל. ביידע, מיין פרוי און איך, האָבן אין יענער צייט אויך באַזוכט די יידישע מדינה, און ווען מיר האָבן זיי דאָרט דענסטמאָל געטראָפן, איז גאָר שווער געווען זיך פאָרשטעלן אַ גליקלעכערן מענטש ווי שלמה איז דאָרט געווען. ער האָט געטענהט: „וואָס טו איך דאָ? מיין היים דאַרף זיין אין ישראל! קיין בעסערע היים קען איך זיך אין ערגעץ ניט פאָרשטעלן!“

און לעצטנס האָבן טאַקע שלמה מיט מלכהן זייער ערנסט געטראַכט עולה צו זיין קיין ישראל און דאָרט צו באַזעצן זיך.

צו אונדזער אַלעמענס טיפן צער איז עס אים אָבער ניט באַשערט געוואָרן.

מיר אַלע ערן זיין אָנדענק! תנצב"ה.

---

## מרים מעלצער ע"ה

איינציקווייז און כסדר פאַרלאָזן זיי אונדז, גייען אַוועק אין דער אייביקייט און מיר דאָ הי, אויף דער אָרעמער בידנער ערד, ווערן אַלץ עלנטער און עלנטער.

און אָט האָט די ליבע, טייערע, גוטע פרוי און באַגאַבטע דיכטערין, מרים מעלצער, זיך שוין אויך אָפּגעשיידט פון אונדז. זי איז אַוועק זיך צו פאַראייניקן מיט אירע דריי טעכטער, וועלכע זיינען נאָך פריער אַוועק אין דער אייביקייט.

און איבערגעלאָזט האָט זי דאָ אין טיפן צער איר באמת וואונדערלעכן מאַן, שרייבער, פּעדאַגאָג און איבערגעגעבענעם עסקן בצרכי ציבור און, באַזונדערס, פאַר מדינת ישראל, לייזער מעלצער, וואָס גאָט זאָל אים שענקען נאָך אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן.

און אין טיפן צער האָט מרים מעלצער אויך איבערגעלאָזט אירע אַנדערע צוויי טעכטער און צוויי זין.

און מיר אַלע, די פילצאָליקע פריינד פון די מעלצערס, די רעדאַקציע און מיטאַרבעטערס פון „חשבון“, די מיטגלידער פון פאַרבאַנד, אַרבעטער רינג, קולטור קלוב, און נאָך און נאָך, טיילן מיט זייער טיפן צער און דריקן אויס צו זיי אַלעמען אונדזער מיטגעפיל אין זייער אבלות.

מרים מעלצער האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט צו אַלערליי יידיש־נאַציאָנאַלע טעטיקייטן. זי איז געווען זייער טעטיק אין די פאָלקשולן פון פאַרבאַנד און אַרב. רינג, געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די פאַרשיידענע טעטיקייטן פון די פיאָנערן פרויען און אויך הדסה, און זי, צוזאַמען מיט איר מאַן, לייזער מעלצער, האָבן געגרינדעט אין ישראל אַ בית־מלצר, אַ קינדער־היים פאַר יתומים, אין אָנדענק פון זייערע פאַרשטאָרבענע דריי טעכטער.

מרים מעלצער, ווי געזאָגט, איז געווען אַ באַגאַבטע דיכטערין. אין ישראל זיינען דערשינען אירע צוויי בענד לידער, וואָס זייער גאַנצן איינקונפט האָט זי אָפּגעגעבן פאַר אַ פאָנד פאַר יידישע שרייבערס אין ישראל, זיי העלפן אַרויסצוגעבן זייערע ביכער.

דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ צו געבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם פּאָעטישן ווערט פון אירע לידער. כדאי אָבער צו ציטירן, וואָס וועגן אירע לידער האָט געשריבן רחל ינאית בן־צבי, די פרוי פון צווייטן נשיא פון מדינת ישראל:

„מרים מעלצער—  
אונדזער דיכטערין־משוררת,  
וואָס זינגט אַזוי שיין אין מאַמע־לשון,  
וואָס קלינגט אין אייערע אויערן  
ווי פסוקים פון תנ"ך.“

זאָל די נשמה פון מרים מעלצער איינגעזעסן ווערן אין ליכטיקן גן־עדן, אָמן!

## מאָי זאָלאָטאַראָוו ע״ה

מאָי זאָלאָטאַראָוו איז באַזונדערס געווען אָנגעזען ווי אַ מאָלער פון טעאַטער־דעקאָראַציעס. ער איז מיט טעאַטער געווען זייער אויסגעבונדן און צו 19 יאָר האָט ער שוין געמאָלן דעקאָראַציעס פאַרן קליין רוסישן טעאַטער אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1913 און האָט זיך געלערנט קונסט־מאָלעריי אין די אַקאַדעמיעס אַרט סטודענט ליג און קופּער יוניאָן שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אַ צייט געווען אין פּאַריז און האָט שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע קאָלאַראָס. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער זיך ווידער פאַרבונדן מיט טעאַטער מאַלערייען, און דאָס מאָל מיטן יידישן טעאַטער, צווישן זיי: ווילנער טרופּע, אַרטעף א״אַ.

גענויע אָפּהאַנדלונגען וועגן מאָי זאָלאָטאַראָוואון זיינע מאָלערייען פון טעאַטער דעקאָראַציעס זיינען פאַרשריבן אין סאָל ליפּצינס בוך אין ענגליש — יידיש טעאַטער אין אַמעריקע און אין ז. זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער.

מאָי זאָלאָטאַראָוו איז אָבער געווען ניט נאָר אַ מאָלער פון טעאַטער־דעקאָראַציעס, ער איז געווען אַ קינסטלערישער מאלער בכלל און האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט בילדער פון יידישע טיפּן אונטער דער ווירקונג פון די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקערס — מענדעלע, י.ל. פּרץ און שלום עליכם.

זיינע בילדער זיינען פיל מאָל אויסגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשיידענע גאַלערייעס אין ניו־יאָרק, לאָס אַנגעלעס און אַנדערע שטעט און די קריטיק האָט זיך וועגן אים אָפּגערופן ווי וועגן אַ גאָר באַדייטנדיקן קינסטלער, וואָס איז אַן אייגנאַרטיקער מאלער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער השפעה פון אַנדערע מאלערס.

אין זיינע מאלערייען פילט זיך דער עכט־יידישער אויפברויז פון אַמאָליקן שטעטל, דער טרויער, דער פאָלקסטימלעכער חן אין דער שפּילעוודיקייט פון די געשטאַלטן און סצענעס פון די דערציילונגען פון אונדזערע פריער־דערמאָנטע דריי יידישע קלאַסיקערס: מענדעלע, פּרץ און שלום ליכם.

זאָלאָטאַראָווס אַלמנה, רידוע, האָט זיך לעצטנס געווענדעט צו דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט צו העלפן איר אַרויסגעבן אַן אַלבאָם פון איר מאַנס בילדער. מיר האָפן אַז איר אַפּיל וועט ניט זיין אַ קול קורא במדבר.

## משה ווייסמאַן ע״ה

משה ווייסמאַן איז געווען איינער פון די יידישע שרייבערס, וואָס האָט אַ סך מאָל מיטגעאַרבעט אין „חשבון“ און איז געווען אָנגעזען אין דעם היגן יידישן קולטור־לעבן.

ער שטאַמט פון ווייס־רוסלאַנד און קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין 1913 און אין לאָס אַנגעלעס האָט ער זיך באַזעצט אין 1922.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג און האָט געדרוקט זיינע אַרטיקלען, דערציילונגען און מעשהלעך — אַחוץ אין „חשבון“ — אויך אין אַלערליי אַנדערע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. צווישן זיי: די צוקונפט, פרייע אַרבעטער שטימע, קינדערזשורנאַל, יידישע שפּראַך, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, קאַליפ. יידישע שטימע אא״וו.

ער איז געווען דער מחבר פון צוויי ביכער: א)פון בריסק ביז סעמיאַטיטש, און ב) פון נעכטן ביז היינט — אַ בוך זכרונות וועגן דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1905, וועגן דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג און די מענטשן וואָס האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאַס אין יענע צייטן. אין דעם בוך זיינען אויך אַריין טיילן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן און עטלעכע פון זיינע אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבערס.

גינסטיקע רעצענזיעס וועגן זיינע שאַפונגען האָבן געשריבן: ג. אַראָנסאָן אין צוקונפט, ד. ניימאַרק אין פאָרווערטס און א. חייט אין ביאַליסטאָקער שטימע.

משה ווייסמאַן איז געבוירן געוואָרן אין ווייס־רוסלאַנד אין אויגוסט 1985 און איז נפטר געוואָרן אין לאָס אַנגעלעס אין עלטער פון 85 יאָר.
כבוד זיין אָנדענק!

ז. בונין



תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

יהודה וואָלפסאָן

# ראש השנה אין דער יידישער טראַדיציע

בעצם האָבן זיך די ימים נוראים אָנגעהייבן אַ מאָל, אין איצט שוין פאַרשניטענעם שטעטל, בעת די „דריי וואָכן.“ דאָס לערנען דעם מדרש איכה־רבתי אין די חדרים, ווו די ליידן פון די יידן ווערן געשילדערט, האָט אַריינגעבראַכט אַן אומעטיקע שטילקייט אין שטעטל. די יונגע תלמידים, וועלכע האָבן געלערנט פונעם חורבן, האָבן זיך ניט געלאָזן ווילגיין און האָבן ווייניקער געשטיפט. דער אומעט און צער האָבן זיך געפילט אין דער לופט. נאָך תשעה באב האָט אַריינגעשיינט אַ שטראַל ליכט מיטן אָנקומען פון שבת נחמו. דאָס האָט געדויערט ביז ראש־חודש אלול. דער גאַנצער חודש אלול איז געווען אַ מין הכנה פאַר די ימים נוראים. מ׳האָט געבלאָזן שופר ביים דאַווענען און מ׳האָט תפילה געטאָן בדחילו ורחימו.

אַרום אַ וואָך פאַר ראש השנה האָבן זיך אָנגעהייבן די סליחות־טעג. אַ פּאָר שעה נאָך האַלבער נאַכט פלעגט זיך דערהערן אַ קלאַפּ אין פענצטער מיט אַן אויסרוף: „שטייט אויף צו סליחות!“ יידן אין די היימען האָבן זיך אויף גיך אָנגעטאָן און זיינען אַוועק אין שול. גייענדיק דורך כמעט פינצטערע, ניט באַלויכטענע גאַסן, האָט מען געקענט זען דורך די פענצטער, אין די שטיבער, ווי ס׳באַוועגן זיך סילועטן, שאָטנס פון מענטשן. מ׳האָט זיך געאיילט אַרויסצוגיין פון הויז אין שול אַריין.

נאָך איידער מען איז אַריין אין שול, האָבן זיך געהערט פון דאָרט שטימען. זיי האָבן זיך צעטראָגן איבערן חלל פון גאַס. די שטימען האָבן וויברירט, האָבן געציטערט, געוויינט. דאָס יידיש לעבן איז אַלע מאָל געווען אין סכנה. חורבן און פאַרניכטונג האָבן געלויערט איבער זייערע קעפּ, האָבן זיי געקאָנט זיך ניט צוזאַמענברעכן? און ווען דער חזן האָט געזאָגט דעם פּיזמון: „מרובים צרכי עמך“ (גרויס און פיל זיינען די נויטן פון דיין פאָלק), אָדער „מלאכי רחמים“, רחמנות ליבנדיקע מלאכים, איר טענהט פאַר אונדז פאַר גאָט, אפשר וועט ער זיך דערבאַרעמען איבער דעם אָרעם, עלנטן פאָלק, אפשר וועט ער רחמנות האָבן. די האַרציקע מעלאָדיעס פון אָט די ווערטער האָבן געקענט צעשמעלצן שטיינער. עס איז געווען רירנד, דער עולם האָט געוויינט, געיאָמערט. אין אָט די אלול־טעג פלעגט מען גיין זיך „אויסשפּרייטן“ איבער די קברים פון אייגענע און נאָענטע, מ׳האָט זיך געלייטערט, גערייניקט, געוואָלט זיך פאַראייניקן מיטן עבר, שעפּן פונעם עבר אמונה און ביטחון און כוח ממשיך צו זיין דאָס לעבן און קיום פון פאָלק.

אָט אַזוי האָט זיך דערנענטערט ראש השנה צום יידישן ישוב. נאָך עטלעכע טעג פאַרן יום־טוב זיינען די הכנות געווען קענטיק אין הויז און אויך אין דרויסן. יידן פון די דערבייאיקע דערפער האָבן אָנגעהויבן אין שטעטל זיך צו באַהעפטן מיטן כלל ישראל, ווייל אין די דערפער ווו זיי האָבן געוווינט, איז קיין יידיש לעבן ניט געווען בנמצא.

און אָט האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויפן שטעטל די ליל התקדש חג, די ערשטע נאַכט פונעם יום־טוב. יידן זיינען געגאַנגען אין שול, און קומענדיק צוריק פון שול האָט מען זיך געזעצט צום טיש פאַר דער אָוונט־סעודה.

עס זיינען פאַראַנען פאַרשיידענע ראש השנה מנהגים אין פאַרשיידענע קהילות

אין דער יידישער וועלט. אין אייניקע איז דאָ אַ מנהג צו עסן מערן, קעפּ פון פיש און רינדער, און נאָך ענלעכע מנהגים. דער מנהג צו איינטונקען ברויט אין האָניק און זאָגן די ברכה: „יהי רצון, זאָל זיין דער ווילן פון דיר, ג׳ פון אונדזערע אָבות, דאָס דו זאָלסט באַנייען פאַר אונדז אַ גוטן און זיסן יאָר.‟ עס איז דאָ אויך אַ מנהג צו זאָגן די ברכה „שהחיינו‟ אויף אַזוי פיל צייטיקע פּירות ווי מעגלעך.

די תפילות אין שול ביז שמונה עשרה זיינען געווען די זעלבע ווי די שבתדיקע. פון דעם קדיש פאַר שמונה עשרה האָט מען געקענט דערקענען אַ שינוי אין דעם ניגון. מען האָט געוווּסט אַז היינט איז ראש השנה. דער ניגון דערציילט וועגן דעם יום־טוב און זיין באַטייט, און איז אַנדערש פון דעם שלוש רגלים (פּסח שבועות און סוכות) ניגון, וועלכער איז צאַרט, איידל, עלאַסטיש און האַרציק. מען פילט אָן אינערלעכע דערפרישונג. דער ימים־נוראימדיקער ניגון איז ערנסט, ווי ער וואָלט געוואָרנט און געמאָנט.

אין שול דאַוונט מען פון מחזור און עס


# דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד

לשנה טובה
תכתבו ותחתמו

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פּראַטווירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

פאַרבאַנד שטאָט־קאָמיטעט פון
יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

אפרים שטיין, פּרעזידענט

JEWISH NATIONAL WORKERS ALLIANCE
8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048
Telephone: 938-3823




זיינען פאַראַן אין אָט דעם ספר תפילות האַרציקע, וואַרעמע תפילות, אין וועלכע דער ייד בעט רחמים פאַר זיינע אייגענע, פאַר זיך, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאָרער מענטשהייט. ער טוט תפילה אפילו פאַרן רשע. ער זאָגט: „אונדזער פאָטער, אונדזער קיניג, צעשטער די פּלענער פון אונדזערע שונאים‟— די פּלענער אָבער ניט די שונאים גופא. ער זאָגט אויך: „און די שלעכטס זאָל פאַרלענדט ווערן ווי רויך,‟ און זאָגט ניט „דער שלעכטער.‟ און ער בעט זיך: „אונדזער פאָטער, אונדזער קיניג, טו פאַר אונדז צוליב דעם זכות פון די וואָס האָבן זיך געלאָזן הרגענען כדי צו הייליקן דיין נאָמען. דער ייד שטרייכט אונטער דאָס עס איז כדאַי זיך מקריב זיין פאַר זיין גלויבן.

די צען טעג, צווישן ראש השנה און יום כיפּור, רופן זיך: „עשרת ימי תשובה‟. אין דער תורה (ויקרא כג, כד) ווערן מיר אָנגעזאָגט וועגן אָט דעם יום־טוב: „אין זיבעטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, זאָל ביי אייך זיין אַ רואונג, אַ דערמאָנונג דורך שאַלונג, אַ הייליקע צונויפרופונג, קיין דינסט אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, אָבער אין צענטן טאָג פון דעם דאָזיקן זיבעטן חודש, אין דעם טאָג פון פאַרגעבונג, אַ הייליקע צונויפרופונג זאָל זיין ביי אייך. און איר זאָלט פּייניקן אייער זעל, און קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן אין דאָזיקן אייגענעם טאָג, ווייל אַ טאָג פון פאַרגעבונג איז דאָס, מכפּר צו זיין אויף אייך פאַר גאָט.‟*)

פאַרצייטן זיינען געווען אָנגענומען צוויי ראש השנהס: איינער, ראש חודש ניסן, און איינער — אין חודש האָסיף (ווען מען זאַמלט איין די תבואה). אין שמות י״ב לייענען מיר בנוגע דעם חודש ניסן: „דער דאָזיקער חודש זאָל זיין דער אָנהייב פון חדשים; דער ערשטער פון די חדשים פון יאָר זאָל ער זיין.‟ אונדזערע עלטערן האָבן געוואָלט פאַראייביקן דעם דאָזיקן חודש אין וועלכן זיי זיינען אַרויס פון מצרים, פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

*) אַלע תנ״ך ציטאַטן ווערן דאָ געגעבראַכט לויט תרגום יהואָש.

נאָך דעם, ווען ס׳פאָלק ישראל איז געזעסן אויף זיין אייגן ערד, איז דער יום־טוב פּסח געוואָרן דער יום־טוב פון פרייהייט און פון פרילינג. במילא איז ער געוואָרן דער ראש השנה. אָבער ווען דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, און די לאַנד ימים טובים האָבן אָנגעוואָרן זייער באַדייט, האָט דאָס פאָלק דאָך געוואָלט פאַראייביקן אַלע ווערטן להכעיס אַלע שוועריקייטן אַן וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זיין לאַנגן גלות־וועג, האָט דאָס פאָלק אַריינגעבראַכט אַ גייסטיקן און מאָראַלישן באַטייט אין יעדן יום־טוב.

דער תלמוד זאָגט:

„עס זיינען פאַראַנען פיר ראש־השנהס: דער ערשטער, אין ניסן, איז ראש השנה פאַר מלכים (אַ קיניג, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן אין איינעם פון די חדשים פון יאָר, הייבט מען אָן ציילן זיין צווייטן יאָר פון ניסן און פאַר ימים טובים (ווייל חג המצות פאַלט אויס אין ניסן, דערפאַר איז עס דער ערשטער אין יאָר, אויך לויט דער תורה); פאַר מעשר, אין אלול; תשרי — פאַר יאָרן (ציילן די יאָרן, לויט ווי מיר פירן זיך); פאַר שמיטה און יובל. דער ערשטער טאָג אין שבט איז ראש השנה פאַר דעם בוים, לויט בית שמאי; בית הלל זאָגן: דעם 15טן.‟ (ר״ה א).

אונדזער פאָלק האָט אָנגעפאַנגען דעם עיקר אָנהייב פון יאָר — פון תשרי. זיי האָבן געמאַכט ראש השנה און יום כיפּור פאַר טעג פון חשבון הנפש (יום כיפּור איז בעצם אַ המשך פון ראש השנה). עס איז בנוהג שבעולם, אַז דער געשעפטסמאַן מאַכט אַ חשבון פון זיין אינווענטאַר איין מאָל אַ יאָר. ער ווייסט וויפיל ער האָט אינוועסטירט אין דעם געשעפט, וויפל ער האָט פון דעם געצויגן פאַר חיונה, און ביים סוף יאָר וויל ער וויסן אויב ס׳איז דאָ פאַראַנען רווח, אָדער — אַ פאַרלוסט. דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעכן אינווענטאַר, אַן אינווענטאַר פון מעשים, וואָס שטייט העכער פון אַלע אינוועסטירונגען. אין די צען טעג, צווישן ראש השנה און יום כיפּור, פרעגן מיר זיך: ווי איז געווען אונדזער אויפפירונג און באַנעם? וואָס

דער
# אַרבעטער רינג

איבער זיבעציק יאָר
אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע־
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

שיקט זיינע ניי־יאָר ברכות
צו אַלע זיינע מיטגלידער,
פריינד און כל ישראל.

אַרבעטער רינג קולטור צענטער
1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס



זייַנען געווען אונדזערע באַציונגען צו אונדזערע עלטערן, נאָענטע, קרובים, און סתם מענטשן? האָבן מיר געהאָלפן יענעם וועלכער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט נאָך הילף?

עס איז אַ באַוווסטער כלל: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", אַז ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נאָר אויף וואָס קומט אַרויס פון גאָט'ס מויל לעבט דער מענטש. עס איז וויכטיק צו זוכן, נישטערן אין אונדזערע מעשים, צו מתקן זיין דאָס פאַרקרימטע, פאַרדאָרבענע, און זיך אַנטשולדיקן פאַר דעם וועמען מיר האָבן באַליידיקט, אָדער האָבן אים פאַרורזאַכט ליידן אפילו עטוואָס, און באַשלאָסן ניט צו באַגיין אַן אומרעכט אויף ווייטער.

און אָט אַזוי האָט ראש השנה אָנגענומען אַן אַנדער צורה און אַן אַנדער געשטאַלט, גאָר אַן אַנדערן פון דעם וועלכן די ראשונים האָבן פאַר אונדז אָנגעצייכנט.

עס איז געוואָרן אַ מינהג (אפשר אין די ימי הבינים) צו באַגריסן אונדזערע קרובים און פריינד מיט דער ברכה: לשנה טובה תכתבו (פאַר יום כיפור גיט מען צו ותחתמו). ס'מיינט, איר זאָלט פאַרשריבן ווערן פאַר אַ גוט יאָר.

יידן האָבן געגלייבט אַז אום ראש השנה און יום כיפור ווערט יעדער באַשעפעניש געמשפט, און עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ גזר־דין — אַ גוטער אָדער, חלילה, אַ שלעכטער. דערפון נעמען זיך די ברכות: „זאָלסט פאַרשריבן ווערן פאַר אַ גוט יאָר!"

ראש השנה בלאָזט מען שופר. אַ מאָל איז דער באַטייט דערפון געווען: „צו צוזאַמענרופן די געמיינדע און צו באַוועגן די מחנות. מען האָט גענוצט חצוצרות (בהעלותך י־ח) (טרומייטן).

אָבער גאָר אַן אַנדער באַטייט האָט דער שופר אַצינדער. ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון תשובה, פון רופן דאָס פאָלק צו אַחדות כדי צו קענען גיין פאָרויס מיט זיכערע טריט, להכעיס אַלע שטרויכלונגען, און צו פּראָקלאַמירן די אייביקייט פון אונדזער פאָלק.

מיר ווייסן גאָר ווייניק וועגן דער געשטאַלט פון ראש השנה פאַרצייטן. (עס ווערט געבראַכט וועגן דעם אין יוסף פלאַוויוס און אַנדערע ספרים. מיר ריידן ספעציעל וועגן דעם יום־טוב וועלכן מיר ווייסן און קענען, און וועלכער איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה זינט פיל דורות. מיר גייען ניט אַריין אין קיין פאָרשונג וועגן דעם יום־טוב). עס איז דאָ אַ פראַגע אויב ס'איז געווען דער ראש חודש מיט וועלכן דאָס נייע יאָר לויט די לבנה־חדשים הייבט זיך אָן, אָדער עס איז געווען אַ געוויינלעכער ראש חודש. אין דעם ספר נחמיה לייענען מיר: „און עזרא הכהן האָט געבראַכט די תורה פאַרן קהל, פון מאַן ביז פרוי, און אַלע וועלכע פאַרשטייען, אין דעם ערשטן טאָג פון זיבעטן חודש. (נחמיה ח־9).

באַלד נאָך ראש השנה פלעגן זיך אָנפאַנגען די הכנות פאַר יום כיפור. ערב יום כיפור האָט מען זיך געגרייט פאַר דעם גרויסן טאָג. מען האָט געגעסן יום־טובדיקע געריכטן און מ'האָט זיך געגרייט פאַרן גרויסן יום־טוב. ווארום ניט ווי אַנדערע תעניתים איז דער יום כיפור תענית, למשל, ווי שבעה עשר בתמוז, אָדער תשעה באב.

אין די לעצטע באַווינט ס'פאָלק דעם חורבן פון דעם לאַנד, פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. יום כיפור אָבער איז אַ תענית פון גאָר אַן אַנדער מין. עס איז אַ תענית פון האָפענונג אויף דער פאַרווירקלעכונג פון האָפענונגען און פאַרלאַנגען. די גאָטספאָרכטיקע פאַסטן און טוען תפילה מיט געפיל און בטחון דאָס זיי וועלן פאַרבעסערן זייערע מעשים און זייערע באַציונגען מיט זייערע מיטמענטשן, און גאָט וועט מוחל זיין אַלעמענס זינד און וועט פאַרלענגערן זייערע טעג און אויך די טעג פון זייערע קינדער און זייערע נאָענטע, און וועט זיי מפרנס זיין בשפע וכבוד.

די גמרא ברענגט ערגעץ (איך געדענק ניט אַקוראַט ווו): „ניט ווי די באַשולדיקטע, וועלכע דערשיינען פאַרן טריבונאַל, געקליידט אין שוואַרצן, דערשיינען די יידן אינעם יום־הדין: זיי דערשיינען אָנגעטאָן אין ווייסן."

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתדרות
# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט
פון דער
# ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָריטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט . . .

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

HISTADRUT ANNUITY TRUST
of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.
7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................

Address..............................

Date of Birth.................... Soc. Sec. No....................

Principal Amount $..............................

Date.................... Signature of Applicant....................




אײדער די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַרונטערלאָזן אויפן האָריזאָנט, זייבען די ייִדן, אַלט און יונג, שוין געשטאַנען אין שול. די עלטערע אָנגעטאָן אין ווייסן — אַ סימבאָל: „אויב אייערע זינד וועלן זײַן ווי קאַרמין (רויט) זייַך, וועלן זיי ווי שניי ווייס ווערן. (ישעיה א־18).

מען האָט געדאַוונט מנחה, געזאָגט דעם „שיר היחוד", אין אַנדערע קהילות האָט מען אויך געלייענט ר' שלמה אבן גבירולס „כתר מלכות" און אויך די תפילה זכה. (אבן גבירול איז געווען פון די גרעסטע פילאָסאָפן און פּאָעטן. געלעבט אין 11טן יאָרהונדערט). אין אָט דעם שיר כתר מלכות מאַכט דער לייענער אַ חשבון הנפש, ער פילט זיין נישטיקייט לגבי דעם כוח פון דער געטלעכקייט און אייביקייט, און ער באַשליסט מתקן צו זיין יעדן פגם אין זיינע מעשים.

פּלוצים הערט זיך אַ שטילע באַוועגונג אין דער לופט. דו קוקסט פאַר זיך און זעסט: מען נעמט אַרויס אַלע ספרים פון אָרון. דו זעסט: די חשובע בעלי־בתים פון דער געמיינדע פאַרן ארון קודש, און אַ מאַן דערלאַנגט יעדן איינעם פון זיי אַ ספר־תורה. אין שול איז שטיל. אַ הערלעכע שטילקייט הערשט אין אַלע ווינקלען. אַלע פּנימער זיינען ערנסט און קאָנצענטרירט אויפן מיזרח. די זקנים, וועלכע דריקן צו זיך די ספרים, שטייען פוןביידע זייטן פון אָרון. מיט אַ מאָל — אַ דממה דקה (אַ דינע, שווייגנדיקע שטיל־קייט). דו הערסט דעם אָטעם פון דעם מענטש, וועלכער שטייט נעבן דיר. אַ גרויסע אָנשטרענגונג אין דער לופט. מענטשן שטייען אויף די שפּיץ פינגער און קוקן פאָרויס. מיט אַ מאָל הערסטו די ווערטער: „על דעת המקום ועל דעת הקהל". אין דער הערשנדער שטילקייט שטרענגט זיך יעדער אָן צו הערן. עס דערהערט זיך די אומעטיקע, דורכדרינגנ־דע מעלאָדיע, וואָס מען איז מייחס צו דער תקופה פון די אנוסים אין שפּאַניע אין 15טן יאָרהונדערט. יודעי־חן זאָגן, אַז אין דער מעלאָדיע פון כל נדרי זיינען איינ־געוויקלט בענקעניש, ווייטיק, צער און חרטה.

אויף מאָרגן אין דער פרי פלעגט מען קומען נאָך אַ מאָל אין שול און מען פלעגט דאָרט פאַרבלייבן ביז נאָכן זון־פאַרגאַנג. עס איז ווערט זיך צו באַקענען מיט די יום כיפור תפילות, מיט זייער אינהאַלט, ווי אויך מיט דעם וואָס מען לייענט פון דער תורה און פון די נביאים. פון דעם נביא ישעיה לייענט מען דעם קאַפּיטל נ"ח, וווּ ער רעדט וועגן פאַקטן: „פאַרוואָס פאַסטן מיר און דו זעסט ניט? פייניקן מיר אונדזער זעל, און מערקסט ניט? זעט, אין טאָג פון אייער פאַסטן געפינט איר אַן עסק, און אַלע אייערע אַרבעטער טוט איר דריקן. איר פאַסט דאָך פאַר קריג און שטרייט און צו שלאָגן מיטן פויסט פון אומרעכט; איר פאַסט ניט אין אַזאַ טאָג צו מאַכן הערן אין דער הויך אייער קול. איז אַזאַ דאָס פאַסטן וואָס איך האָב אויס־געוויילט? אַ טאָג פאַר אַ מענטשן צו פּיי־ניקן זיין זעל? צו בייגן ווי אַ וואַסער־ריטל זיין קאָפּ, אין אַש און זאַק זאָל ער זיך אויסבעטן? צי דאָס רופסטו פאַסטן און אַ טאָג פון באַווייליקונג צו גאָט? איז ניט דאָס פאַסטן וואָס איך האָב אויסגעוויילט; לויז מאַכן די קייטן פון אומרעכט, אָפּ־בינדן די בינדשטריק פון יאָך און אַרויס־לאָזן פריי די געדריקטע און יעטוועדער יאָך זאָלט איר צעברעכן ?

איז עס ניט אָפּצוברעכן פון דיין ברויט צו דעם הונגעריקן, און פאַרוואָגלטע אָרע־מע זאָלסטו אַריינברענגען אין הויז? אַז דו זעסט אַ נאַקעטן, זאָלסטו אים באַדעקן, און פון דיין אייגן פלייש זאָלסטו זיך ניט פאַרהוילן? דענסטמאָל וועט אויסברעכן ווי דער פרימאָרגן דיין ליכט."...

אויך פון דעם נביא יונה לייענען מיר אַ מאָראַלישע לעקציע : רחמנות צו האָבן אויף אַלע באַשעפענישן.

אום ראש השנה און יום כפור זאָגט מען אַ תפילה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ונתנה תוקף" און ווערט פאַר־געזעצט מיט „בראש השנה יכתבון" אא"וו. ס'ווערן אויסגערעכנט אין דער תפילה אַלע צרות און פאַלן, וואָס זיינען גורם דעם מענטשנס טויט. די תפילה ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „תשובה, תפילה וצדקה קענען אָפּשרייען די בייזע גזירה."

די תפילות זײַנען שײן. די מעלאָדיעס — רײַך און האַרציק. שײן זײַנען די מעלאָדיעס פון דער עבודה, ווו עס ווערן געשילדערט די צערעמאָניעס אין בית המקדש; אויך די מעלאָדיע פון דער תפילה מכות די צען אומגעקומענע גרויסע ייִדן דורך די רוימער — די עשרה הרוגי מלכות.

די תפילה פון נעילה, די ווער־טער מיט דער ספּעציעלער נעילה מעלאָ־דיע, זײַנען טיף און שײן ווי די בלויע הימלען.

ראש השנה און יום כיפור זײַנען שײנע, סימבאָלישע ימים טובים, וועלכע, צום באַדויערן, ווערן איצט נאָר טײלווײַז אָפּ־געהיט.

ווען די ייִדן זײַנען אַוועק אין גלות, האָבן זײ גענומען דאָס לאַנד מיט זיך. דאָס לאַנד און די ימים טובים האָבן גע־נומען עקזיסטירן אין אַבסטראַקט. פּסח, האָבן די ייִדן פּאַראײַביקט, ווי דעם יום־טוב פון פרײַהײט. יעדער דור האָט אָנ־געזאָגט דעם װײַטערדיקן דור אָפּצוהיטן דעם יום־טוב.

ווען די ייִדן זײַנען אַוועק אין גלות און קײן בית המקדש איז ניט מער געווען, איז דער טיש געוואָרן דער מזבח אַרום וועלכן ייִדיש לעבן איז געשמידט געוואָרן.

שבועות פלעגן ייִדן באַצירן זײערע הײמען מיט גרינס. דער יום־טוב איז געוואָרן דער זמן מתן תורה, ווײַל אין גלות האָבן די ייִדן זיך קאָנצענטרירט אויף דער תורה, וועלכע איז פאַר זײ אַלע מאָל געווען אַ מקור מים חיים.

סוכות, דער חג האָסיף (ס'אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער), איז ווי אַלע ימים־טובים געפײַערט געוואָרן ווי ס'וואָלט ממש געווען אין ארץ ישראל. מען האָט אַראָפּגעבראַכט די שײנע פרוכט פאַר וועלכע ארץ ישראל איז געווען באַרימט. מען האָט זיך מיט זײ געשפּיגלט, זײ באַוואונדערט מיט ליבע און צערטלעכקײט. די פיר מינים: אתרוג, לולב, הדסים און ערבות (הושענות) סימבאָליזירן, לויט דער גמרא, פיל זאַכן, אָבער זיכער דער־מאָנען זײ אונדז ס'אַמאָליקע נאַטירלעך לעבן אין ארץ ישראל.

די תפילה גשם, פאַר רעגן, איז דאָך אויך געווענדט צו ארץ ישראל. וואָרום וויפל לענדער אויף דער וועלט, אַחוץ ארץ ישראל, נײטיקן זיך אין רעגן אין יענער צײַט? די ייִדן האָבן געהאַט אין זינען און אין האַרצן דאָס לאַנד ישראל ווו די ימות הגשמים (רעגן־סעזאָן) פאַלן אויס אין יענער צײַט. די תפילה גשם, מיט דער טראַדיציאָנעלער מעלאָדיע, דרינגט אַרײַן אין האַרצן. און ווער עס האָט עס אַרײַנגעזאַפּט אין זיך, וועט עס אים באַגלײטן זײַן גאַנץ לעבן.

* * *

צו אײַך, די לײענערס פון „חשבון", צו כל ישראל און חסידי אומות העולם, שיקן מיר די טראַדיציאָנעלע ייִדישע ברכה: לשנה טובה תכתבו ותחתמו און באַזונ־דערס — ושלום על מדינת ישראל, אָמן!

אַ גוט יאָר
צו אַלע אונדזערע פרײַנט

UNITED RUG & CARPET, Inc.

5103 West Pico Blvd. • Los Angeles, Calif.

Phone: 931-8888

נעכע און זלמן שלאָסער



## לשנה טובה

לשנה טובה תכתבו
אַלע, אַלע ווו איר איר זײַט!
צי איר האָט דאָס האַרטע מזל
אויף אַ וויסטן סטעפּ פאַרשפּרײט;

צי איר קילט די הײסע שטערן
בײַ דער נאַסער מערב־וואַנט;
צי איר שיפט אײַך איבער ימים
צו אַ נײַ פאַרשפּראָכן לאַנד;

צי איר טראָגט די יאָך די שווערע
מיט אַ שמײכל: אײַ ווי גרינג
און איר קויפט די לופט צום לעבן
און איר צאָלט פאַר יעדן שלינג.

אַלע אײַך צום יאָר צום נײַעם ——
יעדע שפּראַך און יעדער קלײד:
לשנה טובה תכתבו —
אַלע, אַלע ווו איר זײַט!

י. ל. פּרץ

צו דער פאַרוואַלטונג פונעם זשורנאַל „חשבון":

מיר, די אײַנוווינער פון אונדזער הײם, שיקן אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו אײַך פאַר דער זאָרג און מי אָנצוהאַלטן ווײַטער דאָס אַרויסגעבן פונעם זשורנאַל „חשבון".

הלוואַי וואָלטן מיר געהאַט אין יעדער שטאָט מיט אַ ייִדישן ישוב, אַזאַ וואַרעמע, ייִדיש־קולטורעלע טעמפּעראַטור, ווי אײַ־ער פאַרוואַלטונג — וואָלטן מיר אַלע באַ־שטראַלט געוואָרן מיט קערנדיקן מוט און האָפענונג אין דער ריכטונג.

מיר ווינטשן זאײַך אַ יאָר פון געזונט און גליק.

אַרבעטער רינג פליגל
פאַר דער הײם פאַר עלטערע
יהודה מאַקאָווסקי
פאָרזיצער פונעם רעזידענט קאַונסיל
אליעזר דאָרין, קולטור־דירעקטאָר

שמחה און ד"ר מנחם
נאור

פּעני און פּינטשע
בערמאַן

קולטור-ווינקל
סאָניע קעי, פינ. סעקרעטאַר

הירשביין־רויזענבלאַט צווײַג
ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

רבקה און אברהם
גאָלאָמב

טילע און תנחום
ברײס

אפרים סאלעס

רבקה און וואָלף סאַלעס

שלום עליכם צווײַג
ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

SUNSHINE TERRACE
CONVALESCENT HOME

## שנת שלום וברכה צו אַלע אונדזערע פריינד וכל ישראל

פעי סאַפּיאַן

משה קאַפּלאַן

שפרה און אַלעקס
ראָבין

בעלאַ און אַריה
פּאָזי

גוטשע און משה
שולוויס

רבקה און דוד
שראַגע

WOLF APPEL
KOSHER MEAT & POULTRY

וואָלאַדעק צוויג
אַרבעטער רינג

אַוואַנגאַרד צוויג 1016
אַרבעטער רינג

מרים און משה
אדערבערג

אַ פריינד

סאָניע אַמאַן

יעטאַ און ז.
בונין

חוה און העניך
בערמאַן

רחל און מאָריס
דייטש

לייב אַלטשולער און משפחה
סט. פּאָול, מינעסאָטאַ

GENESEE CLEANERS & TAILORS
7750 Santa Monica Blvd.

לייוויק לייען-קרייז
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפּ.

לייוויק לייען-קרייז
עלסינאָר, קאַליפּ.



## אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע אונדזערע פריינט און כל ישראל

*Greetings from*
J. M.

NEW YORK TIE CO.

ש. דראַנזעק
טוסאָן, אַריזאָנאַ

פלאָראַ און שמואל
ווייס

ר. ק. מערליס
אין אָנדענק פון פעטער מאַני לייב

רעי און יעקב
קאַהאַן

א. י. קאַהאַן

מאָריס מייער

דאָריס און יצחק
קאָלער

וועלוול (ווילי) שאָר

סאָפּי און העלען
שטערנפעלד

פייגעלע און יוסף
פּאַניץ

שלמה שלאָסער

ד״ר ליסאלעט און בערנאַרד
פישער

**SCHWARTZ PRINTING CO.**
773 Kohler St. • Los Angeles, Calif.
Tel. 624-9378

ציליע און שלמה
צוקערמאַן

## כתיבה וחתימה טובה צו אַלע אונדזערע פריינד ושלום על ישראל

פּאָליע און יוסף האָפּמאַן
גערטרוד און סאָל אָדעם
אַרב. רינג וולאַדימיר מעדעם בר.

דאָוו באַלאָט
בערטאַ און יעקב בערנשטיין
לינאַ און שמואל בריינין
BECKER'S FISH MARKET

אסתר און יצחק גובערמאַן
שמחה גילדער
לילי און עמנואל גאָלדפאַרב
יעטאַ און שמחה גרעי און משפּחה
פריינדין און פריינד גרינשטיין
אַדעל און דוד גאָלדמאַן
עלאַ גאָלד

אליהו דוואָרקים — תל-אביב
RUBE DAVIS, Realtor
דרורה פּיאָנערן גרופּע

יהודה וואָלפּסאָן
לילי און מאיר ווײַנטרויב

ציליע און זלמן זילבערצווייג

סאַראַ יאַפּע
בערנאַרד מאָרגנשטערן—ניו-יאָרק

ALBA AEVALENA'S RESTAURANT

פּאַיע און אליהו כּאַזאַנאָוו
פּעני לעווין
שרה און שמחה ליינער
לואיס לייטער
עסטעל און אודווינג מען
אסתר פּעלדמאַן לאַזאַרסאָן

דאָוו נאָרמאַן — עלסינאָר
בעקי און משה נאָרעלמאַן

אָלגאַ און שמואל סיגל
פּעי סאַפּיאַן

סאָלאָמאָן פּעלמאַן
שרה פּאָגאָרעלסקי
GEORGE HAROLD FINNEY, N.Y.

ד"ר בערנאַרד קאָהען
ראָוז און אברהם קאָהען
סאָפי און הערשל קאָזאַק
מרים און אָשר קיפּנים
עטל און חיים קוליק

גדליה ראָזנבוים — דעטראָיט
איידאַ און מאַרלין ראָזענבערג
ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז
רינגלבלום לייען־קרייז
טשאַרלס ראָסאָן — ניו-יאָרק

---

# 45־טער יאָר טעטיקייט

פון

# לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן ייִדישן מענטשן אין אַ ייִדישער סביבה"

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, תשל"ב • אָקטאָבער, 1971



# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angeles, Calif. 90029

NOrmandy 4-9325

שלמה צוקערמאַן

# 45 יאָר ל. א. יידישער קולטור־קלוב

(איינלייטונגס־רעדע געהאַלטן ביים 45סטן סיום הזמן
פונעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב)

אַ גוטע וואָך!

מיטן היינטיקן אָוונט פאַרענדיקן מיר דאָס 45סטע יאָר פון קולטור־טעטיקייטן פון לאָס אַנדזשעלעס יידישן קולטור־קלוב.

און ווען איך האָב לעצטנס געלייענט די געשיכטע פון דער גרינדונג פון קלוב, איז עס באמת איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור לעבן.

מיט 45 יאָר צוריק, אין 1926, ווען אויף דער יידישער גאַס איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די יידישע פאַרטיי־ריכטונגען פון „לינקע און רעכטע", האָט אַ קליינע גרופּע פון בישט־פאַרטייאישע קולטור־מענטשן זיך פאַרטראַכט צו גרינדן אַן איבערפאַרטייאישן יידישן קולטור קלוב, ווו דער יידישער מענטש זאָל זיך קענען גייסטיק קולטורעל אויסלעבן.

די גרינדערס זיינען געווען: אליהו טענענהאָלץ, ד"ר נתן זאַלצמאַן, לואי האַמבורגער, י. מאַלאַמוד און באָריס ווינער. צו אָט דער גרופּע זיינען באַלד צוגעשטאַנען: אונדזער באַליבטער דיכטער ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד, משה לייב קאָפּילאָף, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן — יעקב ניומאַן און אַנדערע.

אין משך פון 45 יאָר האָט דער קולטור קלוב — יאָר איין יאָר אויס, וואָך איין וואָך אויס — פּלאַנמעסיק דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, יידישע קאָנצערטן, שרייבער־אָוונטן, פייערונגען פון אונדזערע ימים־טובים.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַז אין משך פון די 45 יאָר האָבן באַזוכט און אויפגעטראָגן אין קלוב כמעט יעדער שרייבער, קינסטלער און געלערנטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן.

ס'וואָלט פאַרנומען צופיל צייט צו דערמאָנען די אַלע נעמען, וועל איך, מיט אייער דערלויבעניש, דערמאָנען בלויז די, וואָס זיינען מיט אונדז שוין מער נישטאָ.

ס'זיינען אויפגעטראָטן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, ש. יאַנאָווסקי, פּרץ הירשביין, זלמן שניאור, אבא גאָרדין, יואל ענטין, דוד פּינסקי, און אַנדערע. פון אונדזערע אייגענע תושבים: ה. רויזענבלאַט, ש. מילער.

פון אונדזערע קינסטלער־שוישפּילער, וואָס האָבן אויפגעטראָטן אין קלוב: רודאָלף שילדקרויט, פּאָול מוני, מאָריס שוואַרץ, מאָריס מאָסקאָוויטש, פּאַול באַראַטאָוו.

פון די חזנים: הערט, יאָסעלע ראָזענבלאַט, לייב גלאַנץ.

איך וויל אויך דערמאָנען — איר צו לאַנגע געזונטע יאָר — אונדזער ליבע האַרציקע פייגעלע פאַניץ, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן דערקוויקט אונדזערע הערצער מיט איר זינגען און אויסטייטשן דאָס יידישע ליד. ס'איז ביי אונדז אין קלוב אַלע מאָל געווען אַ יום־טוב ווען פייגעלע איז אויפגעטראָטן..

צו די אויפטואונגען פון קלוב קאָן מען ניט פאַרבייגיין און מיר מוזן אויך דער־מאָנען אונדזער וווּנדערלעכע רייכע ביבליאָטעק פון העכער צען טויזנט ביכער אונטער דער לייטונג פון אונדזער ביבליאָטעקאַר נתן אַזאָלין.

לאָמיר אויך דערמאָנען דעם זשורנאַל „חשבון", וואָס דער קלוב איז געווען דער ערשטער אים אַרויסצוגעבן. שפּעטער איז צוגעשטאַנען צום „חשבון" דער ל. א. יידישער שרייבער־קרייז.

איך גלויב, אַז דאָס איז אויך אַ דערגרייכונג: אַן אייגענע פּראַקטיקע שיינע היים, אָן חובות, וואָס איז אַ זעלטנקייט ביי אונדזערע יידישע אינסטיטוציעס.

מיר, די באַאַמטע פון היינטיקן זמן, באַרימען זיך ניט אַז דאָס יאָר איז געווען גאָר אַ דערפאָלגרייך יאָר, אָבער מיר האָבן געהאַט אַזעלכע אָוונטן, וואָס מיר מעגן שטאָלצירן מיט זיי: אַן אָוונט מיט חיים גראַדע, מיט ד"ר רפאל מאַלער, און



דער שיינער דערעפענונג אָוונט פון סעזאָן. צו די דאָזיקע אָוונטן זיינען געקומען אַן עולם פון 250 מענטשן. מיר האָבן אויך געהאַט עטלעכע פיינע קאָנצערטן. מיר האָבן אויך געפייערט די דערשיינונג פון נייע ביכער פון היגע מחברים: אברהם גאָלאָמב, זלמן זילבערצווייג, פּינטשע בערמאַן, ברכה קודלי — אַזוי אַז דער קלוב איז נאָך אַלץ דער ל. א. אַדרעס פון קולטור־טעטיקייטן.

מיר יום־טובן היינט דעם שלוס פון 45סטן זמן. ס'איז אַן אָוונט פון נגינה.

איך וועל נישט ריידן פון די פּראָבלעמען וואָס מיר האָבן די לעצטע יאָרן אין קלוב. איך וועל ענדיקן מיט די וויטערדיקע ווערטער:

לאָמיר אַלע, די פאַרזאַמלטע היינט אָוונט, זען דערצו, אַז נאָך 45 יאָר אויפבויען אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזוי פיל מי און אַרבעט, און זיך קונה־שם געמאַכט איבערן גאַנצן לאַנד, ווו ס'איז נאָר דאָ אַ יידישער יישוב, זאָל אויך ווייטער קאָנען עקזיסטירן און אָנגיין מיט די קולטורעלע טעטיקייטן ווי ביז איצט.

איצט וויל איך פאַר אייך פאָרשטעלן דעם מנגן פון היינטיקן אָוונט —

שמואל קעלעמער

ער איז באמת אַ געבענטשטער מנגן — געבענטשט מיט אַן אייגענער נגינה, מיט פּערפעקציע אין חזנות, ווי אויך אין פאָלקס־ליד.

מיט זיין נגינה האָט שמואל קעלעמער געוואונען די הערצער פון יעדן מענטש וואָס האָט אים געהערט, הן אין חזנות און הן דורך זיין זינגען אַ יידיש ליד. ער ווערט אומגעווינלעך געשאַצט סיי ביי דער אָרטאָדאָקסיע און סיי ביי דעם וועלטלעכן ייד.

די ליבשאַפט צו קעלעמערן האָט מען געקענט זען ערשט לעצטנס ווען אַן עולם אין אַן איבערגעפּאַקטן זאַל אין בעווערלי הילטאָן האָטעל, האָט געפייערט זיין 40 יאָריקן יובל אַלס חזן און זינגער.

פון שמואליק, דעם 9־יאָריקן וווּנדערקינד חזן, ביז איצט, דעם מנגן אין טעמפּל בית עם, איז דער כבוד און דרך ארץ וואָס מ'האָט אים דאָרט צוגעטיילט — איז לאו כל אָדם זוכה.

דער נאַראַטאָר היינט אָוונט איז דער באַקאַנטער מוזיקאָלאָג, שרייבער און לעקטאָר, דירעקטאָר פון אינפאָרמאַציע ביי דער קאַליפאָרניער קונסט־אַקאַדעמיע — באַרי היימס.

ביי דער פּיאַנאָ, די באַגאַבטע פּיאַניסטין — ליליען קלאַס.

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

באַאַמטע פאַר דעם 45־טן זמן — 1971-1970

• פאַרוואַלטונג:
(לויטן אלף־בית)
תנחום בריס,
שמואל ווייס
זלמן זילבערצווייג
אליהו טענענהאָלץ, ע"ה
זיגמונט לעוו
דוד מאַרסעל
אריה פּאָזי
שלמה צוקערמאַן

יצחק קאָלער
אַלעקס ראבין

• באַאַמטע:
סעם לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר
יוסף ליוואַק, קאַסירער
שמואל אָדעס, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר
נתן אזאַלין, ביבליאָטעקאַר
ציליע צוקערמאַן, הויז־פאַרוואַלטערין
בלומע שטיינבערג, קאָרעספּ. סעקר.

# אונדזערע יובילאַרן

## נתן אַזאָלין אַ בן־תשעים

שבת אָוונט, דעם 24טן אַפּריל, 1971, האָט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב אָפּגעצייכנט דעם 90טן געבוירן־יאָר פון אונדזער ביבליאָטעקאַר, נתן אַזאָלין. צום אָוונט איז געקומען אַ גרויסער עולם אויסצודריקן זיין ליבשאַפט און פאַרערונג צום יובילאַר. שלמה צוקערמאַן, דער פאָרזיצער, האָט אין נאָמען פונעם קלוב איבערגעגעבן דעם יובילאַר אַ שריפט אין וועלכער ס'ווערט אויסגעדריקט אנערקענונג צו נתן אַזאָלין פאַר זיין לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער טעטיקייט ווי דער ביבליאָטעקאַר פונעם קלוב, מיט די וווּנטשן צו אים פון דער קלוב־מיטגלידערשאַפט פאַר נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

דער הויפּט־רעדנער און באַגריסער פון דעם אָוונט איז געווען אונדזער זייער חשובער אַברהם גאָלאָמב, וואָס דאָס ווייטערדיקע איז אַ קיצור פון זיין רעדע:

דער קלוב האָט מיך מכבד געווען צו זאָגן עטלעכע ווערטער לכבוד נתן אזאָלינס 90 יאָר. איך האָב עס גערן אָנגענומען. זיין אַ ביבליאָטעקאַר איז אין מיינע אויגן אַ גאָר בכבודיקער אַמט. עס דערמאָנט מיר סטראַשון אין ווילנע — חייקל לונסקי און יצחק סטראַשון, וואָס זיינען אַריין אין רעקוויזיט פון דער יידישער ווילנע. איך דערמאָן זיך נאָך מיט וואָס פאַר אַ רעליגיעזן ציטער חייקל לונסקי פלעגט פון אונטערן שלאָס אַרויסנעמען דעם וויזיטאָרן־בוך, וואָס דער קינסטלער־איינבינדער, זעליק לעווין, האָט ספּעציעל אויסגעצאַצקעט לכבוד דר. הערצלס באַזוך. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט הערצלס אויפשריפט און מיט אויפשריפטן פון אַ סך אַנדערע גדולי ישראל. ס'איז אַ כבוד אַריינצוקומען אין דער בראַנזשע פון יידישע ביבליאָטעקאַרן, בפרט ווען ס'איז שלא על מנת לקבל פרס.

ווען איך בין אין קלוב, כאַפּ איך זיך אַריין אין ביבליאָטעק און טראַכט שטענדיק אַז דאָ צווישן די ספרים איז אַזאָלינס היים. דער ביבליאָטעקאַר איז דער אמתער „איש הספר". אַנדערע פעלקער האָבן זיך געהאַלטן מיט מדינות, מלוכות, לענדער אא"וו, און מיר יידן — מיטן ספר. מ'האָט אונדז יידן געקרוינט ווי דעם עם הספר. אַזוי שוין טויזנטער יאָרן, אַז מיר לעבן מיט כסדר שאַפן ספרים, מיט דעם געטלעכן גייסט וואָס לעבט אין פאָלק. יידן זיינען זיך אַלע מאָל מוסר נפש געווען פאַרן ספר, ווייל טאָמער ווערט אויפהערן דער ספר, ווערט אויפהערן יידישקייט. ר' סעדיה גאון האָט שוין דאָס פאַרשטאַנען מיט מער ווי טויזנט יאָר צוריק: „שמא תשכח תורה"...

ניט ווילנדיק פאַרגלייכן זיך די גרויסע ביבליאָטעקן, ווי צום ביישפּיל: די יידישע אָפּטיילונג פון קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט און די ווילנער סטראַשון ביבליאָטעק. דאָ אין אוניווערסיטעט האָב איך געזען בלויז איין טייל ביכער, אָבער אין ווילנע זיינען געווען צוויי אָפּטיילן ספרים און לייענערס. און שאַפן וועלן זיך ספרים כל זמן ס'וועלן זיין בעלי־ספר יידן ווי אונדזער נתן אַזאָלין, וואָס שיינט ממש אויף אין דער געזעלשאַפט פון ביכער.

איך האָב זיך צופעליק דערוווּסט, אַז נתן אַזאָלין איז פון פאַך געווען אַ סטאָליער. מיט דעם איז מיין אַכטונג צו אים נאָך מער געשטיגן. ביי אונדזער פאָלק פלעגן אָפט בעלי־מלאכה אָטעמען מיט ספרים. איך דערמאָן זיך: יצחק דער שמיד, ר' יוחנן דעם שוסטער, און נאָך, וועלכע זיינען מיט זייערע געצייג אין די הענט אַריין אין די סוגיות פון גמרא; און יונה ראָזענפעלדן, דעם טאָקער; וויסנבערגן, דעם שוסטער; און מאַני לייב, דעם האַרציקן שטעפער און דיכטער, וואָס האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער איז אַ שוסטער אַ פּאָעט און ניט קיין פּאָעט אַ שוסטער...

ווי לאַנג וועלן יידן זיין אַ פאָלק? ווי לאַנג וועט אונדזער פאָלק לעבן? — כל זמן ס'וועלן זיין יידן פון אָט־דעם שניט. דאַכט זיך אַ סטאָליער, אָבער ס'פעלט אים אויס אַ נומער פון אַ יידישן זשורנאַל... אפשר קען ער דאָס קריגן ביי מיר?



## אונדזער ליבער בעל־יובל
## תנחום ברייס
### (צו זיינע 85 יאָר)

דער מעדעם צווייג 655 אַרבעטער רינג האָט לעצטנס געפייערט אויף גאָר אַ געהויבענעם אופן דעם 85סטן געבוירנטאָג פון תנחום ברייס, וועלכער איז פאַר אַ סך יאָרן דער פאָרזיצער פון דעם זעלביקן צווייג. אויך דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב ווו דער בעל־היובל איז אַקטיוו אין משך פון אַ סך יאָרן, האָט פּלאַנירט אַזאַ פייערונג. אָבער ברייס האָט געטענהט אַז ער האָט געהאַט גענוג און האָט זיך פון אָט דער פייערונג אָפּגעזאָגט.

דער אַרבעטער רינג און דער קולטור־קלוב, דאָס זיינען די צוויי היימען אין וועלכע ברייס לעבט זיך אויס, פון זינט ער איז געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס מיט 46 יאָר צוריק. אויך דער ייוואָ, ווי מיר וועלן עס איבערגעגעבן שפּעטער.

תנחום ברייס האָט אָנגעפאַנגען זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אַלס יונגער בחור נאָך אין דער אַלטער היים אין לאָדזש, אין אַרבעטער בונד. גאַנץ שנעל האָט די פירערשאַפט דערקאָנט זיינע גרויסע פעיקייטן אַלס אָרגאַניזירער און אַגיטאַטאָר און אים אַרומגעשיקט אין פאַרשיידענע שטעט פון פוילן. אָבער דער סאָציאַלער עלעמענט אַליין האָט ברייסן ניט אין גאַנצן באַפרידיקט. ער האָט געזוכט אויך זיך קולטורעל אויסצולעבן. און אין לאָדזש איז ער געווען פון די גרינדער פון דער קולטור־גרופּע „די האַרפּע". און ווען מענדעלע מוכר ספרים איז געקומען קיין לאָדזש, איז ברייסן איבערגעגעבן געוואָרן די מיסיע צו באַערן מענדעלען מיט אַ שריפט אויף פאַרמעט, און ער האָט עס אויסגעפירט אויף אַזאַ שטייגער, אַז ער האָט פאַרשאַפט גרויס הנאה דעם זיידן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

קומענדיק אין אַמעריקע, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך די סאָציאַליסטישע אידעאַלן און דעם דאָרשט נאָך קולטור. ער איז געווען צווישן די גרינדערס פון פיינטערס און פּייפּער הענגערס יוניאָן; געוואָרן פאָרזיצער פונעם לאָקאַל, פאָרזיצער פון סטרייק־קאָמיטעט, און געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים. ער איז געווען צווישן די גרינדערס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אויף דער קאָנווענשאָן אין ניו הייווען; איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן. און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען אין דעם דעמאָלסטדיקן „פּיפּלס רעליף" און מענעדזשער פון דער קליידער קאָמפּאַניע אין בראָנקס. צו דער זעלבער צייט איז ער אַריין אין אַרבעטער רינג און דאָרט אָנגעפירט קולטור־טעטיקייט.

---

מיינער אַ פריינד, וואָס זיינע אויגן און אויערן האָבן אים אויפגעהערט צו דינען, פאָדערט אָבער פון מיר מיינעם אַ נייעם בוך; ס'פעלט אים אין ביבליאָטעק. ער וויל אַז זיין ביבליאָטעק זאָל זיין אַ גאַנצע, אַ פולע, ווייל ער פאַרברענגט דאָרט לאַנגע שעהען צווישן זיינע ספרים־פריינד. איך וואָלט געקענט ברענגען אומצאָליקע פאַלן וועגן יידן און ספרים: דער פון ווייטער קאַנאַדע, דער וואָס האָט מיר געבראַכט דעם ש"ס, און דער וואָס האָט געמאַכט אַ יום־טוב לכבוד די צוויי גרויסע בענד פון בוקסדאָרפס תנ"ך מיט די הילצערנע טאָוולען, געבונדן אין פאַרמעט מיט די מעשענע האָקן. יאָ, עטלעכע הונדערט יאָר אַלט... מענדל עלקין ע"ה האָט דאָס פאַר אים ערגעץ באַקומען, דאַרף מען זיך משמח זיין.

יענעם קליינינקן ש"ס'עלע פון „חורב" נוץ איך שוין דריי צענדליק יאָר. ניטאָ שוין יענער ייד דזשאָרדזש סודאר פון ש"ס'עלע, און ניטאָ די אַנדערע יידן; ניטאָ דער שניידער־געזעל, וואָס האָט גענייט מיט דער נאָדל און בשעת מעשה געטראַכט וועגן חומש־לידער (איציק מאַנגער). אָבער צו דער דאָזיקער גאַלעריע פון ספרים־יידן, וועלכע לעבן מער מיטן ספר אין שטוב, אין שול, אין קלוב, ביים וואַרשטאַט — צו דעם האַרציקן אייביקן עמך־טיפּ ייד געהערט אויך דער סטאָליער ספרים־ייד, ר' נתן אזאָלין.

לאַנג לעבן זאָלן אַזוינע יידן!

קומענדיק אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1925, איז ער גלייך אַריין אין דעם מעדעם צווייג 655 אַרבעטער רינג, און אין לאָס אַנדזשעלעס יידישן קולטור־קלוב. אין ביידע איז ער געווען און פאַרבליבן זייער אָנגעזען. אין מעדעם צווייג, אפשר אַ דאַנק אים און נאָך אַ פּאָר, איז געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספערע פון אַ משפּחה־גייסט. מיינונגס פאַרשידנהייטן זיינען פאַראַן, אָבער מען האָט דרך־ארץ איינער צום צווייטן און מען פירט אָן אַן אַקטיווע קולטור־אַרבעט. תנחום ברייס איז דאָרט שוין פאַר לאַנגע יאָרן דער פאָרזיצער און איז שטאַרק באַליבט.

אין קולטור־קלוב האָט ער זיך געמאַכט בוצלעך אַלע מאָל. ער איז געווען פאַר לאַנגע יאָרן אַ וויצע־פאָרזיצער און דער אָנפירער פון די מאָנטאג אָוונטן קולטור־פּראָגראַמען; אַלע מאָל געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און מיטגעהאָלפן אויף אַלע אופנים דעם קולטור־קלוב. אָבער מיט דעם אַליין האָט ער זיך ניט באַגנוגנט. מיר האָבן דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַט אַלס תושבים אַ צאָל וויכטיקע דיכטער און פּראָזאַיקער, וועמענס ווערק האָבן דערזען די ליכטיקע וועלט אַ דאַנק די טעטיקייטן פון ספּעציעלע בוך־קאָמיטעטן וואָס האָבן זיך דאָ פאָרמירט. ברייס האָט זיך באַטייליקט ווי אַן אָנפירער אין אָט־די קאָמיטעטן.

מיט ייווא האָט זיך ברייס פאַרבונדן פון ערשטן טאָג, זינט עס האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ ל. א. ייווא קאָמיטעט. פריער פלעגן די זאַמלונגען דורכגעפירט ווערן אַ דאַנק דער הילף פון קולטור־קלוב, אָבער מיטן מאָמענט וואָס דער ייווא־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט, איז ברייס אין אים אַריין בלב ונפש. ער איז איינער פון זיינע וויצע־פאָרזיצערס, און ניט בלויז אין נאָמען, נאָר טאַקע מיט שעפערישע טעטיקייטן.

צו זיינע 85 יאָר ווינטשן מיר אים אין נאָמען פון „חשבון" און קולטור־קלוב נאָך אַ סך יאָרן פון אַקטיווע טעטיקייטן אויף די געביטן וואָס זיינען אים ליב און נאָענט.

לאַנג לעבן זאָלט איר נאָך, אונדזער ליבער און חשובער תנחום ברייס!

י. טיללעס

# י. מאַקאָווסקי
# אַ בן־תשעים

י. מאַקאָווסקי, צו זיינע ניינציק יאָר, מיט אַלע זיינע פיזישע שוואַכקייטן וואָס קומען מיט דער עלטער, פאַרמאָגט ער אָבער נאָך היינט זיין זעלבסטשטענדיקן געדאַנקען־גאַנג און שאַרפן אַנאַליטישן מוח, מיט וועלכן ער איז געבענטשט און וואָס ער האָט געשטעלט צום דינסט אין זיין געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט צו וועלכע ער האָט צוגעטראָגן אַ באַדייטענדן חלק.

נאָך אין דער אַלטער היים, פון דער ישיבה צום סטאָלערי־וואַרשטאַט, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין קלאַס־צימערן פאַר די יונגע סטאָליערס לערן־יינגלעך. ער האָט זיי געלערנט, מדריך געווען, און זיי קוקן אַרויף מיט די גרויע קעפּ נאָך היינט צו אים, זייער לערער, זייער וועגווייזער.

מיר איז ווייניק באַקאַנט זיין טעטיקייט אין באָסטאָן, פון וואַנען ער איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס. איך קען אים גוט דאָ אין שטאָט פאַר נאָענט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. איך ווייס אַז ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַנאַרכיסטישער פילאָסאָפיע, אָבער, ווי שוין געזאָגט, ער איז געבענטשט מיט אַ זעלבסטשטענדיקן געדאַנקען־גאַנג און גייט ניט שטענדיק דעם וועג וואָס אַנדערע פירן אָן.

י. טיללעס

## טייערע און ליבע יעטע בונין:

מיט אַ טיף־האַרציק נשמהדיקן מיטגעפיל שרייב איך די פּאָר ווערטער פאַר אייער גרויסן פאַרלוסט פון אייער שוועסטער. איך בעט גאָט איר זאָלט מער ניט האָבן קיין צער אין אייער לעבן...

גאָט אין הימל, האַר פון אַלע וועלטן, הער צו מיין געבעט און דערפיל מיין האַרציקסטע בקשה...

מיט פריינדשאַפט, פאַרערונג און טיפסטן מיטגעפיל —

ווילי שאָר



י. טיללעס

# רשימה פון די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־אָוונטן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דעם 45־טן זמן 1970־1971

## 1970

שבת אָוונט, 24טן אָקטאָבער — דער־עפענונג — שלמה צוקערמאַן; אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער פונעם אָוונט. אין פּראָגראַם: די באַרימטע טריאָ — שענאָן געלסאָן, פּיאַניסט; דזשעקעלין לופּט גאָרדאָן, טשעלאָ און איגנאַץ ספּייסער, פידל; זיגמונד לעוו, באַוווסטער וואָרט־קינסטלער, רעציטאַציעס; אסתר מאַרלאָו, באַקאַנטע זינגערין, אין יידישע און העברעישע לידער. באַגריסער: זלמן זילבערצווייג און אַלעקס ראָבין.

שבת אָוונט, דעם 7טן נאָוועמבער — ליטעראַריש־מוזיקאַלישער פּראָגראַם לכבוד דעם סיום פון א. גאָלאָמבס יובל־בוך „חסד לאברהם", אַרויסגעגעבן פון ל.א. ייווא קאָמיטעט לכבוד דעם 80יאָריקן יובל פון אָט דעם חשובן געלערנטן פּעדאַגאָג און באַרימטן שרייבער. מיט אָפּשאַצונגען וועגן דעם בוך זיינען אויפגעטראָטן: א. פּאָזי, זאב סאָלעס און ד"ר בערל גאָלאָמב. מיט געזאַנג, פאָרלייענונגען און באַגריסונגען זיינען אויפגעטראָטן אייניקע אמאָליקע תלמידים און תלמידות פון דעם בעל היובל. פאָרזיצער: אַלעקס ראָבין.

שבת אָוונט, דעם 14טן נאָוועמבער — רעפעראַט פון ד"ר מנחם נאור. טעמע: „שיר השירים — ליבע און משפּחה־מאָטיוון אין תנ"ך." העראָלד גרין אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם. א. פּאָזי, פאָרזיצער.

שבת אָוונט, 21טן נאָוועמבער — דרינגענדיקע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג צו פאַרהאַנדלען פּלענער פאַר דער צוקונפט פון קלוב.

שבת אָוונט, 5טן דעצעמבער — דער באַקאַנטער לעקטאָר סערגעי גוטקעוויטש האָט גערעדט וועגן דעם דיכטער־דערציילער און פּאַרטיזאַן שמערקע קאַטשערגינסקי, און בערניס שאדאן האָט געזונגען קאַטשערגינסקיס לידער.

שבת אָוונט, דעצעמבער 12טן — ליטעראַריש מוזיקאַלישער אָוונט, מיט די אַרטיסטן אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, בינע און פילם־קינסטלער, און אַנדרע באַלאָ, באַרימטער פידל־ווירטואָז. שענאָן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ.

שבת אָוונט, 19טן דעצעמבער — חנוכה פּראָגראַם, מיט יצחק קאָלער, אין אַ פאַרטראַג וועגן חנוכה. ס'איז געוויזן געוואָרן אַ פילם פון ביבלישן גאָרטן אין ישראל. העראָלד גרין אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם; דוד מאַרסעל, פאָרזיצער.

## 1971

שבת אָוונט, 2טן יאַנואַר — ניי־יאָר פייערונג מיט אַ רייכן ליטעראַריש־מוזיקאַלישן פּראָגראַם מיט דער באַטייליקונג פון סאָניע פלאָוס, בינע און טעלעוויזיע קינסטלערין; ראָבערט דוגען אין אַ ציקל לידער, מיט שענאָן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ, און דוד מאַרסעל אין אַ פאָרלעזונג. בלומע שטיינבערג, פאָרזיצערין.

שבת אָוונט, 7טן יאַנואַר — דער פּראָגראַם איז געווידמעט דעם דיכטער פּינטשע בערמאַן, לכבוד דער דערשיינונג פון זיין נייעם בוך לידער „אין גערויש פון ווינט". מיט אַן אָפּשאַצונג פונעם דיכטער איז אויפגעטראָטן י. ש. טויבעס און דער דיכטער און סעקרעטאַר פון „חשבון" ז. בונין. מיט פאָרלייענען פון זיינע לידער איז אויפגעטראָטן דער דיכטער אַליין, פּינטשע בערמאַן. איזאַבעלאַ קאַץ — אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם.

שבת אָוונט, 16טן יאַנואַר — אינעם ליטעראַרישן פּראָגראַם, געווידמעט דער דערשיינונג פון דעם נייעם פאַרגרעסערטן און אינהאַלטסרייכן נומער

„חשבון" האָבן זיך באַטייליקט דער רעדאַקטאָר אריה פּאָזי און אַ צאָל מיטאַרבעטער פון „חשבון" מיט קורצע רעדעס און מיט פאָרלייענונגען פון זייערע שאַפונגען. אַלעקס ראָבין, פאָרזיצער.

שבת אָוונט, 30טן יאַנואַר — ליטעראַריש קינסטלערישער אָוונט געווידמעט צו זלמן זילבערצווייג, צו דער דערשיינונג פון זיין „האַנטבוך פון יידישן טעאַטער." דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון קולטור קלוב צוזאַמען מיטן ל. א. ייוואָ קאָמיטעט. זלמן זילבערצווייג האָט געהאַלטן אַ קורצן רעפעראַט אויף דער טעמע: „בוך און ספר", ציליע סילווער און יצחק רויטבלום זיינען אויפגעטראָטן אין פאָרלעזונגען און האַראָלד גרין האָט געזונגען א ציקל פון גאָלדפאַדנס לידער.

שבת אָוונט, 6טן יאַנואַר — אַ רעפעראַט פון חבר אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון", איבער דער טעמע: „די תפוצות, ישראל און דער קיום פון יידישקייט," מיט חנה פריינדליך שעף, אין אַ ציקל לידער פון א. רייזען און פּיאַנאָ באַגלייטונג פון שענאָן געלסאָן. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

שבת אָוונט, 22טער פעברואַר — טעאַטער אָוונט דורכגעפירט פון אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, מיט אַ טרופּע אין אַן אַקט פון שעקספּירס „שיילאָק" און שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט."

שבת אָוונט, 6טן מערץ — קבלת פּנים פאַר חיים גראַדע, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „הויפּט פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור." אויך האָט ער פאָרגעלייענט אַ צאָל פון זיינע לידער.

שבת אָוונט, 27טן מערץ — אַ ספּעציעלע וויכטיקע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג וועגן קלוב.

שבת אָוונט, דעם 3טן אַפּריל — אַ פּראָגראַם געווידמעט דער דיכטערין ברכה קודלי צו דער דערשיינונג פון איר נייעם בוך לידער: „ניט אויף ברויט אַליין". סערגעי נוטקעוויטש האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן בוך און דר. אברהם זיגלבוים האָט פאָרגעלייענט אייניקע לידער. אויך די דיכטערין אַליין האָט גענומען דאָס וואָרט. יצחק ניומאַן איז געווען פאָרזיצער.

שבת אָוונט, דעם 17טן אַפּריל — אַ צווייפאַכע מלווה מלכה, שבת און פּסח. אַ רעפעראַט פון דעם באַוווסטן געלערנטן אברהם גאָלאָמב וועגן פּסח. מלכה שאָר אין אַ ציקל צוגעפּאַסטע לידער.

שבת אָוונט, 24טן אַפּריל — געווידמעט דעם 90 יאָריקן יובל פון נתן אַזאָלין, ביבליאָטעקאַר פון קלוב. דער בעל היובל איז האַרציק באַגריסט געוואָרן פון א. גאָלאָמב און אַנדערע חברים. די מוזיקאַלישע טייל איז דורכגעפירט געוואָרן פון איירא פיינגאָלד. אַ קיצור פון א. גאָלאָמבס באַגריסונג צום בעל־יובל ווערט געבראַכט אויף אַן אַנדער זייט פון „חשבון".

שבת אָוונט, דעם 1טן מאַי — פּראָפעסאָר שולוואַס האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „דער ייד און זיין ספר."

שבת אָוונט, 8טן מאַי — ד"ר הערשל סלוצקי, פּראָפ. אין יו. עס. סי., האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אד"ט: „די ירושה פון יידישן ראַדיקאַליזם ביים ייִנגערן דור." פּראָפ' סלוצקי איז אַ גראַדואַנט פון דער היגער יידישער מיטל־שול.

שבת אָוונט, 15טן מאַי — געווידמעט דעם יום־העצמאות פון דער יידישער מדינה, מיט משה כהן אַלס רעדנער און די הבונים אין אַ פּראָגראַם פון מוזיק און טאַנץ.

שבת אָוונט, 22טן מאַי — אַ פּראָגראַם געווידמעט דעם אָנדענק פון ה. רויזענבלאַט ע"ה, מיט פינטשע בערמאַן אַלס רעדנער, יצחק רויטבלום אַלס רעציטאַטאָר פון רויזענבלאַטס לידער, און העראָלד גרין האָט געזונגען רויזענבלאַטס לידער.

שבת אָוונט, 29טן מאַי — אַ שבועות־אָוונט, מיט דוד מאַרסעל אַלס לעקטאָר וועגן שבועות און אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו אין פאָרלעזונגען פון שבועות דערציילונגען און לידער.

שבת אָוונט, דעם 5טן יוני — אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון" — אין אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „גלויבן אין יידישקייט אין אַ דור פון אומגלויבן."

שבת אָוונט, דעם 12טן יוני — סיום הזמן פון 45טן סעזאָן — אַן אָוונט פון יידישער נגינה: „100 יאָר יידיש ליד אין וואָרט און געזאַנג", דורכגעפירט פון דעם באַרימטן מנגן און פאָלקס־זינגער שמואל קעלעמער און דעם מוזיקאָלאָג בערי היימס.

דריי שבתים זיינען דורכגעלאָזן געוואָרן: א) צוליב דעם פּלוצימדיקן שווערן רעגן; ב) צוליב דעם אָפיציעלן קבלת פּנים פאַר חיים גראַדע און ג) צוליב דער טעאַטער־פאָרשטעלונג אין ווילשייר עבעל טעאַטער פון אַרבעטער רינג און יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

שבת אָוונט, דעם 24טן יולי — איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שלושים יזכור אָוונט נאָך דעם גרינדער פון קולטור־קלוב, דעם אומפאַרגעסלעכן אליהו טענענהאָלץ ע"ה. אַ נעקראָלאָג וועגן טענענהאָלץ דערשיינט אויף אַן אַנדער זייט פון „חשבון".



# דער מצב פון אונדזער ל. א. יידישן קולטור־קלוב

ליבע חברים און חברות פון אונדזער קולטור־קלוב:

אַזוי ווי אַ טייל פון הייַנטיקן נומער „חשבון" איז געווידמעט צו אונדזער קולטור־קלוב, וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון קלוב ביז איצט.

אין אַן אַנדער טייל פון אונדזער נומער „חשבון" וועט איר געפינען אַן אויספירלעכן פינאַנציעלן באַריכט. דאָ וויל איך שרייבן וועגן דער מיטגלידערשאַפט, וועלכע איז אַזוי וויכטיק פאַר אונדזער קלוב ווי די פינאַנצן און געוויס נאָך אַ סך וויכטיקער.

פאַר דעם לעצטן זמן האָבן מיר פאַרלוירן 26 מיטגלידער: אייניקע — צו אונדזער גרויסן צער — צוליב נאַטירלעכע סיבות . . . נאָר די גרעסטע צאָל האָבן מיר פאַרלוירן צוליב דער טראַנספּאָרטאַציע. אַ סך מיטגלידער האָבן זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז עס איז לעצטנס זייער שווער פאַר זיי צו קומען אין קלוב, ווייל זיי קאָנען מער ניט טרייבן זייערע קאַרס. איבערהויפּט ביי דער נאַכט, און זיי פאַרדריסט שטאַרק וואָס זיי קאָנען ניט הנאה האָבן פון די שיינע ליטעראַרישע, קולטורעלע און יידיש־מוזיקאַלישע פּראָגראַמען וואָס ווערן דורכגעפירט אין אונדזער קלוב אין משך פון 40 שבת־אָוונטן יעדן זמן שוין פאַר אַזוי פיל יאָרן.

ווי עס איז באַקאַנט צו פיל פון אייך: ס'איז באַשלאָסן געוואָרן ביי אַן אַלגעמיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן ספּעציעל וועגן דעם אויבן־דערמאָנטן פּראָבלעם, צו פאַרקויפן אונדזער איצטיקע שיינע היים און געפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אונדזער קלוב אין אַ גרעסער באַזעצטן יידישן געגנט, וו עס זאָל זיין גרינגער צוצוקומען, און אפילו, אויב מעגלעך, מיט אַ קורצן שפּאַציר.

מיר האָבן אַריינגעגעבן דעם בנין צו פאַרקויפן און מיר האָבן גוטע אויסזיכטן צו געפינען אַ שיינע, נייע היים פאַר אונדזער קלוב.

אָבער דערווייל איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען דעם 46טן זמן פון אונדזער קולטור־קלוב, שבת אָוונט, דעם 23טן אָקטאָבער, 1971, אין איצטיקער געביידע מיט אַ רייכער מוזיקאַלישער און ליטעראַרישער פּראָגראַם.

איך וויל אייך אַלעמען ווינטשן צום נייעם יאָר, אַז מיר אַלע זאָלן נאָך פאַר פיל יאָרן זיך באַגעגענען אין קולטור־קלוב און געניסן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן פון די פיל פאַרשידנאַרטיקע פּראָגראַמען, וועלכע וועלן דאָרטן דורכגעפירט ווערן.

סעם לעווין, פינאַנץ־סעקרעטאַר

# אַ פאַרדינטער דאַנק

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קול־טור־קלוב דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו:

**שלמה צוקערמאַן**
**שמחה גרעי**
**סעם לעווין**

פאַר זייער ענערגיע און פלייס אָנצופירן דעם לעצטן זמן די קאַמפּאַניע לטובת דעם בודזשעט פונעם קלוב, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט מיט אַ היפשן דערפאָלג.

די יערלעכע שטייערן, וואָס דער קלוב קריגט פון די מיטגלידער דעקן ניט אַלע הוצאות פונעם קלוב. די איבעריקע הוצ־אות מוזן געדעקט ווערן דורך פרייוויליקעביישטייערונגען פון מיטגלידער און פריינד.

גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אַ יישר כוח צו אַלע אונדזערע חברים און פריינד, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט זייערע ביי־שטייערונגען און טעטיקייטן לטובת דעם קלוב, וואָס האָט איצט פאַרענדיקט דעם 45סטן יאָר פון זיין קיום און האָט אין משך פון די דאָזיקע יאָרן פיל משפיע געווען אויפצוריכטן יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָס אַנגעלעס און דורך דעם מפורסם געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

* * * * *

## ביישטייערונגען

### $150.00

חבר און חברה
שלמה און ציליע צוקערמאַן

### $50.00

חברה שרה וויגאַרסקי
חברה דזשעני וויינמאַן
חבר און חברה י. ליוואַק
חבר און חברה זיגמונד לעוו
חבר און חברה סעם לעווין
חברה אסתר סאָלאָמאָן

### $35.00

חבר און חברה י. בערקאָוויץ
חבר און חברה יצחק לעווין

### $25.00

חברה ראָוז באלאָט
חברה לאה באַרנעס
חבר און חברה ז. און יעטאַ בוגין
הירשביין־רויזענבלאַט פאַרבאַנד צווייג
חבר און חברה ר. טעמפּער
חברה פּעני לעווין
חבר און חברה ד. מאַרסעל
חבר און חברה דזשוליוס מילער
חבר און חברה א. פּאָזי
חבר און חברה א. קאַרסאָן
חבר משה קאַפּלאַן
חבר און חברה אַלעקס ראָבין
חבר און חברה מאַקס רומאַק
חבר און חברה מ. שולווייס
חבר און חברה מ. און בלומע שטיינבערג

### $20.00

חברה שרה פּאָגאָרעלסקי

### $18.00

חבר און חברה בען קליינהאַרט

### $15.00

חבר און חברה שאול אָדעס
חבר נתן אַזאָלין
חברה פנינה אָסמאַן
חבר און חברה אָרטענשטיין
חבר און חברה תנחום ברייס
חבר און חברה דזש. גרעי
חברה ב. דייטש
וויצמאַן־זאַלצמאַן פאַרבאַנד צווייג
חבר און חברה זימרינג
חברה אַננאַ לערנער
חברה גאָסי סאַרטאָ
חברה סיידי פינקלשטיין

### $10.00

חבר און חברה מ. אָדערבערג
חבר און חברה פ. בראָדי
חבר און חברה מ. גאָלדשטיין
חברה ע. גודמאַן



חבר מ. גרינפילד
חבר קאַרל האַלפּער
חברה מרים הירשבערג
חבר און חברה א. זיגלבוים
חבר און חברה ב. מלחי
חבר לייזער מעלצער
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט
ד"ר שוגאַר
חבר און חברה שלאָסער
חבר און חברה א. שניידער
חברה גאָסי א. שערמאַן

### $5.00

חבר און חברה ט' גיבערמאַן
חברה מערי א. מאָרער
חבר יוסף ראָטה

## FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB

From August 1st, 1970 to July 31st, 1971

By SAMUEL LEVIN, Financial Secretary

### INCOME

| | |
|---|---|
| Balance from last year | $ 477.87 |
| Dues | 2142.00 |
| Rent | 830.00 |
| Admission at door | 1069.20 |
| Miscellaneous | 90.00 |
| Received from savings | 2094.05 |
| Received from 1971 Campaign | 1293.00 |
| Total Income | $7996.12 |

### DISBURSEMENTS

| | |
|---|---|
| Wages | $1595.89 |
| Talents and Entertainment | 1425.00 |
| Stamps and Printing | 636.35 |
| Utilities | 494.62 |
| Donations and Subscriptions | 200.00 |
| Internal Revenue and Department of Employment | 468.29 |
| Property Tax | 54.10 |
| State Compensation Insurance | 50.00 |
| County Property Tax | 1677.34 |
| Journal "HESHBON" | 250.00 |
| Gardener | 150.00 |
| Miscelaneous (repair, coffee and cake, etc.) | 560.73 |
| Total | $7562.32 |
| Balance in Bank, July 31st, 1971, Ch. No. 1237 | 433.80 |
| GRAND TOTAL | $7996.12 |

# Addressing & Mailing Center, Inc.

**1901 West Olympic Blvd.**
**Santa Monica, Calif. 90404**

☆ ☆ ☆

## DIRECT MAIL ADVERTISING

- Complete addressing, mailing, creative service
- Direct mail consultants
- Mail order buyers
- Cheshire labeling, completely automated
- Mailing lists . . . local, state, national
- Creative artwork, copywriting, printing
- Market research

☆ ☆ ☆

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

☆ ☆ ☆

MR. JOE DIAZ, President

MR. SHEL LAWRENCE, Sales Manager



# HANCOCK PARK CONVALESCENT HOSPITAL

SOUTHERN CALIFORNIA'S FINEST AND MOST LUXURIOUS FACILITIES

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

- Piped Oxygen in every room
- X-Ray, Laboratory and Pharmacy Service
- Special Diets prepared as prescribed
- Color Television in Recreation Rooms
- Superb Food
- Fully fire protected and inspected; complete automatic sprinkler system
- Beautifully furnished in cheerful relaxing decor
- Luxurious Dining Rooms
- Hi-Fi background music
- 41 Rooms, bathroom to each room
- Resort Patios, lounges & garages
- California registered nurses and licenced vocational nurses
- Occupational Psysio-Inhalation and Speech Therapy

- אַ היימישע יידישע אַטמאָספערע
- פריינדלעכע באַהאַנדלונג און אויפפאַסונג
- יידישע מאכלים, היימישע מענטשן
- אַן אמתע היים — אַוועק פון דער היים.
- אַ יידישע און ענגלישע ביבליאָטעק.

- Complete convalescent services for men and women — chronic cases—cardiac geriatric—diabetic — orthopedic
- Licensed Physical Therapist
- Recreational therapy
- TV outlets in every room
- Supervised by a full time occupational Therapist
- House Physician available 24 hrs.
- Beauty Salon • Air conditioning
- Automatic zone control heating.



**505 North La Brea Ave. • Los Angeles, Calif.**
**Tel. 937-4860 (24 Hours)**

DIRECTIONS: Any East-West through Street crosses La Brea. The Hospital is situated between Melrose Avenue and Beverly Boulevard.